STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06580

POLITISHER EKONOMYE

Alexander Malinovskii A. Bogdanov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וויסענשאַפטליכע ביבליאָטעק

אין צעהן בענד.

אונטער דער רעדאקציע
פון
דר. יצחק אייזיק הורוויטש.

פאַרלאַג „די היים"
ניו יארק — 1919.

באַנד זיבען:

פּאָליטישע עקאָנאָמיע

בוך א.

א. באָגדאַנאָוו

פּאָליטישע עקאָנאָמיע

אידיש: חיים קאַנטאָראָוויטש

פאַרלאג „די הײם“
ניו יאָרק.

Copyrighted, 1920
FARLAG HEIM, INC.
New York, N. Y.

אינהאַלט:

פאָררעדע פון רעדאַקטאָר.

ערשטער קאַפּיטעל:

אלגעמיינע באַגריפען

1. די באַשטימונג פון דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט — 11
2. פּראָדוקציע — — — — — — — — — — — — — — 18
   א. די קוואַליטעט פון דער געזעלשאַפטליך־נוצליכער אַרבייט — — — — — — — — — — 18
   ב. די קוואַנטיטעט פון דער געזעלשאַפטליכער אַרבייט — — — — — — — — — — — — 22
   ג. די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט — — — — 26
3. געזעלשאַפטליכע נוצליכקייט און געזעלשאַפטליכער ווערט — — — — — — — — — — — — — 38

אַן איבערבליק איבער די אלגעמיינע באַגריפען — — 43

די צוטיילונג אין די אָרדנונג פון דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט — — — — — — — — — — 45

וועגען דער מעטאָדע פון דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט 49

צווייטער קאַפּיטעל:

דער פּאַרצייטיגער משפחה־קאָמוניזם

1. דער שיכות פון פּאַרצייטיגען מענשען צו דער נאַטור 56
2. די געזעלשאַפטליכע פּראָדוקציאָנס־שיכות׳ן אין דער פּאַרצייטיגער משפחה — — — — — — — — 59
3. די פּאַרצייטיגע פאָרמען פון פאַרטיילונג — — — 62
4. די גרונט שטריכען פון דער פּסיכאָלאָגיע פון דער פּאַרצייטיגער געזעלשאַפט — — — — — — — 62
5. די אַנטוויקלונגס־כחות אין דער פּאַרצייטיגער געזעלשאַפט — — — — — — — — — — — 66

דריטער קאפיטל:

די פאטריארכאלע משפחה־ארגאניזאציע

1. דער אנהויב פון ערד־ארבייט און פיה־צוכט — — — 69
2. די אנטוויקלונג פון די פראדוקציאנס־שיכות'ן פון דער משפחה־גרופע — — — — — — — — — — — 71
3. די פארמען פון פונאנדערטיילונג פון פראדוקטען אין דער פאטריארכאלער פאמיליע — — — — — 77
א. ארגאניזירטע פונאנדערטיילונג
ב. די אומארגאניזירטע פונאנדערטיילונג — די אנטוויקלונג פון אויסטויש — — — — — — 79
4. די גרונט שטריכען פון דער פסיכאלאגיע פון דער צייט פון דער פאטריארכאלער משפחה — — 85
5. די אנטוויקלונגס כחות און די נייע פארמען פון לעבען אין דער פאטריארכאלער משפחה — — 94

פערטער קאפיטל:

די שקלאפעריי אין אלטערטום

1. די באציהונגען פון דער געזעלשאפט צו דער אויסערליכער נאטור — — — — — — — — — — 99
2. די אנטוויקלונג פון די באציהונגען פון פראדוקציע און פונאנדערטיילונג אין דער צייט פון שקלאפעריי 101
א. די גרופע פון שקלאפען אייגענטימער
ב. פראדוקציאנס שיכות'ן צווישען גרופען — — — 106
3. די הויפט שטריכען פון דער געזעלשאפטליכער פסיכאלאגיע פון דער אלטער וועלט — — — — 111
א. די לאגע פון דעם יחיד אין דער גרופע און געזעלשאפט
ב. די געזעלשאפטליכע פארמען פון זייער וועלט אנשויאונג — — — — — — — — — — — 117
4. די אורזאכען פון דעם אונטערגאנג פון דער שקלאפען געזעלשאפט — — — — — — — — — — 126
אלגעמיינע כאראקטעריסטיק פון דעם פעריאד פון שקלאפען ווירטשאפט — — — — — — — — 134

פינפטער קאפיטעל:

די פעאָדאַלע געזעלשאפט

1. די שיכות'ן צווישען געזעלשאפט און נאטור — — — — 138
2. די פראָדוקציאָנס און אויסטויש באציהונגען אין דער פעאָדאַלער גרופּע — — — — — — — — — — — 139
די באציהונגען צווישען די גרופּען אין דער פעאָדאַלער געזעלשאפט — — — — — — — — — — — — — 151
3. די גרונט שטריכען פון דער געזעלשאפטליכער פסי־כאָלאָגיע פון פעאָדאַליזם — — — — — — — — 160
4. די אנטוויקלונגס־כחות און זייער ריכטונג אין דער פעאָדאַלער געזעלשאפט — — — — — — — — — 165
אן אלגעמיינע כאראקטעריסטיק פון די נאטוראַל־ווירטשאפטליכע געזעלשאפטען פון דער פארגאנגענהייט — — — — — — — — — — — — 168

זעקסטער קאפיטעל:

די קליין־בירגערליכע געזעלשאפט

1. די באציהונגען פון דער געזעלשאפט צו דער נאטור — 171
2. די פּראָדוקציאָנס און פונאנדערטיילונגס באציהונגען אין דער קליין־בירגערליכער געזעלשאפט — — 172
א. די ניט ארגאניזירטע פארבינדונגען צווישען די ווירטשאפטען
ב. די אינוועניגסטע באציהונגען צווישען די באזונ־דערע ווירטשאפטען אין דער קליין בירגערליכער געזעלשאפט — — — — — — — — — — — — 188
ג. די ארגאניזירטע באציהונגען צווישען די גרופּען פון דער קליין־בורזשואזער געזעלשאפט — — 195
3. די גרונט שטריכען פון דער געזעלשאפטליכער פּסיכאָ־לאָגיע פון דער קליין־בורזשואזער צייט — — 206
4. די אנטוויקלונגס כחות און זייער ריכטונג אין דער קליין־בורזשואזער געזעלשאפט — — — — — — 218

זיבעטער קאַפּיטעל:

די עפּאָכע פון האַנדעלס־קאַפּיטאַל

1. טעכנישע שיכות'ן פון דער פּראָדוקציע — — — — — 222

2. די געזעלשאַפטליכע שיכות'ן פון האַנדעלס־קאַפּיטאַליזם 223

א. די אומאָרגאַניזירטע שיכות'ן צווישען ווירטשאַפטען

ב. די אינוועניגסטע שיכות'ן אין דער עפּאָכע פון האַנדעלס־קאַפּיטאַל — — — — — — — — — — — 228

ג. די אָרגאַניזירטע באַציהונגען צווישען די ווירטשאַפטען — — — — — — — — — — 230

3. די געזעלשאַפטליכע פּסיכאָלאָגיע און די אנטוויקלונגס־כחות פון האַנדעלס־קאַפּיטאַל — — — — — — 239

פאָרדערע פון דעם רעדאַקטאָר.

באָגדאַנאָוו'ס „קורס פון דער עקאָנאָמישער וויסענ־שאַפט", וואָס מיר לעגען דאָ פאָר דעם אידישען לעזער, איז אפשר דער בעסטער לערבוך פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע פון דעם מאַרקסיסטישען שטאַנדפּונקט. פאַר דעם היינטיגען דור פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ האָט באָגדאַנאָוו'ס בוך געשפּילט דיזעלביגע ראָליע, ווי פאַר דעם עלטערען דור טשערנישעווסקי'ס „אנמערקונגען" צו דזשאָן סטיוּאַרט מיל'ס פּאָליטישער עקאָנאָמיע. פון באָגדאַנאָוו'ס בוך האָט מען זיך געלער־רענט מאַרקסיסטישע עקאָנאָמיע.

קאַרל מאַרקס'עס „קאַפּיטאַל" איז ניט געשריבען גע־וואָרען פאַר אָנפאַנגער. מאַרקס האָט געהאָט אין זינען אַזעלכע לעזער, וואָס זיינען גוט באַקאַנט געווען מיט דער אָפיציעלער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט פון זיין צייט.

זיין בוך איז געווען ניט נאָר אַ נייע תורה, עס איז געווען אַ קריטיק פון די אַלגעמיין אָנגענומענע טעאָריעס. באָגדאַנאָוו האָט שוין געפונען די מאַרקסיסטישע טעאָ־ריע פאַרטיגערהייט, ער האָט אויף זיך גענומען די אויפ־גאַבע זי פאַרצולעגען פאַר דעם גרויסען עולם אין דער פאָרמע פון אַ לערבוך.

הגם אין תוך איז מאַרקס'עס „קאַפּיטאַל" אַן אונטער־זוכונג פון דער אַנטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם, אָבער אין זיין פאָרמע איז דער בוך מער אַן אונטערזוכונג פון פאַרשיידענע זייטען פון דעם קאַפּי־טאַליזם אין זיין אַנטוויקעלטען צושטאַנד, איידער אַ גע־שיכטע אין דעם אייגענטליכען זין פון וואָרט.

מיט עטליכע שטריכען כאַראַקטעריזירט ער אַ גאַנצע פּעריאָדע אין דער געשיכטע פון האַנדעל, פאַרבייגעהענדיג וואַרפט ער אַריין אַ באַמערקונג דאָ און דאָרטען וועגען דער פאַרקאַפּיטאַליסטישער צייט. אָבער עס איז ניט זיין אויפגאַבע דאָס אויסצופירען באריכות. אין איין זאַץ באַמערקט ער, אַז דער האַנדעלס-קאַפּיטאַל איז ענטשטאַנען אין דער געשיכטע פריהער איידער דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל, פאַר זיין צוועק איז דאָס גענוג. באָגדאַנאָוו האָט אויף זיך גענומען פאַרצושטעלען פאַר דעם לעזער די ע וואָלוציע (אַנטוויקלונג) פון דער עקאָנאָמישער טעטיגקייט פון דעם מענשען פון בראשית ביז דעם היינטיגען טאָג. דאָס וואָס איז ביי מאַרקס'ן נאָר אָנגעדייטעט מיט אַ וואונק, ניט באָגדאַנאָוו דעם לעזער אין אַ קאַפּיטעל, באַגרינדעט אויף די אויספאָרשונגען פון דער עקאָנאָמישער געשיכטע.

באָגדאַנאָוו באַשרענקט זיך ניט מיט דער עקאָנאָמישער געשיכטע אַליין, ער ערקלערט אויך גענוי דעם צוזאַמענהאַנג צווישען דעם עקאָנאָמישען געביט פון דער געזעלשאַפט און אירע פּאָליטישע איינריכטונגען.

גאַנץ אָריגינעל אין באָגדאַנאָוו'ס קורס, וואָס איך געפינט ניט אין קיין אַנדער לערבוך פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע (אויף ווי ווייט עס איז מיר באַקאַנט), איז זיין שילדערונג פון דער געזעלשאַפטליכער געדאַנקען-וועלט אויף יעדער מדרגה פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. ער ווייזט ווי אַזוי די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע שפּיגעלט זיך אָפּ אין די מחות פון דער געזעלשאַפט אין יעדער היסטאָרישער עפּאָכע.

אין זיין שלוס-קאַפּיטעל וואָלט ער אויך די גרונד-לאַגען פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, אויף ווי ווייט עס לאָזט זיך אויספירען פון דעם גאַנג פון דער אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. אין דער היינטיגער צייט, ווען דער סאָציאַליזם איז שוין ניט קיין ווייטער חלום, נאָר ער הויבט אָן צו ווערען אַ ווירקליכקייט אין אַזאַ גרויסער לאַנד ווי רוסלאַנד, און ער שטעהט שוין אויף דער טאָגעסאָרדענונג פון מאָרגען אין

דייטשלאַנד, אין שוועדען, אין פינלאַנד, איז דער שלום־קאַפּיטעל זעהר וויכטיג.

דער לעזער, וועלכער וועט אויסשטודירען באַגדאַ־נאָוו'ס בוך, וועט גרינדליך אויסגעבילדעט ווערען אין דעם מאַרקסיסטישען גייסט.

יצחק אייזיק הורוויטש.

10טען יולי, 1920

ערשטער קאַפּיטעל

אַלגעמיינע באַגריפען.

1: די באשטימונג פון דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט.

אין דעם פּראַצעס פון דער מענשהייטס אַנטוויקלונג ווערט דעם מענשענס קאמף פאַר זיין עקזיסטענץ אלס מער א *באוואוסטזיניגער* און *געזעלשאפטליכער*.

א באַוואוסטזיניגער קאמף פאר דער עקזיסטענץ *אַדער ארבייט*, הייסט די פארוועגדונג פון מענשליכער ענערגיע אויף באשטימטע, פון פאַראויס אויסגערעכענטע צוועקען. די צוועקען שליסען אין זיך אימער איין די באפרידיגונג פון א וועלכער עס איז מענשליכער באדערפעניש. אויב עס האַנדעלט זיך בלויז וועגען א פּערזענליכער באַדערפעניש פון דעם וואַס ארבייט, האָבען מיר פאר זיך דאן נאַר „א פּערזענליך־נוצליכע“ ארבייט, אזא איז צ. ב. ש. די ארבייט פון א מענשען, ווען ער עסט, אַדער טוט זיך אָן. מיט אַט דער סאָרט ארבייט גיט זיך די עקאָנאָמישע וויסענשאַפט ניט אָפּ. איר אינטערעסירט בלויז די „געזעלשאַפטליך־נוצליכע ארבייט“ ד.ה. אזוינע וואַס ווערען אָנגעווענדעט, ניט אויף דער באַפרידיגונג פון בלויז פּערזענליכע באַדערפענישען פון דעם וואַס טוט די ארבייט, נאַר אויף דער באַפרידיגונג פון געזעלשאַפטליכע באַדערפענישען, פאר דעם נוצען פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, פון וועלכער דער וואָס ארבייט איז אליין א מיטגליד. עס איז דערביי קיין אונטערשייד ניט, צי דער מענש זוכט באַוואוסטזיניג צו ברענגען נוצען זיינע מיטמענשען, אדער דאָס קומט ארויס אומאָפּהענגיג פון זיינע דירעקטע צילען. אויב דער

א. באַגראַנאָוו

שקלאַף ארבייט אפילו בלויז כדי צו פארמיידען קלעפּ, אדער דער לוין ארבייטער — כדי זיך צו ראַטעווען פון א הונגער טויט, איז זייער ארבייט אלץ איינס א „געזעלשאפטליך־נוצליכע" אויב דאס העלפט נאר פאַקטיש צו באפרידיגען די באדערפעניששען פון אנדערע מענשען.

ניט פארנעמענדיג זיך מיט דער אויספארשונג פון די באדערפע־נישען, באטראכט די עקאנאמישע וויסענשאפט פאר „געזעלשאפטליך־נוצליכע" יעדע ארבייט, וועלכע איז נויטיג פאר דער געזעלשאפט, אהן אונטערשייד אויב די ארבייט באפרידיגט די וויכטיגסטע אדער די צווייטע גראדיגע באדערפענישען, נאַטירליכע אדער קינסטליכע; די ארבייט פון דעם ערד ארבייטער און דעם נאלד־שמיד, פון לערער און משרת, ווערען פון דעם שטאנדפונקט ניט אונטערשיידט.

אין דעם זעלבען זין ווי מיר געברויכען דעם אויסדרוק „געזעל־שאפטליך־נוצליכע ארבייט" וועלען מיר אויך געברויכען דעם אויסדרוק „פּראָדוקציע."

אין דעם פראדוקציאנס פראצעס אונטערשיידט די וויסענשאפט צוויי באזונדערע זייטען: די טעכנישע און געזעלשאפטליכע.

די פראדוקציע איז דעם מענשענס קאמף מיט דער נאַטור. אין דעם קאמף ווירקט דער מענש דירעקט אויף דער נאטור, באנוצענדיג זיך מיט אירע זאכען און כחות, פארענדערט ער איר אין זיינע איי־גענע אינטערעסען. דער אוממיטעלבארער שיכות פון דעם ארבייטער צו דער אויסערליכער נאטור איז די טעכנישע זייט פון דער פראדוקציע. דאס ווערט אויסגעפארשט פון די טעכנישע וויסענשאפטען (מעכאניק, טעכנאלאגיע) און פון די נאטור־וויסענשאפטען (מאטעמאטיק, פיזיק, כעמיע און ביאלאגיע.)

די געזעלשאפטליכע זייט פון דער פראדוקציע זיינען די שיכות'ען אין וועלכע דער מענש געהט אריין מיט אנדערע מענשען ווען ער פראדוצירט.

די גרינטליכע און אלגעמיינע פראדוקציאנס שיכות'ן זיינען קלאר אויסגעדריקט שוין אין דעם באגריף אליין „געזעלשאפטליך־נוצליכע ארבייט"; מענשען ארבייטען איינער פאר'ן צווייטען, פאר דער גאנצער געזעלשאפט — צווישען זיי מוז פאלגליך זיין א שיכות

פון פארבינדעטע, די געמיינזאמקייט פון זייער קאמף מיט דער נאטור. אט די געמיינזאמקייט נעמט אן אין פארשיידענע פאלען פארשיידענע פארמען. ווען פיל ארבייטער טוען איין און די זעלבע ארבייט איז דאס אן איינפאכע צוזאמענארבייטונג. ווען פארשיידענע טיילען פון איין און דעם זעלבען פראדוקציאנס פראצעס ווערען אויסגעפירט פון באזונדערע ארבייטער האבען מיר א צוטיילונג פון ארבייט. ווען איין מענש פילט אוים די דירעקטיווען פון א צווייטען האבען מיר אונטערטעניגקייט. (א באזונדערער ארט פון דער צוטיילונג פון ארבייט.)

דער עיקר געגענשטאנד פון דער עקאנאמישער וויסענשאפט איז טאקי אט די געזעלשאפטליכע זייט פון דער פראדוקציע. — דער שיכות צווישען מענשען. און ניט דער שיכות צווישען מענש און אויסערליכער נאטור.

אין דער וויסענשאפט האט זיך נאך פון גאנץ לאנג איינגעווארצעלט די צוטיילונג פון דער געזעלשאפטליך־נוצליכער ארבייט אויף „פראדוקטיווער" און „ניט פראדוקטיווער". די ארבייט וואס שאפט מאטעריעל־נוצליכע זאכען רופט מען אן „פראדוקטיווע", די ארבייט וואס שאפט פראדוקטען וואס זיינען ניט מאטעריעל, רופט מען אן „ניט פראדוקטיווע" — ווי צ. ב. ש. די ארבייט פון דעם פאבריק ארבייטער און פון דעם לעקטאר. ביי אזא גראבער פונאנדערטיילונג וואלט דער גאנצער טראנספארט, ניט קוקענדיג אויף זיין גוואלדיג גרויסער באדייטונג אין דעם מאטעריעלען לעבען פון דער געזעלשאפט, געדארפט צוגערעכענט ווערען צו די „ניט פראדוקטיווע" ארבייטען. אזא סארט פונאנדערטיילונג קען ניט אנגענומען ווערען אלס וויסענשאפטליך. מען קען דאס אויסדריקען אנדערש, וואס וועט אויך זיין וויסענשאפטליך מער צופרידענשטעלענד; מען קען באצייכענען אלס „פראדוקטיווע ארבייט" יעדע געזעלשאפטליך־נוצליכע ארבייט וואס שאפט מאטעריעלע פארענדערונגען אין דער אויסערליכער נאטור, דאן וועלען ניט מעגליך זיין אזעלכע ווידערשפרוכען ווי דער וואס מיר האבען געזעהן אין דעם ערשטען ביישפיל מיט

א. באָגדאַנאָוו

דעם טראַנספּאָרט, דאָן אָבער פאַלט אוועק די צוטיילונג גופא. יעדע געזעלשאַפטליך־נוצליכע ארבייט מוז מען אַנרופען פּראָדוקטיווע, ווייל קיין שום ארבייט קען ניט ווערען געזעלשאַפטליך־נוצליך, ניט אויס־דריקענדיג זיך אין מאַטעריעלע פאָרמען, ניט פאַראורזאַכענדיג וועלכע עס איז מאַטעריעלע אומענדערונגען אין דער אויסערליכער נאַטור; די ארבייט פון שרייבער קען ווירקען אויף דער מענשליכער פּסיכיק בלויז דורך דער פאַרמיטלונג פון א מאַטעריעלען כתב אדער בוך; די ארבייט פון דעם לעקטאָר ווערט נוצליך פאַר די צוהערער דער־פאַר, ווייל צו זייערע אויערען דערגרייכט די קלאַנגען־באַוועגונג וועל־כע דער לעקטאָר האָט פאַראורזאַכט — די מאַטעריעלע ענדערונגען אין דער אַטמאָספערע און א. וו.

די פונאַנדערטיילונג פון פּראָדוקטיווע און ניט פּראָדוקטיווע אר־בייט האָט פריהער געשפּילט א זעהר גרויסע ראָליע אין דער וויסענ־שאַפט; אין דעם פעלד פון דער עקאָנאָמיע זיינען אריינגענומען גע־וואָרען בלויז די שיכות'ען פון די מענשען וועלכע אַנטשטעהען אין דער ספערע פון פּראָדוקטיווער ארבייט. פונדעסטוועגען, אויב עס זאָל שוין אפילו יע געלינגען צו געבען אָט דער צוטיילונג א גענוג פּינקט־ליכע און קלאָרע פאָרמולירונג, איז דאָס צווייפעלהאַפט צי דאָס וואָלט זיין נוצליך פאַר דער וויסענשאַפט, פאַר דער אויספאָרשונג פון דער געזעצמעסיגקייט פון די ערשיינונגען. דער עיקר איז ניט וואָס די אַלטע צוטיילונג איז א שלעכטע, די הויפּט זאַך איז, וואָס אין א ווי־סענשאַפט וואָס איז ריין־געזעלשאַפטליך, און א וויסענשאַפט, וואָס האָט צו טאָן מיט די שיכות'ען צווישען מענשען, ווערט דורך דעם אריינגעטראָגען א פרעמדער שטאַנד־פּונקט, דורך דעם וואָס די גרענע־צען פון דער וויסענשאַפט ווערען באַשטימט דורך די נאַטירליכע איי־גענשאַפטען פון די ז א כ ע ן, צי זיי זיינען מאַטעריעל אָדער ניט מאַטעריעל. די שיכות'ן צווישען מענשען אין זייער גע־זעלשאַפטליכער אַרבייט, קענען אָבער אָננעמען די זעלבע פאָרמען, סיי ווען זיי פּראָדוצירען מאַטעריעלע, סיי ניט מאַטעריעלע זאַכען; און וועלכע וויסענשאַפט, אויסער דער עקאָנאָמישער, וואָלט געקענט נע־מען אויף זיך די אויספאָרשונג פון די ספּעציעלע שיכות'ען פון דער גע־

מיינשאַפטליכער אַרבייט, וועלכע פאַרבינדען די „ניט־פּראָדוקטיווע" געזעלשאַפטליכע אַרבייטער מיט די „פּראָדוקטיווע".

מיט דער געזעלשאַפטליכער זייט פון דער פּראָדוקציע, איז אומ־צושיידבאַר פאַרבונדען די צ ו ט י י ל ו נ ג, וועלכע ערשיינט אַזוי ווי א פאַרטזעצונג פון דער פּראָדוקציע.

דער פּערזענליכער געברויך, ליגט אויסער דעם קרייז פון דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט, וועלכע איז איינע פון די געזעלשאַפטליכע וויסענשאַפטען, דאָס געהערט צו דער וויסענשאַפט פון דעם אָרגאַניזם (פיזיאָלאָגיע). אַבער די פּראָדוקציאָנס פּראָצעסען וואָלטען ניט געקענט ווערען געזעלשאַפטליך־נוצליך, ווען זייערע רעזולטאַטען, מאַטעריעלע און ניט מאַטעריעלע פּראָדוקטען, וואָלטען אויף א געוויסען אופן ניט פונאַנדערגעטיילט געוואָרען צווישען די מיטגלידער פון דער געזעל־שאַפט פאַר זייער פּערזענליכען געברויך. אויף דעם אופן שטעהט צווישען דער געזעלשאַפטליכער פּראָדוצירונג און פּערזענליכען געברויך, די פ ו נ אַ נ ד ע ר ט י י ל ו נ ג, דער געזעלשאַפטליכער פּראָצעס, דורך וועלכען דער אַרבייטס־פּראָדוקט, געהט איבער צום פאַרברויכער.

דער פּראָצעס פון פונאַנדערטיילונג שאַפט זיך אינגאַנצען פון די פאַרשיידענע שיכות'ען צווישען מענשען. דער עצם פון אַט די שיכות'ען איז אומעטום דער זעלבער: פון א געוויסען מאָמענט הויבט א באַ־זונדערער פאַרשוין אָן אָנערקענען א פּראָדוקט פון געזעלשאַפטליכער אַרבייט פאַר „זיינס" ד. ה. אַלס געגענשטאַנד פאַר זיין פּערזענליכען געברויך, און די איבעריגע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט דערלאָזען דאָס.

די באַזונדערע פאָרמען פון פונאַנדערטיילונג קענען צונויפגע־פירט ווערען צו צוויי הויפּט טיפּען. ערשטענס, די דירעקטע און אָ ר גאַ נ י ז י ר ט ע פאָרמע, — ווען איין ווילען, א פּערזענליכער אָדער געזעלשאַפטליכער באַשטימט דעם חלק וואָס יעדער יחיד זאָל האָבען אין די געזעלשאַפטליכע פּראָדוקטען, צ. ב. ש. ווען דער שקלאַ־פען־אייגענטימער, צונעמענדיג פאַר זיך דעם גאַנצען פּראָדוקט פון דער אַרבייט פון זיינע שקלאַפען, טיילט דערפון אויס פאַר זיי די

א. באגדאנאוו

נויטיגע לעבענס־מיטלען, אדער ווען דער ועד פון א שבט צוטיילט די געברויכס־ארטיקלען צווישען זיינע מיטגלידער. צווייטענס, די אומדירעקטע אדער *אומארגאניזירטע*. ווען דער געזעלשאפטליכער פראדוקט, געהט דורך א גאנצע רייהע טויש פראצעסען, ביז ער דערגרייכט דעם פארברויכער, ווערענדיג דאס אייגענטום פון פארשיידענע מענשען נאך דער רייהע. צ.ב.ש. דורך דעם פראצעס פון פארקויפען און קויפען, געהט דער פראדוקט איבער פון פאבריקאנט צום אנולניק און פון אים צום קליין־הענדלער און ערשט נאכהער צום ווירקליכען פארברויכער.

געוויינליך טיילט מען אפ די לערע וועגען אויסטויש פון דער לערע וועגען פונאנדערטיילונג, אלס באזונדערע טיילען פון דער עקאנאמישער וויסענשאפט. עס איז אבער ניטא דערפאר קיין גענוגענדער גרונט; דער אויסטויש איז נאר אן איינצעלנע פארמע פון פונאנדערטיילונג, א היסטאריש פארבייגעהענדע. עס אנטשטעהט און פארשווינדט אויף געוויסע שטופען פון אנטוויקלונג.

באשטימענדיג פינקטליך דעם פעלד פון דער עקאנאמישער וויסענשאפט, מוז מען פאלגליך זאגען, אז דאס איז די וויסענשאפט פון די געזעלשאפטליכע שיכות'ען פון דער פראדוקציע און פונאנדערטיילונג.

בעצם, וואלט זיין גענוג פינקטליך ווען מיר זאלען זאגען אז דאס איז די וויסענשאפט וועגען *די שיכות'ען פון דער פראדוקציע*, ווייל די פונאנדערטיילונג ווערט אויסגעפארשט פון דער עקאנאמישער וויסענשאפט בלויז אויף אזוי פיל אויף וויפיל דאס איז אומצוטיילבאר צוזאמענגעגאסען מיט דער פראדוקציע, אויף וויפיל דאס שטעלט פאר עפעס אזוי ווי די צווייטע זייט פון דער פראדוקציע. אויב צו איין קלאס געהערען די פראדוקציאנס ווערקצייג און צום צווייטען בלויז זיין ארבייטס־קראפט, זיינען דאס פונאנדערטיילונג־שיכות'ן, אבער גלייכצייטיג זיינען דאס אויך פראדוקציאנס שיכות'ען, ווייל דאס באצייכענט די הערשאפט פון דעם ערשטען איבער'ן צווייטען אין דעם פראדוקציאנס־פראצעס. בכלל איז די *פונאנדערטיילונג*

פּאָליטישע עקאָנאָמיע

וואס ווערט פון דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט אויסגעפאָרשט. די פּראָדוקציאָנס־ און פונאַנדערטיילונג פון די פּראָדוקציאָנס באַדינגונגען, די ערשטע און די צווייטע פאָרמע פון שיכות'ן זיינען פאַר איין אומצוטיילבאַר גאַנצע זאַך.

די געזעלשאַפטליכע שיכות'ן שטעלן מיט זיך ניט פאָר עפּעס וואס איז שטענדיג און ענדערן זיך ניט; זיי האַלטן זיך אימער אין איין בייטן, פּונקט ווי יעדע זאַך אין דער נאַטור. אין זייערע ענדערונגען ווערט אויסגעדריקט דער פּראָגרעס אָדער דאָס פאַלן פון. די געזעלשאַפטליכע כחות; דער זיג פון דער געזעלשאַפט איבער דער נאַטור אָדער פון דער נאַטור איבער דער געזעלשאַפט. עס איז געווען אַ צייט ווען מענשן האָבן געלעבט אין קליינינקע ענג צוזאַמענגעבונדענע געמיינדען, אומאָפּהענגיג איינע פון דער צווייטער; דעמאָלט זיינען די פּראָדוקציאָנס שיכות'ן געווען זעהר ענגע און איינפאַכע. און די פונאַנדערטיילונג־שיכות'ן זיינען צוריקגעפירט געוואָרען צו אַ פּשוט'ער צוטיילונג. איצט זיינען די מענשליכע געזעלשאַפטען ריזיגע, די עקאָנאָמישע שיכות'ן זיינען אין העכסטען גראַד פאַרפּלאָנטערט; פונדעסטוועגען איז דאָ אַן אומאיבערגעריסענע קייט פון אַנטוויקלונג צווישען דער פאַרגאַנגענהייט און געגענוואַרט. עס זיינען אויך געווען פאַקטען פון אַן אַנדער מין, ווען די געזעלשאַפטליכע כחות, זיינען אין קאַמף מיט דער נאַטור געפאַלען, זיינען ברייטע געזעלשאַפטליכע פאַרבינדונגען דאַן איבערגעריסען געוואָרען, די עקאָנאָמישע שיכות'ן זיינען דאַן געוואָרען ענגער און איינפאַכער. דאָ קומט אויס דער וויסענשאַפט אויסצופאָרשען אַ צווייטע אומאיבערגעריסענע קייט פון ענדערונגען, אָבער אַ קייט ניט פון אַנטוויקלונג, נאָר פון פאַלען און דעגראַדאַציע. דער גאַנצער אינטערעס פון דער וויסענשאַפט איז אין די פראַגען פון אַנטוויקלונג און דעגראַדאַציע, ווייל די וויסענשאַפט אליין איז איינע פון די וואָפען אין דעם מענשענס קאַמף פאַר'ן לעבען, — פאַר אַנטוויקלונג.

איצט קענען מיר פאַרענדיגען די כאַראַקטעריסטיק פון דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט: דאָס איז די וויסענשאַפט וועלכע פאָרשט אויס די געזעלשאַפטליכע שיכות'ן פון פּראָדוקציע און פונאַנדערטיילונג

א. באַגראַנאַוו

פון פּראָדוקטען און זייערע ענדערונגען, אנטוויקלונג און דעגראַדאַציע.
אַט די באַשטימונג צייכענט שוין אָן די עצם שטריכען פון דער אָרדענונג אין וועלכער אונזער ווייטערער שטודיום וועט גיין.

2: פּראָדוקציע.

מיר וועלען אָנהויבען פון דעם וואָס מיר וועלען קלאָר מאַכען איינציגע גרונט פראַגען וועגען דער פּראָדוקציע אַלס גאַנצע, דערווייל ניט צוטיילענדיג איר אויף אירע באַזונדערע טעכנישע און געזעל־שאַפטליכע זייטען.

אַט די גרונט פראַגען ווערען שוין אָנגעצייכענט דורך דער דעפי־ניציע פון דער פּראָדוקציע אַלס געזעלשאַפטליך־נוצליכע אַרבייט. אַרבייט הייסט א פאַרווענדונג פון מענשליכער ענערגיע פאַר א באַ־שטימטען צוועק. עס איז קלאָר אַז פריהער פון אַלעם מוזען מיר פאַר זיך קלאָר מאַכען דאַס פאָלגענדע:

ערשטענס, פאַר וועלכען צוועק, אין וועלכער ריכטונג, ווערט אונטערגענומען אַט די פאַרווענדונג פון ענערגיע, — „קוואַליטעט" (איכות) פון דער געזעלשאַפטליך־נוצליכער אַרבייט.

צווייטענס, ווי גרויס איז די פאַרווענדונג פון דער ענערגיע, — קוואַנטיטעט (כמות) פון דער געזעלשאַפטליך־נוצליכער אַרבייט.

דריטענס, אויף וויפיל דערגרייכט צו איר צוועק, די „פּראָדוק־טיוויטעט" פון דער אַרבייט.

א. די קוואַליטעט פון דער געזעל־שאַפטליך־נוצליכער אַרבייט.

אויב איין מענש פאַרנעמט זיך מיט באַאַרבייטען די ערד, א צווייטער מיט באַאַרבייטען מעטאַלען, א דריטער מיט לערנען א. אַז. וו. שטרעבט יעדער איינער פון זיי באַזונדער, אין זיין באַזונדערער מלאכה, צו א באַזונדערען אוממיטעלבאַרען צוועק, פאַרווענדען זיין ענערגיע

אויף א באזונדערער זאך, ווי אלע אנדערע. אט די באזונדערע פאר־וועגדונג פון ארבייט ווערט באצייכענט אלס באזונדערע „קוואלי־טעט".

די קוואליטעט פון ארבייט איז אין יעדען באזונדערען פאל אפ־הענגיג פון דריי באדינגונגען. ערשטענס, פון דער באדערפעניש פון דעם וואס ארבייט, פון זיין שטרעבען; צווייטענס, פון די אויסער־ליכע ארבייטס־מיטלען, וועלכע ער באזיצט; דריטענס, פון זיין אר־בייטס־קראפט. ביי דעם ווילדען איז דא א באדערפעניש צוצודעקען זיין קערפער פון קעלט, דרויסען געפינט ער א שארפען שטיין און א חיה מיט א ווארעמער פעל, אויסערדעם באזיצט דער ארגאניזם פון דעם ווילדען א פעהיגקייט פאר שארפע, שטארקע, ריכטיג־אנ־געווענדעטע, איינפאכע באוועגונגען. מיט אט די עלעמענטען ווערט אינגאנצען באשטימט די קוואליטעט פון דער ארבייט, וועלכע וועט אין דעם פאל געטאן ווערען: דער פרימיטיווער גראבער געיעג נאך דער חיה כדי צו קריגען איר פעל.

די עקאנאמישע וויסענשאפט פארנעמט זיך בלויז מיט דער פרא־דוקציע, ד. ה. מיט דער געזעלשאפטליכער ארבייט, דערפאר נעמט דא אן דער אויבען־געבראכטער געדאנק שוין אזא פארמע: אין דער פרא־דוקציע ווערט די קוואליטעט פון דער ארבייט פון פארשיידענע מענ־שען באשטימט, ערשטענס, דורך די געזעלשאפטליכע באדערפענישען, צווייטענס, דורך די געזעלשאפטליכע פראדוקציאנס מיטלען, דריטענס, דורך דעם גאנצען סכום פון דער געזעלשאפטליכער ארבייטס קראפט.

דער כאראקטער און די סומע פון די געזעלשאפטליכע באדער־פענישען ווערט באשטימט דורך דער גאנצער פריהערדיגער אנטוויק־לונג פון דער געזעלשאפט: אין דער אייראפייאישער געזעלשאפט זיינען די באדערפענישען אין א באדייטענדער מאס, אנדערע פיל גרעסערע, ברייטערע און מער קאמפליצירטע און פארשיידענארטיגערע ווי אין א פאאוסקער געזעלשאפט. וואס מער עס אנטוויקלען זיך די געזעלשאפטליכע כחות אין דעם קאמף געגען דער נאטור, וואקסען אויך די געזעלשאפטליכע באדערפענישען.

די פראדוקציאנס־מיטלען — דאס זיינען מאטעריאלען און געצייג

א. באַגדאַנאָוו

אין בכלל די עלעמענטען פון דער אויסערליכער נאַטור אויף וועלכע די מענשליכע ארבייט ווערט אנגעווענדט. אין מאנכע פאלען גיט די נאַטור אַט די מיטלען פשוט פאַרטיגערהייט, ווי צ. ב. ש. די בוימער פון אן אומבארירטען וואלד אויף וועלכע עס ארבייט דער האַלץ העקער, די אייזען־גרוב, וואס איז דער מאַטעריאל פאַר'ן אייזען־גרעבער, דער שאַרפער שטיין, וואס איז די געצייג פון ווילדען. אין אנדערע פאלען אבער האט דער פראַדוצענט צו טאַן מיט עלעמענטען פון דער נאַטור וואס זיינען שוין באארבייט געווארען פריהער פון אנדערע מענשען. ווי צ. ב. ש. מיט אייזען, וואס איז שוין ארויסגעקריגען געווארען פון דער ערד, מיט מאשינען, וואס זיינען געמאכט געווארען פון אייזען א. אז. וו. אַט די פאלען געהערען בכלל צו אַ מער קאמפליצירטער, העכער אנטוויקעלטער שטופע פון דער פּראַדוקציע.

די פראַגע וועגען דעם אונטערשייד צווישען די „מאַטעריאלען" און „געצייג" האט א געוויסע באדייטונג פאַר דער עקאנאָמישער וויסענשאַפט. ניט זעלטען ווערען געגעבען אומפּינקטליכע ריין־ווערטערליכע באשטימונגען; דער מאַטעריאל איז דאס אויף וואס מען ארבייט; די געצייג זיינען דאס מ י ט ו ו א ס מען ארבייט. דאס אבער איז פונקט דאס זעלבע ווי זאגען, אז מאַטעריאל איז מאַטעריאל און געצייג איז געצייג. דער פראַקטישער אונטערשייד צווישען אַט די צוויי מינים פראַדוקציאָנס מיטלען באשטעהט אין דעם, וואס דער מאַטעריאל, דורכגעהענדיג איין איינציגען פראַדוקציאָנס פּראַצעס, ווערט אזוי פאַרענדערט, אז ער ווערט דאן שוין אנערקענט פאַר עפּעס אנדערש. ווי דאס וואס ער איז פריהער געווען; ער טויג שוין מער ניט פאַר דעם צוועק צו וועלכען ער איז פריהער געברויכט געוואָרען. אויב צ. ב. ש. א געוויסע מאסע פלאקס איז איין מאל אויסגעשפּונען געווארען, קען מען דאס שוין ניט שפּינען נאך אמאל, אדער אויב קוילען זיינען איין מאל פאַרברענט געווארען, קען מען זיי ניט ברענען א צווייטען מאל. מיט געצייג איז דאס פונקט פאַרקערט, ווערענדיג געברויכט מערערע מאל, פאַרבלייבט דאס אבער אלץ די זעלבע געצייג און קען אנגעווענדעט ווערען אויף ווייטער פאַר די זעלבע צוועקען, פאַרשטעהט זיך אלץ ביז א געוויסען גרענעץ. די מאשין וואס האט

נאך היינט געשפּונען דעם פלאַקס, קען דינען פאר'ן זעלבען צוועק אויך מארגען און איבערמארגען, ביז זי וועט אינגאנצען אויסגעארבייט ווערען.

דער דריטער עלעמענט, דורך וועלכען די קוואליטעט פון דער געזעלשאפטליכער ארבייט, פון יעדען איינצעלנעם ארבייטער ווערט באשטימט, איז דער סכום ארבייטס־קראפט, פון דער גאנצער געזעל־שאפט, ד. ה. דער גאנצער סכום פון די ארבייטס כחות און די געגענ־זייטיגע שיכות'ען, וואס האבען זיך צווישען זיי איינגעשטעלט. א פּרי־מיטיווע געזעלשאפט וואס באשטעהט פון עטליכע צענדליג מענשען קען פארשטעהט זיך ניט אנטוויקלען די אלע פארשיידענארטיגע מינים פון ארבייט, ווי די שפּעטערע אויסגעברייטערטע געזעלשאפט. אין דער פרימיטיווער געזעלשאפט איז כמעט ניט מעגליך צו אונטערשיידען וועלכע עס איז איינצעלנע ספּעציאליטעטען, די ארבייט פון איינעם, אונטערשיידט זיך וועניג וואס פון דער ארבייט פון א צווייטען, אין דער היינטיגער געזעלשאפט אבער, מיט איר פארצווייגטער פּראדוק־ציע קען די צאל ספּעציאליטעטען געציילט ווערען אין די טויזענטער.

דאס הייסט אלזא, אז עס עקזיסטירען קוואליטאטיוו פארשיי־דענע מינים פון געזעלשאפטליכער ארבייט, מיט אנדערע ווערטער, הייסט דאס, אז די געזעלשאפטליכע ארבייטס־ענערגיע ווערט פאר־ווענדעט אויף דער נאטור אין פארשיידענע ריכטונגען. פונדעסטווע־גען האלטען מענשען פאר מעגליך צו פארגלייכען אפילו די פארשיי־דענסטע מינים פון ארבייט לויט נאך זייער קוואנטיטעט (כמות). אזוי צ. ב. ש. זאגט מען אז א וועלכער עס איז שמיד הארעוועט מער ווי א וועלכער עס איז שוסטער, אז א געוויסער בוך אנטהאלט אין זיך מער ארבייט ווי א געוויסע מאשין א. אז. וו. דאס איז אויך גאנץ נא־טירליך, ווייל יעדע ארבייט איז בדרך כלל אן אויסגאב פון מענשלי־כען מארך, נערוועז, מוסקולען א. אז. וו. אן אויסגאב וועלכע קען פאר־גליכען ווערען מיט א צווייטער לויט איר קוואנטיטעט, אומאפהענגיג פון דעם אין וועלכער ריכטונג דאס איז אנגעוועדעט געווארען; אויף האקען האלץ אדער אייזען, באארבייטען ערד, אדער קינדערשע מח'לאך.

א. באַגראַנאָוו

אויף דעם אופן טרעט אַרויס אויף דער סצענע די פראַגע וועגן דער קוואַנטיטעט פון דער געזעלשאַפטליכער אַרבייט.

ב. די קוואַנטיטעט פון דער געזעל־שאַפטליכער אַרבייט.

1) די גרויס פון דער אַרבייטס־ענערגיע, וועלכע די געזעלשאַפט פאַרווענדט אין דעם קאַמף געגען דער נאַטור פאַר איר עקזיסטענץ, ווערט באַגרעניצט פריהער פון אַלעם דורך דער גרויס פון דער געזעל־שאַפט גופא, דורך דער גרויס פון אירע אַרבייטס־כחות. די פרימי־טיווע קאָמוניסטישע געזעלשאַפט, וועלכע איז באַשטאַנען פון עטליכע צענדליג, אָדער הונדערטער מענשען, האָט על־פי נויטווענדיגקייט גע־מוזט אַנטוויקלען אין צענדליגע טויזענטער מאָל ווייניגער אַרבייט, ווי די היינטיגע פיל־מיליאָנענדיגע קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט.

אויסרעכענענדיג אָבער דעם גאַנצען סכום פון אַרבייט, וואָס די געזעלשאַפט באַזיצט, מוז מען אויסער דער אַלגעמיינער צאָל פון אירע מיטגלידער האָבען אין זינען אויך נאָך עטליכע אַנדערע באַדינגונגען.

ניט אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט האָבען די זעלבע פע־היגקייטען צו אַרבייטען. קינדער, אַלטע לייט זיינען שלעכטע אַרביי־טער, אָדער גאָר קיין אַרבייטער ניט. לויט נאָך דער פיזיאָלאָגיע דאַרף זיך די נאָרמאַלע צייט פון אַרבייט רעכענען פון 15 ביז 60 יאָר. אין די יאָרען צווישען 25 ביז 45 האָט דער מענש די גרעסטע אַרבייטס־ענערגיע. אויף דעם אופן איז די צוזאַמענשטעלונג פון דער געזעל־שאַפט לויט די יאָרען פון אירע מיטגלידער אַמאָל מער און אַמאָל ווע־ניגער ערפאָלגרייך, אין איר קאַמף געגען דער נאַטור. ביי אַ גרויסער שטערבליכקייט דערלעבען גאַנץ ווייניג מענשען צו דער עלטער, ווען די אַרבייטס־קראַפט אַנטוויקעלט זיך אַמפולסטען. דעם הויפּט פּלאַץ פאַר־נעמט דאַן די שוואַכע קינדערשע אַרבייט. אין דער זעלבער ריכטונג ווירקט אויך די הויכע געבורטס־צאָל, וועלכע באַגלייט שטענדיג אַ פאַרשטאַרקטע שטערבליכקייט.

אַ קראַנקער מענש אַרבייט ווייניג אָדער גאָר ניט. אויב די אַר־

בייטער באַפעלקערונג ליידט פון קראַנקהייטען, ווערט דער סכום פון געזעלשאַפטליכער ארבייט פארקלענערט.

די שטערבליכקייט און געבורטס-פארמערונג, אזוי גוט ווי די קראַנקהייטען פון די פּראָדוקטיווע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, ענדערען זיך אין אַפּהענגיגקייט פון דעם גאַנצען סכום פון די געזעל-שאַפטליכע באַדינגונגען, און פריהער פון אַלץ, פון דער מאַטעריעלער לעבענס-סביבה פון די ארבייטער; וואָס ערגער דער ארבייטער ער-נעהרט זיך, וואָס מער ער אַרבייט, וואָס וועניגער היגיעניש עס זיינען די אויסערליכע ארבייטס-באַדינגונגען, ווי צ. ב. ש. די איינאָרדענונג פון די ארבייטס-פּלעצער, אַלץ שטאַרקער מערען זיך די קראַנקהייטען, און אַלץ נידעריגער איז די דורכשניטליכע צייט פון לעבען. וואָס ווע-ניגער עס ווערט רעגולירט די פאַראייניגונג פון קינדער-ארבייט מיט דער ארבייט פון דערוואַקסענע, פון מענער און פרויען, אַלץ פריהער ווערען שדוכים געשלאָסען צווישען די ארבייטער, און זיי ווערען פריה-צייטיג אריינגעצויגען אין געשלעכטס-לעבען, און וואָס מער קינדער עס ווערען אריינגעצויגען אין דער פּראָדוקציע, אַלץ מער וואַקסט דער ארבייטער-קלאַס, ווייל די קינדער הערען אויף צו זיין אַ לאַסט אויף זייערע עלטערען.

אויסער דעם זיינען דאַ אַ סך מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, וואָס הגם זיי זיינען פעהיג צו טאָן געזעלשאַפטליך-נוצליכע ארבייט, טוען זיי דאָס אָבער ניט, אַ דאַנק באַשטימטע געזעלשאַפטליכע סבות. מאַנכע קענען, ניט באַטייליגענדיג זיך אין דער פּראָדוקציע, פונדעסט-וועגען זיך יאָ באַטייליגען אין דער פאַרטיילונג פון די פּראָדוקטען. זיי פאַרנעמען זיך בלויז מיט פערזענליך-נוצליכער ארבייט, בלויז מיט דער „ארבייט פון פאַרברויכען“. דאָס זיינען די פּאַראַזיטישע עלע-מענטען. אַנדערע ווייטער, זיינען אויסגעשלאָסען סיי פון דער פּראָ-דוקציע און סיי פון דער פאַרטיילונג פון די פּראָדוקטען, דאָס זיינען די ארבייטסלאָזע. ביידע גרופּען פאַרקלענערען די צאָל פון די ווירק-ליכע געזעלשאַפטליכע ארבייטער, און פאַלגליך אויך די קוואַנטיטעט פון דער געזעלשאַפטליכער ארבייט.

2) עס איז קלאָר, אַז די לענג פון דער צייט, וואָס יעדער אר-

א. באַגדאַנאָוו

בייטער גיט אַ פּאַר דער פּראָדוקציע, האָט אַ גוואַלדיגע ווירקונג אויף דער אַלגעמיינער קוואַנטיטעט פון דער ארבייט. וואָס מער ארבייטס־טעג עס זיינען דאָ אין יאָר, און שטונדען אין טאָג, אַלס גרעסער דאַרף ד אַ כ ט ז י ך זיין דער סכום פון דער געזעלשאַפטליכער אר־בייט.

3) דאָ שטויסט זיך די אויספאָרשונג אָן אויף אַ דריטער, זעהר וויכטיגער, באַדינגונג — די אנגעשטרענגטקייט, די אינטענסיוויטעט פון דער ארבייט. אין איין שעה קען אַן ארבייטער אויסגעבען מער אָדער ווייניגער ארבייטס־קראַפט, פּראָדוצירען מער אָדער ווייניגער. לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז עס ארבייטען צוויי ערד־גרעבער מיט די זעלבע געצייג, און ביידע האָבען די זעלבע פעהיגקייטען, פונדעסט־וועגען גראָבט איינער אויס אין אַ שעה פינף פוס ערד און דער צוויי־טער בלויז דריטהאַלבען. עס איז קלאָר אַז דער ערשטער גיט מסתמא אוועק מער ארבייטס־קראַפט, ער ארבייט, הייסט דאָס, אינטענסיווער.

וואָס גרעסער עס איז די אינטענסיוויטעט פון דער ארבייט, אַלץ גרעסער איז אויך איר קוואַנטיטעט, דאָס איז אָפּהענגיג פון פילע און פאַרשיידענאַרטיגע באַדינגונגען, וואָס ווערען באַשטימט דורך דער שטופע פון דער געזעלשאַפטליכער אנטוויקלונג.

די ערשטע רייהע פון באַדינגונגען געפינען זיך אין דעם אָרגאַ־ניזם פון דעם אַרבייטער גופא, דאָס איז זיין קראַפט, געזונט און גע־וואוינהייט צו ענערגישער כסדר'דיגער ארבייט.

א צו לאַנגער ארבייטס־טאָג איז שעדליך פאַר'ן ארבייטערס גע־זונט און פאַרקלענערט אויף אַזאַ אופן די אינטענסיוויטעט פון זיין אר־בייט. דערפאַר טאַקע ווייזט זיך אַרויס, אַז מיט דעם וואָס דער אר־בייטס־טאָג ווערט פאַרקירצט, ווערט פונדעסטוועגען די קוואַנטי־טעט פון דער ארבייט פאַרגרעסערט, אָדער, אַמווייניגסטענס פאַרקלע־נערט זי זיך ניט. אַ 12 שטונדיגער ארבייטס־טאָג אנטהאַלט מער אר־בייט ווי אַ 14 אָדער 15 שטונדיגער; אַ 10 שטונדיגער ארבייטס־טאָג מער ווי אַ 12 שטונדיגער. אורטיילענדיג לויט געוויסע פאַקטען, קען אפילו אַן 8 שטונדיגער ארבייטס־טאָג, אונטער גוטע לעבענס־באַ־דינגונגען, אנטהאַלטען מער ארבייט ווי אַ 10 שטונדיגער.

פּאָליטישע עקאָנאָמיע

אַז עס איז נויטיג אַ געוואוינהייט פאַר אינטענסיווער אַרבייט, דאָס איז אַ געזעלשאַפטליכער פאַקט. די הויכע אינטענסיוויטעט פון די ענגלישע אַרבייטער איז איבערהויפּט אַפּהענגיג פון זייער געוואוינהייט, זייער אינטענסיוויטעט איז אויסגעוואַקסען אין פאַרלויף פון פילע דורות, און יעדער נייער דור האָט איר געפירט ווייטער, ווי דער פאַרגאַנגענער.

איינער פון די וויכטיגסטע עלעמענטען פון דעם אַרבייטערס קראַפט איז זיין אינטעליגענץ. הגם אויפ'ן ערשטען בליק איז שווער צו דערקענען די ווירקונג, וואָס דאָס האָט אויף דער אינטענסיוויטעט פון זיין אַרבייט.

יעדע אַרבייט איז פריהער פון אַלץ אַן אויסגאַנג פון נערווען־ענערגיע. אַ העכערע אינטעליגענץ איז בכלל פאַרבונדען מיט דער פעהיגקייט פון דער נערווען־סיסטעם צו אַנטוויקלען אַ גרעסערען סכום פון ענערגיע. דערפאַר ווייזט זיך אַרויס, אַז די נידעריגע אינטעליגענץ פון אַרבייטער־קלאַס ווערט באַגלייט פון אַ קלענערער אינטענסיוויטעט פון דער אַרבייט.

די אַנדערע באַדינגונגען פאַר דער אינטענסיוויטעט פון דער אַרבייט ליגען אין די פּראָדוקציאָנס־מיטלען. אין דער מאַשינאַלער פּראָדוקציע, צ. ב. ש., איז דער אַרבייטער אונטערוואָרפען צו דער מאַשין, ער מוז נאָכהאַלטען איר גאַנג, עס איז דערפאַר אין דעם פאַל מעגליך צו פאַרגרעסערען די אָנגעשטרענגטקייט פון דער אַרבייט דורך דעם, וואָס מען פאַרשנעלערט די אַרבייט פון דער מאַשין — אָפט פאַרשטעהט זיך ווערט דורך דעם שטאַרק געשעדיגט דעם אַרבייטערס אָרגאַניזם.

די דריטע רייהע פון באַדינגונגען זיינען די רעכטליכע און די אידעאַלע באַדינגונגען פון דער אַרבייט. איבערהויפּט זיינען דאָס די פ ר י י ה י י ט פון דער אַרבייט און די געזעלשאַפטליכע אַ כ ט ו נ ג דערצו.

געצוואונגענע אַרבייט, „אַרבייט אונטער'ן בייטש" איז שלעכטע אַרבייט. דאָ ווערט דער מענש קיינמאָל נ י ט ו ו ע ל ע ן אַרבייטען מיט פולער ענערגיע, אויף וועלכער ער איז פעהיג. אַזאַ אַר־

א. באַגדאַנאָוו

בייט איז געווען די שקלאַפען־ארבייט אין אַלטערטום, די ארבייט פון די לייב־אייגענע, ביז גאָר ניט לאַנג צוריק אין רוסלאַנד. אין דורכ־שניט גיט דער שקלאַף אויס ווייניגער ווי העלפט פון דער ענערגיע, וועלכע ער וואָלט אויסגעבען אָהן שאַדען פאַר זיך. דאָס האָבען די בעלי־בתים פון די שקלאַפען אימער געוואוסט. די ארבייטען, וואָס מען האָט געדאַרפט וואָס שנעלער פאַרטיג מאַכען, פלעגען זיי ניט זעלטען איבערגעבען צו פרייע געדונגענע ארבייטער, ניט וועלענדיג זיך פאַרלאָזען אויף דער ארבייט׳ס ענערגיע פון זייערע שקלאַפען. וואָס שווערער עס איז די שקלאַפעריי, וואָס פרימיטיווער און גרעבער אירע פאָרמען זיינען, אַלץ נידעריגער איז די אינטענסיוויטעט פון דער שקלאַפען־ארבייט.

דאָס הייסט אַלזאָ, אַז די אינטענסיוויטעט פון דער געזעלשאַפט־ליך־נוצליכער ארבייט ווערט אינגאַנצען באַשטימט פון די פאָלגענדע עלעמענטען:

1) דורך דער צאָל פון די פראָדוצירענדע ארבייטער.
2) דורך דער דורכשניטליכער לענג פון דער ארבייטס־צייט.
3) דורך דער דורכשניטליכער אינטענסיוויטעט פון דער ארבייט.

ג. פראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט.

אויב צוויי ארבייטער ארבייטען מיט דער זעלבער ענערגיע, און פונדעסטוועגען דערגרייכט איינער מער פון צווייטען אין דער זעלבער צייט, איז קלאָר, אַז זייער באַזונדערע שנעלקייט, אָדער ווי מען רופט דאָס פראָדוקטיוויטעט איז פאַרשיידען.

די באַדינגונגען וועלכע באַשטימען אין יעדען פאַל באַזונדער די פראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט, זיינען אומענדליך גרויס און פאַר־שיידענאַרטיג. און דאָ נעמען זיי ארום ניט נאָר דעם גאַנצען סכום פון די געגענווערטיגע לעבענס־באַדינגונגען פון דער געזעלשאַפט, נאָר אויך איר גאַנצע אנטוויקלונג אין דער פאַרגאַנגענהייט.

פונדעסטוועגען, קען מען, פאַר דער באַקוועמליכקייט פון דער

אויספאָרשונג, איינטיילען די באַדינגונגען אין עטליכע באַזונדערע גרופּען, וועלכע מען קען כאַראַקטעריזירען בלויז אין זייערע אַלגעמיינסטע שטריכען. די הויפּט־גרופּען וועלען זיין די פאָלגענדע:

ערשטענס, די *אוממיטעלבאַרע* באַדינגונגען פון דער *אויסערליכער נאַטור*, פון זיי איז איבערהויפּט אָפּהענגיג די פּראָדוקטיוויטעט פון ערד־אַרבייט און בערג־אַרבייט, און אין אַ קלענערער מאָס אויך *אַלע* אַנדערע אַרבייטען.

צווייטענס, די טעכניק, די שטופע פון פאָלקאָמענהייט פון די מיטלען און מעטאָדען פון דער אַרבייט, און פון דער פאַך־אויסבילדונג.

דריטענס, די געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע, צוזאַמענאַרבייטונג, אַרבייטס־טיילונג א. אז. וו.

1) וואָס מער די נאַטור גיט דעם מענשען אומזיסטע מאַטעריאַלען און כחות, וועט זיין אַרבייט, בכלל גערעדט, זיין אַלץ מער פּראָדוקטיוו. באַטראַכטענדיג גענוי די ווירקונג פון די נאַטור־באַדינגונגען אויף דער געזעלשאַפטליכער אַרבייט, איז ניט די אויפגאַבע פון דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט. דערמיט פאַרנעמט זיך די וויסענשאַפט וועגען דער מאַטעריעלער קולטור. דאָ קענען מיר בלויז ברענגען אייניגע ביישפּילען, וואָס וועלען אילוסטרירען אַט די ווירקונגען.

פריהער פון אַלץ קומט דער *קלימאַט*. די מאָס פון וואַרעמקייט און פייכטקייט פון דער אַטמאָספערע. פאַר יעדער געוויקס, פאַר יעדער לעבעדיגער באַשעפעניש, איז נויטיג אַ געוויסע טעמפּעראַטור פון לופט, אַהן וועלכע עס קען ניט לעבען. אין דעם צפון־טייל פון רוסלאַנד וואַקסט אינגאַנצען ניט קיין ווייץ און קאָרן וואַקסט זעהר שוואַך. אין דעם דרום־טייל אַבער, איז שוין דאָ גענוג וואַרעמקייט פאַר דער פולער אַנטוויקלונג פון קאָרן אַזוי גוט ווי פון ווייץ. עס איז קלאָר, אַז דאָרט איז די ערד־אַרבייט פּראָדוקטיווער.

פונקט אַזוי ווי וואַרעמקייט האָט אויך פייכטקייט אַ זעהר גרויסע באַדייטונג פאַר דער ערד־אַרבייט. אין דעם טייל פון מזרח רוסלאַנד, וואו די גרויסע סטעפּעס געפינען זיך, איז אי וואַרעם גענוג, אי די ערד איז אַ גוטע, אַבער דער קלימאַט איז דאָרטען ניט גענוג פייכט. עס טרעפען דאָרט אָפטע פאַרטריקענישען און דערפאַר אומגערעטענישען.

א. באָגדאַנאָוו

ווייטער קומט די צוזאַמענשטעלונג פון דער ערד'ס אויבערפלאַך, וואָס פאַר א ערד עס איז, וואָס איז איר גרונט און אונטער־גרונט. דער־מיט ווערען באַשטימט די געבורטס־פעהיגקייטען פון דער ערד און אירע מינעראַל־רייכטהימער. פאַלגליך הייסט עס די פּראָדוקטיוויטעט פון דער ערד־ארבייט און בערג־ארבייט, אדער בכלל פון די ארבייטען מיט וועלכען ערד־גרעבעריי איז פארבונדען. און די מאַטעריאַלען, וואָס קענען פון דער ערד אויסגעגראָבען ווערען, איז אין א גאַנץ גרויסער מאָס אָפּהענגיג די פּראָדוקטיוויטעט פון דער געזעלשאַפטליכער אר־בייט אין אירע אַנדערע ספערען.

נאָכהער קומט די פונאַנדערטיילונג פון ימים, טייכען, בערג און אז. וו. אַט דער סאָרט נאַטירליכע באַדינגונגען האָט א גוואַלדיגע, אָבער איבערהויפּט דירעקטע ווירקונג אויף דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט. פון די באַדינגונגען איז אָפּהענגיג די לייכטקייט אדער שווערקייט פון פאַרבינדונג צווישען מענשען, און פאַרבינדונג שפּילט א וויכטיגע ראָליע אין דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע. ערש־טענס, לערנען זיך מענשען איינער פון צווייטען בעסערע פּראָדוקציאָנס־מעטאָדען, ווען זיי קומען זיך צונויף; צווייטענס, בייטען זיי אום זיי־ערע פּראָדוקטען אויף אַנדערע און קענען א דאַנק דעם אינגאַנצען אויפגעבען די פּראָדוצירונג פון אזוינע זאַכען, וועלכע פאָדערען, א דאַנק די לאָקאַלע באַדינגונגען, א צו גרויסע פאַרשווענדונג פון אר־בייט, און זיך בעסער אָפּגעבען מיט אויסברייטערען יענע אין וועלכע זייער ארבייט איז פּראָדוקטיווער.

די לענדער פון אייראָפּע, וואָס געפינען זיך אויף די ברעגען פון ים, ווי גריכענלאַנד און איטאַליע, האָבען די פּראָדוקטיוויטעט פון זייער ארבייט אַנטוויקעלט פריהער פון אַלע אַנדערע, איבערהויפּט א דאַנק דעם, וואָס דער מיטעל־לענדישער ים האָט זיי געבראַכט אין נאָהענטע באַציהונגען מיט די קולטור־פעלקער פון אזיע און אפריקע. ימים און טייכען דערנעהענטערען בכלל מענשען, און פאַרלייכטערען דערמיט דעם פּראָגרעס פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט. דערביי שפּילען א גרויסע ראָליע דער צושטאַנד פון די ברעגען, זייער צו־גאַנגליכקייט, צי די ימים און טייכען פרירען אין ווינטער־צייט, די

פאָליטישע עקאָנאָמיע

ריכטונג פון די טייכען. צי קענען שיפען אויף זיי פאָרען א. אז. וו. בערג. פארקערט, דערווייטערען מענשען, שטערען זייער דערנעהענטערונג. און דערמיט מאכען זיי לאַנגזאמער די אַנטוויקלונג פון דער פראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט. די זעלבע ראָליע האבען אויך געשפּילט די ימים איידער שיפען זיינען ערפונדען געוואָרען.

באַטראַכטענדיג די ווירקונג (פון די אויסערליכע באַדינגונגען) פון דער אוממיטעלבארער נאַטור אויף דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער געזעלשאפטליכער ארבייט, אין אן אלגעמיינער פאָרמע, קומט אוים צו זאגען אזוי: וואָס מער די נאַטור גיט די מענשען, אלץ לייכטער און פראָדוקטיווער איז דעם מענשענס ארבייט. פונדעסטוועגען איז די צו גרויסע גוטסקייט פון דער נאַטור ניט אויף אלע קולטור־שטופען גינסטיג פאר דער אנטוויקלונג פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט. אין א סך פאלען ווירקט דאָס פּונקט אזוי ווי די צו שטאַרקע אָרעמקייט פון דער נאַטור.

קריגענדיג זיינע לעבענס־מיטלען, מיט זעהר ווענינ מיה, נויטינט זיך ניט דער מענש אין דער אנטוויקלונג פון דער פּ ר אָ ד ו ק ט י־ ו ו י ט ע ט פון זיין ארבייט, און פארשטעהט זיך, אז דעמאָלט ווערט זי ניט אנטוויקעלט. אין די הייסע טראָפּישע לענדער פון אַפריקע וואַקסען א סך צוקער־שטעקענס. איין געוויקס אזא, קען שפּייזען א גאַנצע פאמיליע א גאַנצען טאָג. עס איז גענוג פאר'ן איינוואוינער צו ארבייטען עטליכע טעג אין יאָר, כדי צו פארזייהען אזוינע 400 צוקער־שטעקענס, און זיין עקזיסטענץ מיט זיין פאמיליע איז שוין פארזיכערט. ביי אזוינע שוואַכע אָנרעגונגען צו ארבייט איז אוממעגליך א באַדייטענדער פּראָגרעס אין דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט.

אויב די נאַטור אין א געוויסען געגענט איז זעהר אָרעם, איז דאָס אויך א שטערונג צו דער אנטוויקלונג פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט, אין דעם פאל קומט דעם מענשען אוים צו פארשווענדען זיין גאַנצען כח בלויז אויף צו באַקומען די נויטיגסטע לעבענס־מיטלען. די איינאָרדענונג פון וואַרעמע וואוינונגען און דאָס פּראָדוצירען פון וואַרעמע קליידער, נעמט צו ביי די איינוואוינער פון גרינלאַנד אסך איבעריגע ארבייט. אויך עסענוואַרג דארף ער מער און נאַרהאַפטערע.

א. באַגדאַנאָוו

ער מוז פון דער נאַטור נעמען פיל מער, ווי דער דרום־איינוואוינער. און גלייכצייטיג מוז ער אבער פאַר יעדער זאַך פיל מער ארבייט אוועק־געבען. ער שטרענגט זיך אימער אַן איבער די כחות, כדי כאָטש עפּעס־וואָס צו באַקומען. און לעבט כסדר אין שרעק פאַר'ן טויט; ניט זיין שכל און ניט זיין קערפּער, האָבען וועלכע עס איז מעגליכקייטען זיך צו אַנטוויקלען.

א צופיל פרייגיביגע און א צופיל קאַרגע נאַטור ווירקען פונקט אַזוי אויף גאַנצע געזעלשאַפטען, ווי די מעגליכקייטען צו באַקומען פּראָדוקטען אָהן וועלכער עס איז ארבייט פון איין זייט און די שרעק־ליכע אָרעמקייט פון דער אַנדערער זייט, ווירקען אויפ'ן יחיד.

פאַר'ן פּראָגרעס איז אַמבעסטען דער מיטעל־פּונקט, די פלעצער וואו די נאַטור איז ניט צופיל פרייגיביג און ניט צו קאַרג, אין די פלע־צער קומט אוים דעם מענשען צו ארבייטען טאָקע אַ סך, אבער ניט אַזוי פיל, אַז די ארבייט זאָל אים אינגאַנצען דערשטיקען.

די געשיכטע באַווייזט, אַז די ערשטע באַדייטענדע שריט אין דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע, אַז די ערשטע שפּראָצונגען פון קול־טור, האָבען זיך באַוויזען אין די הייסע לענדער, וועלכע פאַרמאָגען אַ רייכע נאַטור — אין אינדיע, מעסאָפּאָטאַמיע, מצרים און אַנדערע. די אורזאַך דערפון איז לייכט צו פאַרשטעהן. ווייל מען האָט די לע־בענס־מיטלען באַקומען מיט ווייניג אָנשטרענגונג, האָבען די איינ־וואוינער פון די דערמאָנטע לענדער געהאַט גענוג ליידיגע צייט פאַר אַנדערע זאַכען. אבער אַז די ערשטע שפּראָצונגען פון קולטור האָבען זיך אַנטוויקעלט בלויז ביז אַ באַשטימטער גאַנץ נידעריגער שטופע, נאָכהער קומט אַן אַ צייט פון שטיל־שטאַנד. די פעלקער אבער, וואָס וואוינען אין די געגענטען מיט אַ מעסיגען קלימאַט, האָבען איבערגע־נומען די קולטור, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען אַנטוויקלען אין די הייסע לענדער און איר פיל ווייטער אַנטוויקעלט. אין דער איצטיגער צייט שטעהט אויך די פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט אַזוי גוט ווי די קולטור בכלל פיל העכער אין די לענדער פון מעסיגען קלימאַט, — אין אייראָפּע און נאָרד־אַמעריקע.

די נאַטור־באַדינגונגען פאַרבלייבען ניט אין ערגעץ אַלע מאָל די

זעלבע, זיי ענדערען זיך, און דערביי, פארשטעהט זיך, ענדערען זיך די ווירקונגען, וועלכע זיי איבען אויס אויף דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט.

די ענדערונגען אין דער נאַטור קען מען צוטיילען לויט די אורזאכען, א דאנק וועלכע זיי אנטשטעהען, אין צוויי סאָרטען. ערשטענס, די ענדערונגען וועלכע קומען פאַר זעלבסטשטענדיג, ד. ה. דורך די כחות, וואס ווירקען אין דער נאַטור; און צווייטענס, די וועלכע קומען אלס רעזולטאַט פון מענשליכער טעטיגקייט.

א) פון זיך אליין ענדערען זיך די נאַטור־באַדינגונגען זעהר לאַנגזאַם. א דאנק דער טעטיגקייט פון די אונטער־ערדישע כחות הויבט זיך אין אייניגע פלעצער אויף די אויבערפלאַך פון דער ערד, און אין אנדערע לאָזט זי זיך אראָפּ. עס ווערען באַשאַפען נייע בערג און אינזלען; ימים בייטען זייערע ברעגען און זייער טיפקייט. אבער דאָס אַלעס קומט פאַר אין פארלויף פון צענדליגע און הונדערטער טויזענטער יאָרען. עטוואס שנעלער קומען פאַר די ענדערונגען אין דעם צושטאַנד פון טייכען. אונטער'ן דרוק פון פארשיידענע כחות געהען זיי אוועק אין נייע וועגען, אָפּוואַשענדיג די אַלטע ברעגען. אזוי צ. ב. ש. איז סיר־דאַריאַ, וועלכע פאַלט איצט בלויז אריין אין אַראַלער ים, געפלאָסען דורך איין וועג אויך אין קאַספּישען ים, ערשט מיט עטליכע טויזענט יאָר צוריק. א גרויסער טייל פון האַלאַנד איז אנטשטאַנען ערשט אין פארלויף פון די לעצטע צוויי־דריי טויזענט יאָר, א דאנק דער אנטשטעהונג פון נייע אינזלען. עס ענדערט זיך, הגם זעהר לאַנגזאַם, אויך דער קלימאַט, מיר ווייסען צ. ב. ש. פון דער געאָלאָגיע אז אמאָל, מיט פיל טויזענטער יאָר צוריק, איז דער אייראָפּייאישער קלימאַט געווען פיל קעלטער ווי היינט; כמעט אזוי ווי עס איז איצט אין סיביר. פון די פארשיידענע איבערבלייבעכצען פון ביינער און שטיינערנע געציינ, איז קלאָר, אז אויך דעמאָלט האָבען מענשען געלעבט אין אייראָפּע. די בייזע נאַטור פון יענער צייט איז אָהן צווייפעל געווען א וויכטיגע שטערונג פאַר דער אנטוויקלונג פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט פון די דאמאָלסטדיגע מענשען.

בכלל קען מען זאָגען, אז פון דעם קורצען פּעריאָד, וואס די עקאָ־

א. באָגדאַנאָוו

נאַמישע וויסענשאַפט דאַרף אויספאָרשען, שפּילען אַט די לאַנגזאַמע ענדערונגען אין די נאַטור־באַדינגונגען, קיין שום ראָליע ניט.

אלס אויסנאם, קענען מיר אָפט באַאָבאַכטען שנעלע און שאַרפע ענדערונגען אין דער אויסערליכער נאַטור, ווי צ. ב. ש. אַן ערד־ציטער־ניש, א וואולקאַנישען אויסברוך, א מבול א. אז. וו. אַזוינע ענדערונ־גען פאַראורזאַכען אָפט אין פאַרלויף פון א פּאָר שעה, און אָפט בלויז אין עטליכע מינוטען באַדייטענדע ענדערונגען אין דער ערד'ס אויי־בערפלאַך. פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפטליכער אַרבייט האָבען אַזוינע ענדערונגען, אָפט, זעהר א גרויסע באַדייטונג. זייער ווירקונג איז אָבער שטענדיג א נעגאַטיווע, א דאַנק די חורבנות, וואָס זיי מאַכען אָן.

ב) פון זינט די געזעלשאַפטליכע אַרבייט האָט אין לויף פון איר אַנטוויקלונג אָנגעהויבען אַלץ אָפטער באַזיגען די נאַטור, האָט זיך די נאַטור גופא אָנגעהויבען ענדערען אונטער'ן דרוק פון ד ע ם מ ע נ ש ע נ ס ט ע ט י נ ק י י ט. און וואָס ווייטער אַלץ מער איז דאָס אַזוי. אַמאָל ברענגען אַט די ענדערונגען פאַרבעסערונגען, אַן אַנדערש מאָל פאַרערגערונגען. מען קען ברענגען גענוג ביישפּילען פאַר ביידע.

ווען מענשען פאַרניכטען וועלדער, ווערט דער קלימאַט טרוקע־נער און אומבאַשטענדיגער; די קעלט אין ווינטער און די היץ זומער ווערען שטאַרקער; טייכען ווערען אויסגעטריקענט. ווען מענשען טריקע־נען אויס זומפּען, ווערט דער באָדען געזונטער, מער פרוכטבאַר, דער קלי־מאַט ווערט בעסער און געזונטער. א שלעכטע, ניט ראַציאָנאַלע באַ־אַרבייטונג פון דער ערד, מאַכט דעם באָדען ערגער, מאַגערט אים אויס.

טיפער מאַכענדיג טייכען, פאַראייניגענדיג פאַרשיידענע טייכען דורך קאַנאַלען, האָבען מענשען באַדייטענד פאַרבעסערט די וואַסער־וועגען. דורכפירענדיג אייזענבאַנען אויף טויזענטער מיילען, האָבען מענשען דערנעהענטערט אַזוינע פלעצער צווישען זיך, צווישען וועלכע יעדע פאַרבינדונג איז פריהער געווען זעהר שווער, צוליב דער ווייט־קייט. ניט זעלטען ווערען גאַנצע בערג דורכגעשניטען דורך טונעלען.

פּאָליטישע עקאָנאָמיע

אויב זיי זיינען א שטערונג פאר די פארבינדונגס־צוועקען. די אויס־גראָבונג פון דעם סועץ־קאַנאַל האָט פאראייניגט די פריהער צו־טיילטע געגענטען פון צוויי אָקעאַנען, פון אינדישען און אַטלאַנטי־שען, און האָט אויף טויזענטער מיילען דערנעהענטערט מזרח איירָאָפּע צו מערב־אַזיע.

אַזוי גרויס איז שוין אין דער איצטיגער צייט דעם מענשענס פעהיגקייט צו פאַרענדערען די נאַטור, אַזוי גרויס איז שוין זיין מאַכט איבער איר. וואָס ווייטער עס פּראָגרעסירט די מענשליכע ארבייט, אלס שטאַרקער ווערט, און אַלץ נוצליכער, דעם מענשענס ווירקונג אויף דער נאַטור.

די וואַקסענדע מאַכט פון דער געזעלשאַפט איבער דער נאַטור, דריקט זיך אויס אין דער פאַרפאָלקאָמענונג פון די קאַמפּס־מיטלען, וואָס זי באַנוצט אין איר קאַמף מיט דער נאַטור — אין דער אַנט־וויקלונג פון דער טעכניק.

2) אהן געצייג, מיט די הוילע הענט, קען דער מענש ווייניג וואָס אויפטאָן. וואָס פאָלקאָמענער עס איז זיין געצייג, אַלץ ערפאָלג־רייכער איז ער מיט זיין ארבייט, און אַלץ פּראָדוקטיווער איז זי.

מיט א שטיינערנער האַק, מיט וועלכער אונזערע גאָר ווייטע אור־עלטערען האָבען זיך באַנוצט, האָט געמוזט נעמען אַמווענינגס־טען א שטונדע אָפּהאַקען א קליין בוימעלע. די געצייג פון בראָנז, וואָס האָבען אין איירָאָפּע פאַרנומען דעם פּלאַץ פון די שטיינערנע געצייג, זיינען שוין געווען פיל בעסער; מיט א האַק פון בראָנז האָט מען שוין געקענט האַקען האַלץ צוויי אָדער דריי מאָל שנעלער, ווי מיט דער שטיינערנער האַק. אבער אויך די בראָנזענע געצייג איז ניט האַרט גענוג, עס ווערט שנעל טעמפּ און עס ברעכט זיך, דערפאר טאַקע איז די ארבייט מיט דער הייכטיגער שטאָלענער האַק נאָך פּראָדוקטיווער, און פאר דער זעלבער ארבייט פאָדערט זיך פיל ווייניגער צייט. די אָממערסטענס פאָלקאָמענע געצייג אבער איז די מאַשין. די מאַשין פאַרגרעסערט די פּראָדוקטיוויטעט פון דער מענשליכער ארבייט אין צענדלינגער און הונדערטער מאָל.

א. באַגראַנאָוו

פאַר דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט האָט די קוואַליטעט פון די רויהע מאַטעריאַלען פּונקט אזא באַדייטונג, ווי די פאַרפאַל־קאָמענונג פון די געצייג. עס קען פאַרשפּאָרט ווערען א גרויסע מאַסע ארבייט, אויב עס ווערען אויסגעקליבען פון די מאַטעריאַלען, וואָס די נאַטור לעגט פאַר אונז פאַר, די בעסערע, שטאַרקערע, די וואָס מ׳קען אמליבסטען באַארבייטען.

צוזאַמען מיט די געצייג און מאַטעריאַלען קומען אויך אומצו־טיילבאַר אייניגע אנדערע עלעמענטען פון דער געזעלשאַפטליכער טעכניק, עלעמענטען, וואָס געפינען זיך אין דעם אָרגאַניזם גופא פון דעם ארבייטער; זיינע פאַך־פעהיגקייטען, זיין געוואוינהייט צו דער באַשטימטער ארבייט, און בכלל זיינע פעהיגקייטען צו באַנוצען זיך מיט פּראָדוקציאָנס־מיטלען. וואָס העכער עס זיינען דעם ארביי־טערס פעהיגקייטען, אלץ מער פּראָדוקטיוו איז זיין ארבייט, אונטער די זעלבע אומשטאַנדען. דער ארבייטער מאַכט דאַן ווייניגער איבעריגע אומנויטיגע באַוועגונגען, וועלכע פאָדערען זיך אין א גרעסערער אָדער קלענערער צאָל ביי יעדער ארבייט; ער וועט ווייניגער מאַטעריאַלען איבערפּירען, די געצייג וועלען ווייניגער אויסגעארבייט ווערען א. אז. וו. פאַר יעדען איינצעלנעם ארבייטער באַזונדער זיינען אָט די פעהיגקיי־טען דער רעזולטאַט פון לערנען און איבונגען. פון א געזעלשאַפטליכען שטאַנדפּונקט, איז דאָס דער רעזולטאַט פון דער גאַנצער היסטאָרישער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט.

די אנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפטליכער טעכניק, הויבט אָן צו געהן אמשנעלסטען אין דעם לעצטען יאָר־הונדערט, ווען דער מענש־ליכער שכל הויבט אָן באַוואוסטזיניג אנגעווענדט צו ווערען אויף אָט דעם פעלד, ווען די טרייבקראַפט פון פּראָגרעס אין דער פּראָדוקציע ווערט די וויסענשאַפט. דער טעכנישער וויסען, וועלכער שטיצט זיך אויף א נאָהענטער באַקאַנטשאַפט מיט די נאַטור־כחות, גיט דעם מענ־שען א מאַכט איבער דער נאַטור, פון וועלכער ער האָט פריהער ניט געוואוסט. די ראָליע פון די טעכנישע וויסענשאַפטען, טרעט אַמ־שאַרפסטען אַרויס דאָרט וואו זיי קענען פיל פאַרשטאַרקען די פּראָ־דוקטיוויטעט פון דער ארבייט, אומאָפּהענגיג פון דעם צושטאַנד פון

די פראדוקציאנס־געצייג דער ערד־ארבייטער וועט זיין צ. ב. ש. פיל ערפאלגרייכער אויב ער וועט וויסען אפריהער ווען און וואו געוויסע געוויקסען איז אמבעסטען צום זייהען, ער וועט פיל וועניגער אויס־מאנערען זיין פעלד ווי יענער, וואס ווייס דאס ניט, און וועט פון אים פיל מער באקומען.

די טעכניק האט זיך געקענט אנטוויקלען בלויז אין דער געזעל־שאפט; דער מענש קען זיך מיט דער אנטוויקעלטער טעכניק באנוצען בלויז אין אן ארגאניזאציע.

3) די שטופע פון דער פראדוקטיוויטעט פון דער ארבייט איז אפהענגיג זעהר פיל פון די ארגאניזאציאנס־מיטלען פון דער פראדוק־ציע, פון די געזעלשאפטליכע פראדוקציאנס־באציהונגען. די אפהענגיגקייט וועט ברייטער באטראכט ווערען שפעטער אין פארבינדונג מיט דער לערע וועגען דעם פראצעס פון דער עקאנאמישער אנטוויקלונג בכלל, דא וועלען מיר דאס באריהרען בלויז אין אירע סאמע אלגעמיינסטע שטריכען.

די פראדוקטיוויטעט פון דער ארבייט ווערט פארגרעסערט ער־שטענס, דורך פאראייניגונג און צווייטענס, דורך צו־טיילונג.

א. די פאראייניגונג פון דער ארבייט אדער איינפאכע צוזאמענארבייטונג (קאאפעראציע) באשטעהט אין דעם, וואס עטליכע מענשען צוזאמען טוען די זעלבע ארבייט, דאס ווירקט אויף דער פראדוקטיוויטעט פון דער ארבייט אויף פאלגענדע אופנים:

ערשטענס, ווירקט דאס צוזאמענארבייטען אפילו אין די סאמע איינפאכסטע פארמען אויף דעם גייסטיגען צושטאנד פון די וואס ארבייטען. ארבייטענדיג צוזאמען מיט אנדערע, פילט יעדער ארבייטער עפעס א באזונדערע גייסטיגע אויפ־רעגונג, האט א פרישע און ענערגישע שטימונג, וועלכע לעגט ארויף איר שטעמפעל אויף דער אינטענסיוויטעט פון דער ארבייט און פאר־גרעסערט אויך איר פראדוקטיוויטעט.

צען מענשען, וואס ארבייטען אלע צוזאמען אין איין ארבייטס־פלאץ, הגם יעדער איינער טוט זיין ארבייט באזונדער, וועלען אין איין

א. באַגדאַנאָוו

טאָג שאַפען מער ווי איין ארבייטער וואָלט קענען שאפען ביי זיך אין דער היים פאַר צען טעג.

צווייטענס, ווערט ביים צוזאמענארבייטען איינגעשפּאַרט דער פאַרלוסט פון ארבייט, וואָס דאַרף אוועקגעהן אויף שאַפען פּראָדוקציאָנס־מיטלען; עס גיהט אוועק ווייניגער ארבייט אויף אויפשטעלען באַלייכטען און באַהייצען דעם ארבייטס־פּלאַץ, עס איז פּיל לייכטער די איבערגעבליבענע שטיקלעך מאַטעריאַלען פאַרנוצען, ווייל ביים צוזאמענארבייטען פון פילע מענשען קלייבען זיך אַן אַזוינע שטיקלעך אין א גרויסער צאָל. אויף אויפבויען איין ארבייטס־פּלאַץ פאַר צוואַנציג ארבייטער, פאַדערט זיך פּיל ווייניגער מאַטעריאַל און ארבייט, ווי אויף אויפבויען צען קליינע ארבייטס־פּלעצער, יעדער איינער פאַר בלויז צוויי ארבייטער.

דריטענס, וואָס איז איבערהויפּט וויכטיג, איז דאָס, וואָס דאָס צוזאמענארבייטען שאַפט די מעכאַנישע קראַפט פון דער מאַסע. עס זיינען פאַראַן פילע ארבייטען, וועלכע איין מענש קען בכלל ניט טאָן, אויב מען דאַרף צ. ב. ש. אויפהויבען א גרויסען גלאָק אין קלויסטער, קען דאָ איין מענש בשום אופן גאָר גישט ניט אויפטאָן, און הונדערט מענשען, ווען זיי זאָלען ארבייטען איינציגווייז איינער נאָכ'ן צווייטען קענען אויך גאָר נישט ניט אויפטאָן אין אַזאַ פאַל, אָבער הונדערט מענשען צוזאַמען, קענען דעם גלאָק יאָ אויפהויבען.

ב) אונטער'ן אַלגעמיינעם אויסדרוק „צוטיילונג פון ארבייט“, אָדער „ארבייטס־טיילונג“, ווערען באַטראַכט גאַנץ פאַרשיידענע געזעלשאַפטליכע פּראָדוקציאָנס־שיכות'ן.

די געזעלשאַפטליכע צוטיילונג פון דער ארבייט באַשטעהט אין דעם, וואָס אין דער געזעלשאַפט ווערט די פּראָדוקציע צוטיילט צווישען איינצעלנע פאַמיליע־באַלעבאַטישקייטען (אונטערנעמונגען); איין פאַמיליע פאַרנעמט זיך מיט ערד־ארבייט, א צווייטע מיט דער פּראָדוקציע פון קליידער, א דריטע מיט אויסגראַבען מעטאַלען, א פערטע מיט דער פּראָדוקציע פון געווער און אַז. וו.

פאליטישע עקאנאמיע

איידער עס איז אויסגעוואקסען אזא ארבייטס־טיילונג, איז יעדע פאמיליע געוועזן געצוואונגען צו פראדוצירען באלעבאטישקייט פאר זיך אלץ וואס זי האט באדארפט, עס פארשטעהט זיך, אז די גרויס פון אזא סארט פראדוקציע איז געוועזן גאנץ אומבאדייטענד און איר אנטוויקלונג איז געגאנגען זעהר לאנגזאם.

ביי דער געזעלשאפטליכער צוטיילונג פון דער ארבייט, האט יעדע פאמיליע איר מער אדער ווענינער ענגע ספערע פון פראדוקטיווער ארבייט. דאס גיט א מעגליכקייט דעם ארבייטער צו ערווערבען פאר זיך די קענטעניש און פעהיגקייטען פאר זיין ארבייט, א דאנק וועלכע ער קען שאפען פיל מאל מער פראדוקטען, ווי די פאמיליע קען פארברויכען. א שוסטער צ. ב. ש. דארף פאר זיך אליין האבען נים מער ווי צוויי פאר שטיוועל א יאר, אויפנייהען וועט ער הונדערט פאר; א טרונע מאכער דארף אין פארלויף פון זיין גאנצען לעבען פאר זיך אפילו קיין איין קאסטען נים האבען, פונדעסטוועגען וועט ער פראדוצירען טויזענט. אט דער גאנצער איבערפלוס פון פראדוקטען, ווערט געשאפען פאר אנדערע, פאר דער געזעלשאפט. אויף א וועלכען עס איז אופן ווערען אלע פראדוקטען, וואס די פארשיידענע פאמיליעס שאפען, פאנאנדערגעטיילט צווישען דער גאנצער געזעלשאפט, אבער יעדע פאמיליע באזונדער האט נאכהער פיל מער געברויכס־ארטיקלען פאר זיך, ווי זי וואלט דאס געקענט האבען, ווען זי זאל יעדע זאך מוזען אליין פאר זיך פראדוצירען.

די טעכנישע פונאנדערטיילונג, איז די צורטיילונג פון דער ארבייט אין די גרענעצען פון א באזונדערער פאמיליע, אדער פראדוקציאנס־גרופע. אלס ביישפיל קען אונז דינען די מאנופאקטור, איידער א פראדוקט איז ארויסגעקומען פון דעם ארבייטס־פלאץ אלס א פארטיגע זאך, האט עס געמוזט דורכגעהן דורך די הענט פון א גאנצער צאל ארבייטער, אזוי צ. ב. ש. שמידט איינער אויס א מעסער, א צווייטער שארפט אים, א דריטער מאכט פאר אים א הענטעל, א פערטער טוט דאס הענטעל אן און אז. וו.

פונקט ווי די געזעלשאפטליכע צוטיילונג פון דער ארבייט, אזוי אויך די טעכנישע, פארגרעסערט די פראדוקטיוויטעט פון דער ארבייט.

א. באָנדאַנאָוו

דאָס זעהט זיך אַז אין דער טעכנישער צוטיילונג נאָך שטאַרקער, ווי אין דער געזעלשאַפטליכער. אין אַ פאַבריק פון שפּילקעס, ביי אַ טעכנישער פונאַנדערטיילונג פון דער ארבייט, קענען גאַנץ לייכט צען ארבייטער פּראָדוצירען 48,000 שפּילקעס, ד. ה. 4,800 שפּילקעס אויף אַ מענשען; עס איז אבער זיכער, אַז אַן איינצעלנער ארבייטער, ארבייטענדיג פאַר זיך אליין, קען מער ווי עטליכע אַ טאָג ניט פּראָדוצירען.

די ווירקונג פון די פאַרשיידענע פאָרמען פון דער פונאַנדערטיילונג פון ארבייט אויף דער פּראָדוקטיוויטעט, דערקלערט זיך אויפ׳ן פאָלגענדען אופן: ערשטענס, ווערט דירעקט געשפּאָרט אַ סך צייט; אויב אַ מענש דאַרף טאָן אַ סך פאַרשיידענע קליינע ארבייטען, איינע נאָך דער צווייטער, גיהט ביי אים פּשוט אוועק אַ סך צייט אויף איבערגעהן פון איין ארבייט צו דער צווייטער, אויף צופּאַסען די הענט אלע מאָל צו אנדערע אינסטרומענטען; צווייטענס, העלפט די צוטיילונג פון דער ארבייט דער אנטוויקלונג פון פלינקייט ביים ארבייטער. ווער עס טוט כסדר אַ סך פאַרשיידענע און קאָמפּליצירטע ארבייטען קען זיי קיין מאָל ניט טאָן אזוי שנעל ווי יענער, וואָס פאַרנעמט זיך דעם גאַנצען לעבען מיט בלויז אַ פּאָר איינפאַכע ארבייטען. אויסער דעם גיט די צוטיילונג פון דער ארבייט אַ מעגליכקייט לייכטער צו מאַכען פאַרשיידענע ערפינדונגען און אויסבעסערונגען אין די געצייג. ווען אַ מענש ארבייט פיל יאָרען מיט די זעלבע געצייג, קען ער שנעלער צוטראַכטען ווי אזוי זיי אמבעסטען צוצופּאַסען צו דער ארבייט, און וועלכע ענדערונגען עס פאָדערען זיך אין זיי. אַ דאַנק אָט די אורזאַכען זיינען טאַקע ניט ווייניג אויסבעסערונגען אין געצייג געמאַכט געוואָרען דורך ארבייטער.

3. געזעלשאַפטליכע נוצליכקייט און געזעלשאַפטליכער ווערט.

דער רעזולטאַט פון דער פּראָדוקציע איז אַ געזעלשאַפטליכער פּראָדוקט. צי ער איז אַ מאַטעריעלער אָדער ניט, צי באַזיצט ער די

פאָליטישע עקאָנאָמיע

אדער אנדערע פיזישע, אדער כעמישע אייגנשאפטן, האט מיט דער עקאנאמישער וויסנשאפט ניט צו טאָן. זי איז א געזעלשאפטלעכע וויסנשאפט און דער פראדוקט אינטערעסירט איר ערשטנס, ווייל די געזעלשאפט נויטיגט זיך אין אים, און צווייטנס, ווייל ער איז באשאפן געווארן דורך דער געזעלשאפטלעכער ארבייט. זי זעהט דערפאר אין א פראדוקט צוויי אייגנשאפטן. זיין פעהיגקייט צו באפרידיגן א וועלכע עס איז געזעלשאפטליכע באדערפעניש, ד. ה. זיין געזעלשאפטליכע נוצליכקייט אדער זיין געברויכס־ווערט, און די אויסגאבע פון דער געזעלשאפטליכער ארבייטס־ענערגיע, וואס איז אוועק אויף אים צו באשאפן, ד. ה. זיין געזעלשאפטליכען ווערט. דאס הייסט אלזא, אז א פראדוקט באזיצט געזעלשאפטליכע נוצליכקייט, אויב די געזעלשאפט נויטיגט זיך אין אים, און בלויז אזוי לאנג ווי זי נויטיגט זיך אין אים. אויב צ. ב. ש. די געזעלשאפטליכע באדערפעניש פון ברויט איז נאך ניט צופרידענגעשטעלט, באזיצט ברויט א גרויסע געזעלשאפטליכע נוצליכקייט, אבער פארלירט דאס אזוי שנעל ווי עס ווערט פראדוצירט מער ווי עס איז פאר דער געזעלשאפט באמת נויטיג.

דער כאראקטער פון דער געזעלשאפטליכער נוצליכקייט קען זיין זעהר פארשיידען. עס ווענדט זיך וואס פאר א סארט געזעלשאפטליכע באדערפעניש דער פראדוקט באפרידיגט. די נוצליכקייט פון ברויט איז אן אנדערע, ווי די נוצליכקייט פון א האק, אדער פון א וויסענשאפטליכען בוך, אדער פון א דראמאטישער פארשטעלונג און אז. וו. דער אונטערשייד אין נוצליכקייט איז אפהענגיג אן דער קוואליטעט פון דער ארבייט, וועלכע ווערט פארברויכט צו באשאפן דעם באשטימטען פראדוקט. די ארבייט פון ערד־ארבייטער, פון פאבריק־ארבייטער, פון לערער, אדער שרייבער, זיינען פארשיידענע סארטען ארבייט און באשאפען דערפאר פארשיידענע נוצליכקייטען, וועלכע דינען צו באפרידיגן פארשיידענע געזעלשאפטליכע באדערפענישען.

מען דארף ניט צוזאמענמישען די געזעלשאפטליכע באדערפעני־

א. באָגדאַנאָוו

שען מיט די פערזענליכע באדערפעניששען פון די איינצעלנע מיטגלי־דער פון דער געזעלשאפט. די באדערפענישען פון די יחידים קענען אמאל אפילו שטעהן אין א דירעקטען ווידערשפרוך מיט די באדער־פענישען פון דער געזעלשאפט אלס א גאנצער; זיי קענען זיין אנטי־געזעלשאפטליכע. אזוינע זיינען צ.ב.ש. די באדערפענישען פון לוקסוס פון די ניט פראדוקטיווע קלאסען, וואס געהען ניט אריין אין דער סיסטעם פון די געזעלשאפטליך נוצליכע ארבייט. אונטער געזעל־שאפטליכע באדערפענישען דארף מען פארשטעהן די באדערפענישען פון דער געזעלשאפטליכער פ ר א ד ו ק צ י ע, פון דער געזעל־שאפטס קאמף מיט דער נאטור. בלויז דאן ווען די צופרידענשטעלונג פון פערזענליכע באדערפענישען איז נויטיג פאר דער דערהאלטונג פון דער פראדוקציע, ווערען זיי פאררעכענט פאר געזעלשאפטליכע. פער־זענליך דארף קיינער ניט האבען קיין מאשינען, אדער געציינג, אדער אייזען־גרובען, פונדעסטוועגען באפרידיגען זיי געזעלשאפטליכע בא־דערפענישען, ווייל זיי זיינען נויטיג פאר דער געזעלשאפטליכער פרא־דוקציע. בכלל קען זיך די עקאנאמישע וויסענשאפט ניט פארנעמען דירעקט מיט די פערזענליכע באדערפענישען פון מענשען. אויב זי מוז יא אמאל זיי בארירען, איז דאס בלויז אויף אזוי פיל, וויפיל זי בא־רירט אנדערע ניט עקאנאמישע ערשיינונגען, בלויז אין זייערע שיכות׳ן מיט די עקאנאמישע, אין זייער ווירקונג אויף די לעצטע.

דער געזעלשאפטליכער ווערט פון א פראדוקט איז דער סכום פון ארבייטס־ענערגיע, וואס עס ק א ס ט דער געזעלשאפט. דאס קען פאלגליך געמאסטען ווערען מיט דער לענג און אנגעשטרענגטקייט (אינטענסיוויטעט) פון דער ארבייט פון די מענשען, וואס האבען זיך באטייליגט אין דער פראדוקציע פון דעם באשטימטען פראדוקט. אויב צו באשאפען איין פראדוקט איז נויטיג דרייסיג שעה געזעלשאפטליכע ארבייט, און 300 שעה פון מער אינטענסיווער ארבייט פאר דער בא־שאפונג פון א צווייטען, איז דאן קלאר, אז דער געזעלשאפטליכער ווערט פון צווייטען פראדוקט, לויט נאך דער סומע פון ארבייטס־ענערגיע, וואס איז אין אים פארקערפערט, איז אן ערך צוואנציג מאל אזוי פיל ווי פון ערשטען.

פּאָליטישע עקאָנאָמיע

דער געזעלשאפטליכער ווערט איז ניט אפהענגיג אן דעם וויפיל ארבייט דער אדער יענער איינצעלנער ארבייטער וועט אויסגעבען אויף זיין באשאפונג. אויב א דאנק זיין אומאפהענגיגקייט, אדער ווייל ער האט ניט די נויטיגע געצייג, אדער צוליב אנדערע צופעליגע אורזאכען, וועט א געוויסער ארבייטער אויסגעבען אויף דער באשאפונג פון א פראדוקט פיל מער ארבייטס-ענערגיע, ווי עס ווערט געוויינליך אויסגעגעבען אין דער באשטימטער געזעלשאפט, אויף דער באשאפונג פון דעם באשטימטען פראדוקט, וועט דער געזעלשאפטליכער ווערט פון דעם פראדוקט ניט געהעכערט ווערען צוליב דעם. פונקט אזוי וועט דער ווערט ניט קלענער ווערען דורך דעם וואס א דאנק אויסערגעוויינליכע פעהיגקייטען פון א וועלכען עס איז ארבייטער, א דאנק נייע געצייג, וואס זיינען נאך ניט אריין אין אלגעמיינעם געברויך פון דער געזעלשאפט, וועט דער פראדוקט באשאפען ווערען מיט א פיל קלענערער אויסגאבע פון ארבייטס-ענערגיע. **דער געזעלשאפטליכער ווערט שטעלט מיט זיך פאר דעם סכום פון ארבייטס-ענערגיע, וועלכע איז נארמאל נויטיג פאר דער באשאפונג פון א געוויסען פראדוקט, ביי די געוויינליכע ארבייטס-באדינגונגען, וואס הערשען אין א געוויסער געזעלשאפט.**

עס איז דערפאר נויטיג צו אונטערשיידען צווישען דעם געזעלשאפטליכען אדער נארמאלען ווערט און דעם אינדיווידועלען און צופעליגען. צווישען דעם סכום פון ארבייטס-ענערגיע, וואס איז **בכלל** נויטיג, אויף א געוויסער שטופע פון דער געזעלשאפטליכער אנטוויקלונג, און דעם וואס ווערט אויסגעגעבען צופעליג. דער עקאנאמישער וויסענשאפט אינטערעסירט בלויז דער נארמאלער ווערט, מיט דעם אינדיווידועלען ווערט קען זי זיך נאר אפגעבען אויף וויפיל דאס איז נויטיג, כדי צו פארשטעהן די ענדערונגען אין דעם נארמאלען.

באטראכטענדיג די קוואליטאטיוו פארשיידענע ארבייטען, יעדערע באזונדער, איז ניט שווער צו זעהן, אז מאנכע פון זיי זיינען מער קאמפליצירט און אנדערע מער איינפאך, אזוי צ. ב. ש. איז די ארבייט

א. באַגדאַנאָוו

פון דעם געלערנטע קאַמפּליצירטער, ווי די ארבייט פון דעם זיינער־מאכער, און די ארבייט פון זיינער־מאכער איז קאַמפּליצירטער, ווי די ארבייט פון שוסטער א. אז. וו. מיר מוזען האבען אין זינען דעם גראד פון קאַמפּליצירטקייט פון דער ארבייט, בשעת מיר פאַרשען אויס דעם געזעלשאפטליכען ווערט פון א פּראָדוקט.

די פאַרשיידענע סאָרטען ארבייט מיט זייערע פאַרשיידענע גראַדען פון קאַמפּליצירטקייט זיינען די רעזולטאַטען פון דער אומגלייכער ערציהונג פון די ארבייטער און פּאַלגליך דער אומגלייכער אנטוויקלונג פון זייערע אָרגאַניזמען. א מער קאַמפּליצירטע ארבייט געהערט צו א מער אנטוויקעלטען אָרגאַניזם, אן איינפאַכערע — צו א ווענינגער אנטוויקעלטען. עס איז אבער קלאַר, אז א מער אנטוויקעלטער אָרגאַניזם גיט אויך מער ארבייטס־ענערגיע אין דער זעלבער צייט, ווי א ווענינגער אנטוויקעלטער. דערפאַר מוז די מער קאַמפּליצירטע ארבייט באַטראַכט ווערען אַלס א גרעסערע אויסגאבע פון ארבייטס־ענערגיע, ווי די איינפאַכע, אזוי צ. ב. ש. קען א שעה ארבייט פון א געלערנטען אפשר פאַרגליכען ווערען צו דריי שעה פון א בעל־מלאכה, אדער 12 שעה פון א פּראָסטען ארבייטער.

מיט'ן טערמין „פּראָסטע ארבייט" ווען מיר אויף ווייטער באַצייכענען די איינפאַכסטע פאָרמען פון דער פּראָדוקטיווער ארבייט, וועלכע עקזיסטירט אין א געוויסער געזעלשאַפט. ביים פאַרגלייכען פון די פּרייזען שטעלט מיט זיך פאַר פּראָסטע ארבייט די נאַטירליכע מאָס, אויף וועלכע די מער קאַמפּליצירטע ארבייט קען רעדוצירט ווערען. דער נאַטירליכער אויסגאנגס־פונקט פאַר דער ארבייטס־ענערגיע איז א שטונדע פון פּראָסטער ארבייט, פון אלגעמיינער דורכשניטליכער אנשטרענגונג. אויב אויף צו שאַפען א געוויסען פּראָדוקט איז אוועקגעגאַנגען הונדערט שעה פון אזא סאָרט קאַמפּליצירטער און אינטענסיווער ארבייט, אין וועלכער דער פאַרלוסט פון ארבייטס־ענערגיע פון איין שטונדע קען פאַרגליכען ווערען מיט דער ארבייטס־ענערגיע פון צען שעה פּראָסטע ארבייט פון דורכשניטליכער אינטענסיוויטעט, וועט דער געזעלשאַפטליכער ווערט פון דעם פּראָדוקט אויסגעדריקט ווערען אין טויזענט ארבייטס־שטונדען א. אז. וו. עס פאַרשטעהט זיך, אז

פאר געזעלשאפטען. וואס שטעהען אויף פארשיידענע שטופען פון אנטוויקלונג וועט דער אויסגאנגס־פונקט (איין שעה) פון ארבייטס־ענערגיע, זיין גאנץ פארשיידען.

דער אויסדרוק „פראסטע ארבייט“ איז דא אנגעווענדעט אביסעל אנדערש ווי עס איז געוויינליך אנגענומען אין דער וויסענשאפט. געוויינליך ווערט אונטער׳ן טערמין „פראסטע ארבייט“ פארשטאנען אזא סארט ארבייט אויף וועלכער עס איז פעהיג יעדער מיטגליד פון דער געזעלשאפט, מיט דורשכניטליכען געזונט, גאר ניט געלערנטערהייט. דאס איז א זעהר אבסטראקטע פארמולע, און איז אפילו ניט אינגאנצען קלאר. („גארניט געלערנטערהייט“ קען מען גארנישט טאן).

עס איז קלאר אז וואס מער עס וואקסט אויס די פראדוקטיוויטעט פון דער ארבייט אין א געוויסער אינדוסטריע, אלץ ווייניגער ארבייטס ענערגיע פאדערט זיך אויף צו שאפען א באשטימטען פראדוקט, און זיין ווערט מוז דערפאר ווערען נידעריגער.

די געזעלשאפטליכע נוצליכקייט פון א פראדוקט, אלזא, איז זיין פעהיגקייט צו באפרידיגען א געזעלשאפטליכע באדערפעניש. זיין געזעלשאפטליכער ווערט אבער איז דער סכום ארבייטס ענערגיע, וועלכע די געזעלשאפט מוז אויסגעבען אויף אים צו פראדוצירען, אונטער באשטימטע פראדוקציאנס באדינגונגען.

די אויסדרוקען „געזעלשאפטליכער“ אדער „נארמאלער“ ווערט, ווערען ניט זעלטען פארביטען דורך דעם אויסדרוק „ארבייטס־ווערט“ אדער פשוט „ווערט“.

אן איבערבליק איבער די אלגעמיינע באגריפען.

1) די עקאנאמישע וויסענשאפט איז איינע פון די געזעלשאפטליכע וויסענשאפטען. זי פארשט אויס, ערשטענס די פראדוקציע, ד.ה. די געזעלשאפטליך נוצליכע ארבייט איבערהויפט טאקע פון איר געזעלשאפטליכער זייט — די שיכות׳ן צווישען מענשען; צווייטענס, די צוטיילונג פון די רעזולטאטען פון דער פראדוקציע. די פראדוקציאנס

און פונאַנדערטיילונגס־שיכות'ן פון מענשען פאַרשט זי אויס אין זייערע ענדערונגען, אין זייער אַנטוויקלונג און אונטערגאַנג.

2) די גרונט פראַגען בנוגע דער געזעלשאַפטליך־נוצליכער אַרבייט זיינען, איר קוואַליטעט, קוואַנטיטעט און פּראָדוקטיוויטעט.

די קוואַליטעט פון דער געזעלשאַפטליכער אַרבייט, אָדער די אַנווענדונג פון דער אויסגאַבע פון דער אַרבייטס ענערגיע ווערט דירעקט באַשטימט, ערשטענס דורך די געזעלשאַפטליכע באַדערפענישען; צווייטענס, דורך די געזעלשאַפטליכע פּראָדוקציאָנס מיטלען, און דריטענס, דורך דער מאָס אַרבייטס קראַפט וואָס די געזעלשאַפט פאַרמאָגט. יעדע איינע פון אָט די באַדינגונגען ווערט אַליין באַשטימט דורך דער גאַנצער פריהערדיגער געשיכטע פון דער געזעלשאַפט.

די קוואַנטיטעט פון דער געזעלשאַפטליכער אַרבייט איז אָפּהענגיג פון דער מאָס געזעלשאַפטליכע אַרבייטס־כחות וואָס באַטיילינען זיך אין דער פּראָדוקציע, פון דער לייִנג פון דער אַרבייטס צייט און פון דער אינטענסיוויטעט פון דער אַרבייט. יעדע איינע פון די אויסגערעכנטע עלעמענטען, איז ווייטער, אַליין אָפּהענגיג פון דעם גאַנצען סכום פון פאַרגאַנגענע און געגענווערטיגע געזעלשאַפטליכע באַדינגונגען.

די פּראָדוקטיוויטעט אָדער דער ערפאָלג פון דער געזעלשאַפטליכער אַרבייט ווערט באַשטימט, ערשטענס, דורך דער נאַטירליכער סביבה אין וועלכער די געזעלשאַפט לעבט; צווייטענס, דורך דעם צושטאַנד פון דער טעכניק, ד.ה. דורך די פעהיגקייטען פון די מענשען צו באַנוצען זיך פאַר זייערע צוועקען מיט די נאַטור כחות, און דריטענס, דורך דער סיסטעם פון דער געזעלשאַפטליכער אַרבייט, ווי די אַנטוויקלונג פון צוזאַמענאַרבייטען, די צוטיילונג פון דער אַרבייט א. אז. וו.

3) דער רעזולטאַט פון דער פּראָדוקציע — דער פּראָדוקט, פאַרמאָגט צוויי געזעלשאַפטליכע אייגענשאַפטען, וואָס זיינען אומאָפּהענגיג פון זיינע נאַטירליכע אייגענשאַפטען; דאָס זיינען זיין געזעלשאַפטליכע נוצליכקייט און געזעלשאַפטליכער ווערט. זיין געזעלשאַפטליכע נוצליכקייט באַשטעהט אין דעם וואָס דער פּראָדוקט קען באַפרידיגען אַ וועלכע עס איז געזעלשאַפטליכע באַדערפעניש. זיין

פּאָליטישע עקאָנאָמיע

געזעלשאַפטליכער ווערט שטעלט מיט זיך פאר די מאָס ארבייטס־ענערגיע וואָס די געזעלשאַפט האָט געמוזט אויסגעבען כדי אים צו פּראָדוצירען. ביים פארגלייכען דעם ווערט פון פּראָדוקטען איז דער אויסגאַנגס־פּונקט א ש ע ה פ ו ן א י י נ פ א כ ס ט ע ר א ר ב י י ט, וואָס עקזיסטירט אין א געוויסער געזעלשאַפט, און דערצו דאַרף דאָס זיין ארבייט פון דורכשניטליכער אַנשטרענגונג.

די צוטיילונג און די אָרדנונג פון דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט.

די געזעלשאַפטליכע פּראָדוקציאָנס און פונאַנדערטיילונגס שיכות'ן ענדערען זיך שטופּענווייז, איינע נאָך דער צווייטער, ביסלעכווייז. קיין שנעלער איבערגאַנג איז דאָ ניטאָ, קיין שאַרפע גרענעצען צווישען איין צושטאַנד און דעם צווייטען קען מען ניט באַמערקען.

פונדעסטוועגען, ווען מיר פאַרשען אויס דאָס עקאָנאָמישע לעבען פון א וועלכער עס איז געזעלשאַפט קען מען אין די מערסטע פאַלען איר געשיכטע צוטיילען אין עטליכע פּעריאָדען וועלכע אונטערשיידען זיך צווישען זיך גאַנץ באַדייטענד, אין דעם געבוי פון די הערשענדע געזעלשאַפטליכע שיכות'ן, וועלכע זיינען גאַנץ אָפט שאַרף אָפּגעטיילט איינס פון דאָס צווייטע.

פון גרעסטען אינטערעס פאר אונז איז דער גאַנג פון אַנטוויקלונג פון די געזעלשאַפטען וואָס זיינען אריינגערעכענט צווישען די „ציוויליזירטע" פון אונזער צייט, זיי זיינען גלייכצייטיג אויך אַמערסטענס אויסגעפאַרשט געוואָרען פון דער וויסענשאַפט.

אין אַלגעמיינע שטריכען, איז דער אַנטוויקלונגס־וועג פון אַט די געזעלשאַפטען אומעטום דער זעלבער. אין דער איצטיגער צייט באַמערקען זיך צוויי הויפּט פאַזען וואָס זיינען אין פאַרשיידענע פאַלען פאַרגעקומען פאַרשיידען אין זייערע איינצעלהייטען, בעצם אָבער זיינען זיי כמעט דיזעלבע אומעטום.

1) ד י פ ר י מ י ט י װ ע נ א ט י ר ל י כ ע װ י ר ט־

א. באַגדאַנאָוו

ש א פ ט. די באַזונדערהייטען מיט וואָס אַט דער צושטאַנד ווערט כאַראַקטעריזירט זיינען, די שוואַכקייט פון דעם געזעלשאַפטליכען מענשען אין זיין קאַמף מיט דער נאַטור, די ענגקייט פון די באַזונדערע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס, די איינפאַכקייט פון די געזעלשאַפטליכע שיכות'ן, די אַפּוועזענהייט אָדער אומבאַדייטענדע אַנטוויקלונג פון אויסטויש, און די לאַנגזאַמקייט מיט וועלכער עס פלעגען פאַרקומען ענדערונגען אין די געזעלשאַפטליכע פאָרמען.

אין אַט דעם פּעריאָד דאַרף מען אונטערשיידען דריי באַזונדערע מדרגות:

א) דער פּאַרצייטיגער פאַמיליען־קאָמוניזם; דער העכסטער גראַד פון הערשאַפט פון דער נאַטור איבער'ן מענשען, די אומזיכערקייט פון דער מענשליכער עקזיסטענץ; די אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבייט איז געבויט אויף ענגער בלוט קרובה'־שאַפט צווישען מענשען.

ב) די פּאַטריאַרכאַלע־פאַמיליען סיסטעם. עס עקזיסטירען שוין אַזוינע מיטלען פון קאַמף פאַר עקזיסטענץ וואָס פאַרזיכערען דאָס לעבען (ערד אַרבייט, פיה־צוכט.); די געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבייט ווערט אויסגעברייטערט, הגם זי געהט נאָך אַלץ ניט אַרויס פון די ראַמקעס פון קרובה'־שאַפט; אין דער פּראָדוקציע זונדערט זיך אָפּ די אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבייט, וועלכע גיט איין יחיד די מאַכט איבער אַלע אַנדערע יחידים וואָס שטעלען צוזאַמען די משפחה־גרופּע. דורך דעם ווערט געשאַפען די מעגליכקייט פאַר עקספּלואַטאַציע, הגם אין דער צייט איז זי, אַ דאַנק דער באַשרענקטקייט פון דער פּראָדוקציע בכלל, זעהר באַגרענעצט.

ג) די פעאָדאַלע אָרדנונג. דורך דער ווייטערער אַנטוויקלונג פון דעם געזעלשאַפטליכען כח פון מענשען, באַשרענקט זיך שוין ניט די אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבייט, אויף פאַמיליע־באַציהונגען, דער ענגער צוזאַמענבונד צווישען די מיטגלידער ווערט קלענער מיט איר אויסברייטונג, די קליינע פאַמיליע־גרופּען וואָס שטעלען דאָן צוזאַמען די אָרגאַניזאַציע פון אַרבייט גיסען זיך ניט

צונויף אַלע איז איינעם, נאָר זיי בלייבען מער אָדער ווענינער זעלבסט־שטענדיג. די אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבייט געהט טיילווייז איבער צו די עלטסטע מיטגלידער פון אַט די קליינע גרופּען, און טיילווייז פאַר־בלייבט דאָס פאַר דעם אָרגאַניזאַטאָר־פּעאָדאַל, וועלכער פאַראייניגט זיי אַלעמען. די עקספּלואַטאַציע ווערט אַ סיסטעם, זי געפינט אָבער איר גערעניץ אין די באַגרענעצטע באַדערפעניסען פון דער הערשענ־דער גרופּע.

2) די ווירטשאַפט אויף׳ן יסוד פון אויס־בייטען פּראָדוקטען. די גרויס פון דער געזעלשאַפט־ליכער פּראָדוקציע אַזוי גוט ווי די פאַרשיידענאַרטיגקייט פון אירע עלעמענטען וואַקסען אויס. די געזעלשאַפט שטעלט שוין מיט זיך פאָר אַ קאָמפּליצירטען גאַנצען, וואָס באַשטעהט פון באַזונדערע אָר־גאַניזירטע גרופּען, וואָס זיינען צווישען זיך פאַרבונדען דורך דער אומאָרגאַניזירטער צוטיילונג פון דער אַרבייט. פון די פונאַנדערטיי־לונגס־שיכות׳ן שפּילט די הויפּט ראָליע דער אויסבייטען פון פּראָ־דוקטען. דער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דער געזעלשאַפט ווערט שנע־לער.

דעם פּעריאָד דאַרף מען צוטיילען אויף צוויי מדרגות:

1) די קליין בורזשואַזע אָרדנונג. איהר כאַראַקטעריסטישער שטריך זיינען די קליינע באַזונדערע ווירטשאַפט־ליכע אָרגאַניזאַציעס. די פּראָדוקציאָנס־מיטלען געהערען צו די, וואָס באַנוצען זיי דירעקט, און אַ דאַנק דעם איז קיין עקספּלואַטאַציע גאָר ניטאָ, אָדער זי איז שוואַך אַנטוויקעלט.

2) די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג. די גרויס־קייט און קאָמפּליצירטקייט פון דער פּראָדוקציע, און צוזאַמען דערמיט אויך די מאַכט פון דעם געזעלשאַפטליכען מענשען איבער דער נאַטור. וואַקסט שוין איצט אויס צו אַן אומגעהערטער גרויס. צו אַן אומגע־הערטער גרויס דערגרייכט אָבער אויך די מאַכט איבער דעם מענשען פון די געזעלשאַפטליכע שיכות׳ן, וואָס ווערען איצט אויסערגעוויינ־ליך קאָמפּליצירט. דער פונדאַמענט פון די שיכות׳ן ווערט די

פרייע לויז־ארבייט. דער אנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דער געזעלשאפט ווערט אויסערגעוויינליך פאַרשנעלערט.

3) די סאָציאַל ארגאַניזירטע ווירטשאַפט — די נאָך ניט דערגרייכטע שטופע פון אנטוויקלונג*). די גרויסקייט און קאָמפּליצירטקייט פון דער פּראָדוקציע־האַלטען אַלץ אין וואַקסען, אָבער די פאַרשיידענאַרטיגקייט פון די עלעמענטען ווערען אריבערגעטראָגען אויף די פּראָדוקציאָנס־ווערקצייג און אויף די פּראָדוקציאָנס־מעטאָדען. די מיטגלידער אָבער פון דער געזעלשאפט אנטוויקלען זיך אַלץ מער אין דער זייט פון איין־אַרטיגקייט. די פּראָדוקציע און די פאַרטיילונג פון פּראָדוקטען זיינען צוועקמעסיג אָרגאַניזירט דורך דער געזעלשאפט גופא, אין איין איינהייטליכער גאַנצער סיסטעם, וואָס וויים ניט פון פונאַנדערברעקלונג, ווידערשפּרוכען און אַנאַרכיע. דער אנטוויקלונגס־פּראָצעס ווערט נאָך מער פאַרשנעלערט.

ביז א געוויסען גראַד באַזונדער פון דעם אַלגעמיינעם אנטוויקלונגס־פּראָצעס פון די געגענוואַרטיגע קולטורעלע געזעלשאפטען, דאַרף מען אוועקשטעלען דאָס לעבען פון דער **קלאַסישער וועלט** מיט אירע באַזונדערע טענדענצען, וואָס האָט געבראַכט צו די אמערסטענס פאַרענדיגטע פאָרמען פון עקספּלואַטאַציע פון דער שקלאַפען־ארבייט, און צו דעם אונטערגאַנג, וואָס איז געקומען דערנאָך.

אַנאַליזירענדיג די געזעלשאַפטליכע שיכות'ן פון יעדען באַזונדערען פּעריאָד, איז נויטיג זיך קלאָר צו מאַכען **וואָרום און אויף וועלכען אופן** איז דאָס אנטשטאַנען, **וואָרום און אויף וועלכען אופן** האָט זיך דאָס געענדערט, ווען די געזעלשאפט איז איבערגעגאַנגען צו נייע שיכות'ן.

א דאַנק דער אומצוטיילבאַרער פאַרבינדונג פון די עקאָנאָמישע ערשיינונגען מיט די רעכטליכע און אידעאָלאָגישע, קען די עקאָנאָמישע

---

*) דעם אָנהויב פון דער דאָזיגער מדרגה זעהען מיר שוין איצטער אין דער קאָמוניסטישער רוסלאַנד.

(רעדאַקטאָר).

פּאָליטישע עקאָנאָמיע

וויסענשאַפט ניט פאַרשווייגען די פראגע וועגען דער געגענזייטיגער פאַרבינדונג, אין וועלכער עס געפינט זיך די אנטוויקלונג פון אַט די דריי אָפּטיילונגען פון מענשליך־געזעלשאַפטליכען לעבען.

די עקאָנאָמישע וויסענשאַפט קען צוטיילט ווערען אויף פּאָליטי־שער עקאָנאָמיע און עקאָנאָמישער פּאָליטיק. די פּאָליטישע עקאָנאָמיע איז די לערע וועגען די אורזאַכען פון די ענדערונגען אין די געזעל־שאַפטליכע שיכות'ן, און די עקאָנאָמישע פּאָליטיק איז די לערע וועגען די מיטלען און מעטאָדען פון אַט די ענדערונגען.

וועגען דער מעטאָדע פון דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט.

די עקאָנאָמישע וויסענשאַפט איז איינע פון די געזעלשאַפטליכע וויסענשאַפטען, כדי צו געבען א באַגריף וועגען איר מעטאָדע, וועט זיין אמבעסטען פריהער פון אַלץ צו באַווייזען וועלכע מעטאָדען עק־זיסטירען פאַר דער וויסענשאַפט בכלל, מיט וואָס אונטערשיידען זיך די מעטאָדען פון די געזעלשאַפטליכע וויסענשאַפטען און צום לעצט. וואָס זיינען די באַזונדערהייטען פון דער מעטאָדע פון דער עקאָנאָ־מישער וויסענשאַפט.

עס זיינען דאָ צוויי פונדאַמענטאַלע אַלגעמיינע וויסענשאַפט־ליכע מעטאָדען: די אינדוקטיווע און די דעדוקטיווע.

די אינדוקטיווע מעטאָדע איז די, וואָס זוכט פון איינצעלנע באַ־אָבאַכטונגען און ערפאַרונגען צו ציהען אַלגעמיינע שלוסען, פון א ריי־הע אַזעלכע שלוסען ווערען געמאַכט אַנדערע, פון א מער אַלגעמיינעם כאַראַקטער א. אַז. וו. ביז די העכסטע גענעראַליזאַציעס פון דער ווי־סענשאַפט.

א פאַרשער האָט עטליכע מאָל באַמערקט, אַז די אַקס פון א וואָגען הויבט אַן ברענען, ווען דער וואָגען באַוועגט זיך, דערפון קומט ער צום שלוס, אַז „פון רייבונג צינדט זיך אָן די אַקס", דאָס איז דער ערשטער באַזונדערער שלוס פון א רייהע באַזונדערע פאַקטען. דער שלוס האָט זיך באַקומען א דאַנק דער געמיינשאַפטליכקייט פון די ערשיינונגען.

א. באגדאנאוו

ד. ה. באטראכטענדיג די באזונדערע ערשיינונגען, האט זיך אנגעהויבען פון זיי אויסטיילען דאס, וואס איז זיי אלעמען געמיינשאפטליך. נאך שטארקער און צווייפעל־לאזער וועט אט דער שלוס ווערען, אויב ער וועט קענען באוויזען ווערען אויך אויף א צווייטען וועג, דורך דעם אונטערשייד אין די ערשיינונגען; אויב מען פארענדערט די רייבונגס־קראפט, מען פארקלענערט איר, אדער מען פארגרעסערט, מען באשמירט מיט א וועלכער עס איז פעטקייט די אקס, אדער מען מאכט נאך ענגער די עפענונג אין וועלכער די אקס דרעהט זיך, געפינען מיר אז אין ערשטען פאל ווערט די היץ קלענער, אין צווייטען גרעסער. פאלגליך הייסט עס, אז די אורזאכע פון דעם, וואס די אקס ווערט היים אדער צינדט זיך אן, איז טאקע די רייבונג.

אויף דעם זעלבען אופן אנטשטעהען א גאנצע רייהע ענליכע גענעראליזאציעס. טיילען פון א מאשין דערווארימען זיך, ווען זיי רייבען זיך איינס אן דאס צווייטע; א זעג, פון דעם וואס זי רייבט זיך אן די האלץ, וואס זי זעגט; דורך רייבען איין שטיק האלץ אן א צווייטען באקומט דער ווילדער מענש פייער. דער רעזולטאט איז, אז מיר קומען צו א שלוס פון א מער אלגעמיינעם כאראקטער: „קערפערם ווערען היים דורך רייבונג".

ווייטער ווייזט זיך ארויס, אז אן אנווארעמונג קומט אויך פאר בשעת א געוויסע באוועגונג ווערט אפגעשטעלט, צ. ב. ש., ווען א קויל שלאגט זיך אפ אן וואנט, ווערט זיווארעם. ווען עס זיינען דא רייבונגען, איז אויב די באוועגונג שטעלט זיך ניט אפ אינגאנצען, ווערט זי אבער לאנגזאמער, שוואכער, מיט איין ווארט, א געוויסער טייל פון איר ענערגיע פארשווינדט. דאס אלגעמיינע אין אט די אלע פאלען איז דאס, וואס די באוועגונג פארשווינדט טיילווייז אדער אינגאנצען, פון א סך אזוינע גענעראליזאציעס אנטשטעהט דער פאלגענדער אלגעמיינער שלוס: „וואו עס פארשווינדט די באוועגונג, אנטוויקעלט זיך ווארעמקייט". אדער „באוועגונג (מעכאנישע) געהט איבער אין ווארעמקייט".

אנדערע אויספארשונגען האבען באוויזען, אז אויך ליכט און עלעקטריציטעט קענען פארוואנדעלט ווערען אין ווארעמקייט און אין

מעכאַנישער באַוועגונג און פאַרקערט. דערפון אנטשטעהט דער אַל־געמיינער געזעץ: „אַלע מינים פון ענערגיע (אַלע טיפּען פון ענדע־רונגען, וועלכע קומען פאָר אין דער נאַטור) קענען איבערגעהן פון איינם אין דאָס צווייטע.“

אַט אַזוי געהט די אינדוקציע, שטיצענדיג זיך אויף באַאָבאַכ־טונגען און ערפאַרונגען, פון דאָס איינצעלנע צו דאָס אַלגעמיינע.

די דעדוקציע געהט אויף דעם פאַרקערטען וועג. האָבענדיג פאַר זיך אַלגעמיינע באַגריפען, ציהט זי פון זיי שלוסען פון מער איינצעל־נעם כאַראַקטער, אַזוי, אַז אויב צ. ב. ש. עס איז באַוואוסט, אַז אַלע מינים ענערגיע געהען איבער איינס אין דאָס צווייטע, איז ווען דער פאָרשער באַגעגענט זיך מיט אַ נייעם, נאָך ניט אויסגעפאָרשטען מין פון ענערגיע, נעמט ער גלייך אָן, אַז אויך אַט דער מין קען איבער־געהן אין אַ צווייטען.

אָבער אַלס פונדאַמענט פון דער דעדוקציע דינט שטענדיג די אינדוקציע, ווייל די אַלגעמיינע באַגריפען פון וועלכע די באַזונדערע איינצעלנע שלוסען ווערען געצויגען, זיינען אַליין דער רעזולטאַט פון דער אינדוקציע.

די געזעלשאַפטליכע וויסענשאַפטען, באַנוצענדיג זיך מיט די זעל־בע צוויי מעטאָדען, ווי אַלע אַנדערע וויסענשאַפטען, אונטערשיידען זיך פון יענע דערמיט, וואָס זיי באַטראַכטען די ערשיינונגען פון אַ געזעלשאַפטליכען שטאַנדפּונקט. עס וואָלט ניט ריכטיג זיין, ווען מיר זאָלען זאָגען, אַז די געזעלשאַפטליכע וויסענשאַפטען פאַרנעמען זיך בלויז מיט דער געזעלשאַפט, ניין, גאַנץ אָפט נעמען זיי אין זיך אַריין אויך ערשיינונגען, וואָס זיינען ניט קיין געזעלשאַפטליכע, זיי ווערען אָבער אויסגעפאָרשט בלויז אין זייער שייכות צו דעם לעבען פון דער געזעלשאַפט, בלויז אין זייער ווירקונג אויף דער געזעלשאַפט. אַזוי צ. ב. ש. הויבט זיך כמעט אימער אָן די באַשרייבונג פון דעם לעבען פון אַ וועלכען עס איז פאָלק, מיט דער באַשרייבונג פון די נאַ־טור־באַדינגונגען אין וועלכע ער לעבט; אָבער אַט די באַדינגונגען ווערען ניט ארומגערעדט אין זייער גאַנצקייט, נאָר בלויז אויף אַזוי פיל ווי פיל עס איז נויטיג כדי צו פאַרשטעהן די אַנטשטעהונג פון די

א. באַגדאַנאָוו

באזונדערע אייגענשאַפטען פון דעם פאָלק. עס האָט ניט קיין זין צו שטודירען דעם געזעלשאַפטליכען לעבען פון מצרים און איגנאָרירען די פעריאָדישע פאַרפלייצונגען פון ניל. אבער אָט דער ניט געזעלשאַפטליכער פאַקט, ווערט דאָן גענומען אין אַנבעטראַכט בלויז פון א געזעלשאַפטליכען שטאַנדפּונקט, אויף וויפיל ער ווירקט אויפ'ן לעבען פון דער מצרי'שער געזעלשאַפט, ניט קימערענדיג זיך גאָר צ. ב. ש. וועגען דער אַסטראָנאָמישער דערקלערונג פון אָט דער ערשיינונג.

אבער די געזעלשאַפטליכע וויסענשאַפטען זיינען קאָמפּליצירטע און דער געזעלשאַפטליכער בליק אויף דער אויסערליכער נאַטור קען אָנגעווענדט ווערען אויף פאַרשידענע אופנים. איין טייל פון דער געזעלשאַפטליכער וויסענשאַפט, די לערע וועגען דער מאַטעריעלער קולטור, שטודירט אַלע פאַקטען פון שטאַנדפּונקט פון זייער דירעקטען שיכות צו דעם קאַמף פון דער געזעלשאַפט מיט דער נאַטור. אויב דער וויסענשאַפט קומט אמאָל אויס צו באַרירען צ. ב. ש. די געשיכטע פון אידעען, איז דאָס בלויז כדי פעסטצושטעלען ווי אזוי האָבען אָט די אידעען געווירקט אויף דעם ווייטערען קאַמף, וואָס די געזעלשאַפט פירט געגען דער אויסערליכער נאַטור. א צווייטער טייל, — די עקאָנאָמישע וויסענשאַפט, שטודירט אַלע ערשיינונגען פון שטאַנדפּונקט פון די שיכות'ן, וועלכע אַנטשטעהען צווישען מענשען אין זייער קאַמף פאַר'ן לעבען. אויב אָט די לעצטע וויסענשאַפט באַרירט פראַגען פון דער מאַטעריעלער קולטור, איז דאָס בלויז כדי אויסצוגעפינען, וואָס פאַר א ווירקונג האָבען געהאַט די געוויסע טעכנישע באַדינגונגען אויף די ענדערונגען פון די געגענזייטיגע שיכות'ן פון די מענשען. די לערע וועגען דער גייסטיגער קולטור שטודירט אַלץ, וואָס האָט א שיכות צו די געזעלשאַפטליכע מיטלען פון דענקען און וויסען.

די באַזונדערהייט פון דער מעטאָדע פון דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט באַשטעהט אַלזאָ אין דעם, וואָס אין אַלע ערשיינונגען אינטערעסירט איר בלויז איין זאַך: וואָס פאַר א באַדייטונג האָט עס פאַר די געגענזייטיגע שיכות'ן צווישען מענשען, אין דעם קאַמף מיט דער נאַטור.

די פונדאַמענטאַלע, ערשטע אורזאַכען פון יעדער ערשיינונג לי־

פאָליטישע עקאָנאָמיע

געז דרויסעז פוז איר אליין, דאָס איז גילטיג אויך פאר דער עקאָנאָמיק. דערפאר איז דורכאויס נויטיג, שטודירענ־דיג די עקאָנאָמישע פאקטעז, צו דערקלערעז זייער אנטשטעהונג דורך אנדערע, ניט־עקאָנאָמישע פאקטעז. דערפאר טאקע וועלעז מיר ווייטער רעדעז ניט בלויז וועגעז די פראָדוקציאָנס־שיכות'ז פון מענשעז, נאר אויך וועגעז דער טעכניק אלס אורזאך פון די עקאָנאָמישע ענ־דערונגעז; מיר וועלעז אויך מוזעז רעדעז וועגעז דער גייסטיגער קול־טור אלס א וויכטיגעז פאקטאר, וואָס הגם ער שטאמט אָפּ פון אנדערע (א „דעריוואטיווען" פאקטאר), האלט ער פּאָרט אָפּ אָדער פארשנע־לערט דעם גאנג פון די עקאָנאָמישע ענדערונגען פון לאנד, און באַ־שטימט אין א געוויסעז זין אפילו די פאָרמע פון די ענדערונגעז, הגם ער קען זיי ניט ארויסרופעז זעלבסטשטענדיג.

די קאָמפּליצירטקייט פון די געזעלשאפטליכע ערשיינונגען מאכט אָפּט כמעט אוממעגליך צו באנוצעז זיך אין דער עקאָנאָמישער ווי־סענשאפט מיט דער אינדוקטיווער מעטאָדע, וועלכע איז אמבעסטען צוגעפּאסט צו איינפאכע, ניט קאָמפּליצירטע, פאקטען. דער עקאָנאָ־מיסט מוז זיך דאן ארויסהעלפען דורך דער דעדוקציע, אין דער פאָרמע פון דער אזוי גערופענער אבסטראקטער מעטאָדע. דער פאָרשער פּרובירט זיך פאָרשטעלען א באשטימטע זייט פון א גע־זעלשאפטליכער ערשיינונג אין איר סאמע ריינער און איינפאכער פאָרמע, און נאָכהער פירט ער אריין אין געדאנק פארשיידענע נייע ווירקונגען, און פּרובירט לאָגיש אויסגעפינען, וואָס פאר אן ענדערונ־גען וועלען מוזען, א דאנק דעם, פאָרקומען. אזוי צ. ב. ש. באטראכ־טענדיג די געגענווערטיגע געזעלשאפט, קען מען אָנהויבען מיט פאָר־שטעלען זיך, אז אין איר הערשט א פולשטענדיגע פרייע קאָנקורענץ פון אונטערנעמונגען, און זוכען צו געפינען וואָס פאר אן ענדערונגען עס מוזען אין איר פאָרקומען. נאָכהער דארף מען נעמען אין אנבאַ־טראכט די פארשיידענע שטערונגען, וואָס די קאָנקורענץ האָט, און זעהן ווי אזוי דארפען זיי ווירקען אויף דעם גאנג פון אָט די ענדע־רונגען.

עס איז נויטיג נאָך צו זאָגען עטליכע ווערטער מכח דער שטופע

א. באָגדאַנאָוו

פון אנטוויקלונג, אויף וועלכער די עקאָנאָמישע וויסענשאפט געפינט זיך. אט די שטופע איז ניט קיין זעהר הויכע, עס זיינען דערווייל געמאכט געוואָרען בלויז די ערשטע טריט, הגם דאָס זיינען גלייכצייטיג אויך די שווערסטע טרים. די עקאָנאָמישע וויסענשאפט איז נאָך זעהר יונג, זי איז געבוירען געוואָרען ניט פריהער ווי אין 17טען יאָר־הונדערט.

עס זיינען געווען צוויי גרונט־אורזאכען פאר אזא שפּעטער געבורט און שוואכער אנטוויקלונג פון דער עקאָנאָמישער וויסענשאפט. די ערשטע, מער אלגעמיינע אורזאכע, איז די גוואַלדיגע קאָמפּליצירטקייט, און פאָלגליך די גוואַלדיגע שוועריגקייט פון דער דערקענטעניש פון די סאָציאַלע ערשיינונגען. די צווייטע אורזאכע איז, וואָס דער אינטערעס גופא פאר דער עקאָנאָמישער וויסענשאפט האָט זיך אָנגעהויבען אנטוויקלען ערשט ניט לאנג. די אויפמערקזאמקייט פון דעם פאָרשענדען גייסט ווערט פריהער פון אלץ צוגעצויגען צו יענע זייטען פון לעבען, וואָס צייכענען זיך אוים מיט זייער שנעלער באַוועגונג, מיט די אָפטע ענדערונגען פון זייערע פאָרמען, מיט דעם שטורעמדיגען גאַנג פון זייער אנטוויקלונג. די פאָר־קאפּיטאַליסטישע געזעלשאפטליכע פאָרמען האָבען זיך אויסגעצייכענט איבערהויפּט מיט דער לאנגזאמקייט פון זייער באוועגונג, מיט זייער שטופענווייזער אנטוויקלונג. בלויז די בורזשואַזע וועלט, מיט איר פיבערהאפט־שנעלען לעבענס־גאַנג, מיט דער מאַסע ווידערשפּרוכען, וואָס שווימען אַרוים אויף איר אויבערפלאַך אלץ אָפטער און שאַרפער, האָט געקענט באַשאַפען א טיפען און לעבעדיגען אינטערעס פאר דער אויספאָרשונג ־ייז די עקאָנאָמישע ערשיינונגען.

צווייטער קאפיטעל.

דער פארצייטיגער משפחה־קאמוניזם.

די פאקטען אויף וועלכע מיר שטיצען זיך בשעת מיר טרעטען צו צו דער אויספארשונג פונ'ם לעבען פון די פארצייטיגע מענשען, קענען ניט באצייכענט ווערען אלס רייכע. קיין שום ליטעראטור איז פון יענער צייט ניט פארבליבען. ווייל זי האט דעמאלט גאר ניט עקזיסטירט. די איינציגע עדות פון יענער ווייטער פעריאדע זיינען די ביינער, געצייג א. אז. וו., וואס מיר געפינען אין דער ערד.

עס איז דא נאך א זעהר וויכטיגעה קוואל, וואס מיר קענען אויסנוצען פאר דער אויספארשונג פונ'ם לעבען פון די פארצייטיגע מענשען. דאס איז דאס לעבען, די שיכות'ן און געוואוינהייטען פון די געגענווערטיגע ווילדע שבטים, איבערהויפט די וואס געפינען זיך נאך אויף א גאר נידעריגער שטופע פון אנטוויקלונג.

באנוצענדיג זיך אבער מיט דעם קוואל, מוז מען זיין זעהר פארזיכטיג אין די שלוסען וועלכע מען ציהט. היינט זיינען שוין מער ניטא אזוינע ווילדע, וועמען עס זאל קיינמאל ניט געווען אויסקומען צו האבען צו טאן מיט מער אנטוויקעלטע פעלקער, עס איז דערפאר זעהר מעגליך על פי טעות אנצונעמען פאר אן איבערבלייבעניש פון פארצייטיגע געוואוינהייטען, עטוואס וואס איז באמת דער רעזולטאט פון די לעצטע יארען. עס זיינען אויך מעגליך אנדערע סארטען טעותים. עס איז מעגליך, אז א שבט, וואס האט שוין פריהער געהאט אנטוויקעלט א פארהעלטעניסמעסיג הויכע קולטור, זאל דאס, א דאנק דעם, וואס זיין היסטאריש לעבען איז ניט איינגעגעבען, צוריק פארלירען. אננעמענדיג אזא שבט, וואס איז צוריק ווילד געווארען פאר א פארצייטיג ווילדען, קען מען קומען צו זעהר פיל פאלשע שלוסען.

א. באָגדאַנאָוו

יערענפאלס, זיינען אַט די פאקטען, וואָס מיר האָבען היינט, וועגען דעם לעבען פון די פארצייטיגע מענשען, גענוג אויף קלאָר צו מאַכען די גרונט־שטריכען פון די געזעלשאפטליכע שיכות׳ן פון דער „פאר־היסטאָרישער" צייט.

1) דער שיכות פון פארצייטיגען מענשען צו דער נאַטור.

אין זיין קאמף מיט דער נאַטור איז דער פארצייטיגער מענש זעהר שוואך באוואפענט, ערגער פון פילע חיות. זיין איינגעבאָרען געוועהר, — זיינע הענט, פיס, ציינער, זיינען פיל שוואכער, ווי צ. ב. ש. ביי די גרויסע רויב־חיות. קינסטליך געוועהר, די וואָס גיבען דעם איצטיגען מענשען זיין איבערוואָג איבער דער גאַנצער איבעריגער לעבעדיגער און טויטער נאַטור, זיינען דעמאָלט געוועזען זעהר שלעכטע און גראָבע, און דערצו נאָך אין אַזאַ קליינער צאָל, אַז זיי האָבען ניט געקענט באדייטענד פארלייכטערען דעם מענשענס קאמף פאר׳ן לעבען.

אין אַט דעם שווערען קאמף ערשיינט דער פארצייטיגער מענש, ווייט ניט אַלס דער קעניג פון דער נאַטור. פונקט פארקערט, דער ערשטער פעריאָד אין דעם לעבען פון דער מענשהייט איז א פעריאָד פון אונטערדריקונג און שקלאַפעריי. אָבער אַלס אונטערדריקער און הערשער טרעט דאָ ארויס ניט דער מענש, נאָר די נאַטור.

די ערשטע געוועהר זיינען אָהן צווייפעל געוועזען דער שטיין און דער שטעקען. אַט די געוועהר, גענומען דירעקט פון דער נאַטור, קען מען, ווי עס שיינט, געפינען אפילו ביי די העכערע מינים אַפען. אין דער איצטיגער צייט זיינען שוין אין ערגעץ ניט פארבליבען אַזוינע ווילדע מענשען, וואָס זאָלען פון קיין אנדערע געוועהר ניט וויסען.

דער מאָרד איז ביי דעם פארצייטיגען מענש שוואך און אומאַנטוויקעלט. זייענדיג געצוואונגען כסדר צו פירען א שווערען און ביטערען קאמף, בלייבט אים קיינמאָל קיין צייט ניט פאר וועלכער עס איז גייסטיגער ארבייט. פונדעסטוועגען אָבער אנטוויקעלט זיך דער מענש.

פּאָליטישע עקאָנאָמיע

א טעמפּער אונטערדריקטער שקלאַף פון דער נאַטור, קעמפּענדיג כסדר פאר זיין לעבען און פאר זיינע לעבענס־מיטלען, באַקענט ער זיך דאַך ביסלעכווייז מיט געגענשטאַנדען און כחות פון דער נאַטור, פון דור צו דור ו ו ע ר ע ן איבערגעגעבען די אָנגעזאַמעלטע ערפאַרונגען און עס ווערען אויסגעבעסערט זיינע וואַפען. מיט א א גוואַלדיגער לאַנג־זאַמקייט, אין פארלויף פון פיל יאר, ווערען איינע נאָך דער צווייטער געמאַכט פארשיידענע אַנטדעקונגען און ערפינדונגען. עס ווערען דאַן ערפונדען אַלץ אַזוינע זאַכען, וואָס ציינען זיך אויס פאר דעם גע־גענוועַרטיגען מענשען אַלס זעהר איינפאַכע. דעם פארצייטיגען מענ־שען אָבער האָבען אַט די איינפאַכע ערפינדונגען זעהר טייער געקאָסט.

פאַראייניגענדיג דעם שטיין מיט'ן שטעקען באַארבייטענדיג זיי און צופּאַסענדיג זיי פאר זיינע צוועקען, שאַפט דער מענש פאר זיך זיין שטיינערנע האַק, אַ מעסער, א פייל א. אז. וו. פון אַט די איינפאַכע וואַפען זיינען נאָכהער אַנטשטאַנען פילע אַנדערע.

כמעט אין דער זעלבער צייט, ווען עס געהען אריין אין געברויך די שטיינערנע וואַפען, ו ו ע ר ע ן אויך אַנטדעקט די נוצליכע אייגענשאַפטען פון פייער.

די ערשטע וועגדקע פאר כאַפּען פיש, וואָס איז באַשטאַנען פון ביינער פון פיש, און די איינפאַכע פליטע וואָס אַנטוויקעלט זיך שפּע־טער אין א שיף, זיינען געקומען פיל שפּעטער. ענדליך קומט די ער־פינדונג פון פייל און בויגען; דאָס שטעלט שוין אוועק דעם מענשען אויף איין שטופע מיט די שטאַרקסטע חיות.

אַזוי איז ביסלעכווייז, לאַנגזאַם געגאַנגען דער פּראָגרעס פון דער פּראָדוקטיווער ארבייט, אין יענער פריהער צייט אין דעם לעבען פון דעם מענשען.

זייער הויפּט באַשעפטיגונג איז געווען צו באַקומען פרוכטען פון די בוימער, געיעג אויף קליינע חיות, פיש כאַפּען, און די פּראָדוקציע פון זייערע גראָבע פּרימיטיווע געוועהר פון שטיינער. האָלץ, ביינער, און די שאַפונג פון קליידער, וועלכע פלעגען געמאַכט ווערען פון די פעלען פון די דער'הרג'עטע חיות. יענעם פּראָדוקציאָנס־צושטאַנד

א. באָגדאַנאָוו

קען מען אַנרופען דער יעגערישער, פאַרשטעהענדיג אונטער'ן וואָרט „יאגד", דאָס אָרויסקריגען פון דער אויסערליכער נאַטור די לע־בענס־מיטלען, וועלכע זי פאַרמאָגט, עס מאַכט ניט אויס, אויב דאָס באַשטעהט פון נעיעג אויף ווילדע חיות אין וואַלד, פון כאַפּען פיש אין טייך, אָדער אראַפּרייסען פּרוכטען פון בוימער. דער הויפּט כאַ־ראַקטער־שטריך פון יענעם סאָרט לעבען איז, וואָס דער מענש איז קיינמאָל ניט זיכער מיט זיין לעבען. דאָס באַקומען פון פּרוכטען, פיש־כאַפּעריי און דער געיעג אויף ווילדע חיות, זיינען אַלע אַזוינע באַשעפ־טיגונגען, אין וועלכע דער צופאַל שפּילט א זעהר גרויסע ראָליע. די פּראָדוקציאָנס־טיילען, וועלכע גיבען דעם מענשען די זיכערהייט אין דעם מאָרגען, ווי צ. ב. ש. ערד־אַרבייט און פיה־צוכט, זיינען נאָך אין דער צייט ניטאָ.

אַלע כחות פון דעם פאַרצייטיגען מענשען געהען אַוועק אויף צו באַקומען די נויטיגסטע לעבענס־מיטלען. א פולער טאָג אַרבייט איז קוים גענוג פאַר אים אויף זיך צו דערנערען. זיין גאַנצע אַרבייטס־צייט ווערט איינגעשלונגען דורך זיין קאַמף פאַר'ן לעבען. עס בלייבט ביי אים קיינמאָל קיין צייט ניט, ווען ער זאָל קענען אַרבייטען פאַר א צווייטען, אָדער ער זאָל קענען פאַרבעסערען זיינע אייגענע לעבענס־באַדינגונגען. זיין אַרבייט שאַפט קיינמאָל ניט קיין איבעריגען פּראָ־דוקט, ד. ה. מער ווי ער אַליין מוז פאַרברויכען. אויב דער ווילדער יעגער האָט היינט באַקומען מער לעבענס־מיטלען, ווי ער קען פאַר־ברויכען, איז גאַנץ מעגליך, אז מאָרגען וועט ער גאָר ניט באַקומען, אָדער ער וועט אפשר אינגאַנצען אונטערגעהן אין קאַמף מיט א חיה, וואָס איז שטאַרקער פון אים.

עס איז קלאָר, אז אונטער אַזוינע באַדינגונגען איז ניט מעגליך קיין שום עקספּלואַטאַציע. עס איז ניט מעגליך, אז איינער זאָל פאַר זיך צונעמען דעם איבערפלוס פון א צווייטענס אַרבייט, עס איז גאָר קיין איבערפלוס ניטאָ. אין דער צייט איז מעגליך בלויז דער גראָבס־טער און פּרימיטיווסטער מיטעל ווי אַזוי איין מענש קען אויסנוצען דעם צווייטען — דאָס איז פּשוט אים אויפצועסען.

פאָליטישע עקאָנאָמיע

2) די געזעלשאפטליכע פראדוקציאנס-שיכות׳ן אין דער פארצייטיגער משפחה.

די היינטיגע וויסענשאפט ווייס ניט פון אזוינע מענשען, וואס זאלען ווען עס איז, אין דער פארגאנגענהייט אדער געגענווארט האבען געלעבט אויסערהאלב א וועלכער עס איז געזעלשאפט. אין דער פארצייטיגער עפאכע האבען שוין עקזיסטירט געוויסע פארבינדונגען צווישען מענשען, הגם ניט אזוינע ברייטע ווי היינט. זיך באגעהן אהן דער הילף פון אנדערע מענשען, אין זיין קאמף פאר׳ן לעבען, איז פאר דעם פארצייטיגען מענשען געווען פונקט אזוי אוממעגליך, ווי פאר דעם היינטיגען. פנים אל פנים מיט דער פיינדליכער נאטור וואלט דער איינצעלנער מענש גלייך געווען פאר׳משפט אויף א זיכערען אונטערגאנג.

אבער אויך דער כח פון דער געזעלשאפטליכער פאראייניגונג, איז אין יענער צייט געווען א גאנץ אומבאדייטענדער. די הויפט אורזאכע דערפון איז געווען, ווי עס איז שוין איין מאל אנגעצייגט געווארען, די זעהר שוואכע אנטוויקלונג פון דער טעכניק. אט די ערשטע אורזאכע האט ארויסגערופען א צווייטע — די זעהר ענגקייט פון די געזעלשאפטליכע פארבינדונגען, די אומבאדייטענדע גרויס פון די באזונדערע געזעלשאפטען.

וואס נידעריגער עס איז די טעכניק, וואס וועניגער פאלקאם עס זיינען די מיטלען, וואס ווערען אנגעווענדעט אין קאמף פאר׳ן לעבען, אלץ א גרעסערער שטח ערד פאדערט זיך פאר יעדען איינצעלנעם מענשען, א „פעלד פאר עקספלואטאציע“, וואו ער זאל קענען באקומען פאר זיך די נויטיגע לעבענס־מיטלען. דער פארצייטיגער נעיעג איז אזא סארט אומפראדוקטיווע ארבייט, אז אויף איין קווואדראט מייל ערד, אונטער דורכשניטליכע נאטור־באדינגונגען, קענען מער ווי 20 מענשען ניט לעבען. א וועלכע עס איז מער באדייטענדע מענשליכע גרופע האט זיך געמוזט צושפרייטען אויף אזא גרויסען ערד־שטח, אז עס וואלט געווען אוממעגליך פאר זיי אויפצוהאלטען צווישען זיך

א. באָגדאַנאָוו

א וועלכע עס איז געזעלשאפטליכע פארבינדונג. ווען מיר נעמען נאר אין אנבאטראכט די מיטלען, וואס די פארצייטיגע מענשען האבען געהאט אויף צו רייזען, די אפוועזענהייט פון וועלכע עס איז וועגען פון הויז־חיות, אויף וועלכע מען זאל קענען פארען, און די גוואלדיגע נעפארען פון מאכען א וועלכע עס איז, אפילו אומבאדייטענדע רייזע, ווערט פאר אונז קלאר, אז די פארצייטיגע געזעלשאפט האט העכסטענס געקענט באשטעהן פון א פאר צענדליג מענשען.

פאראייניגונג זיך פאר א געמיינשאפטליכען קאמף פאר'ן לעבען, איז אין יענער צייט געווען מעגליך בלויז פאר די מענשען וועמען די נאטור זעלבסט האט פאראייניגט, דורך זייער אפשטאמונג, און דורך זייערע פאמיליע־פארבינדונגען.

מענשען, וועלכע זיינען ניט געווען קיין בלוט־פארוועגדטע צווי־שען זיך, זיינען ניט אריינגעטראטען אין קיין פרייער פאראייניגונג פאר פראדוקציאנס־צוועקען. פאר דעם פארצייטיגען מענשען איז אוממעגליך זיך דערטראכטען צו אזא קאמפליצירטען געדאנק, ווי א פרייער אפמאך. אויסער דעם, און וואס עס איז אויך די הויפטזאך,— די שוועריגקייטען פון זיין קאמף פאר'ן לעבען האבען איהם אויסגע־לערענט זיך צו באציהען פיינדליך צו יעדען איינעם, מיט וועמען ער איז ניט געווען צונויפגעבונדען דורך קרובה'שאפט אדער דורך א געמיינ־שאפטליך לעבען.

דערפאר האט די געזעלשאפטליכע ארגאניזאציע פון דעם פאר־צייטיגען מענשען געהאט די פארמע פון א מ ש פ ח ה, זייערע עקאנאמישע שיכות'ן זיינען פון אט דער גרופע ניט ארויס.

די הויפט פראדוקציאנס־שיכות'ן פון אט דער משפחה־גרופע איז דאס א י י נ פ א כ ע צ ו ז א מ ע נ א ר ב י י ט ע ן. די געזעל־שאפטליכע פראדוקציאנס־טעטיגקייט איז אזוי באגרענעצט און אזוי איינפאך, אז יעדער איינער קען טאן אלץ, וואס אלע אנדערע קענען, און זיי אלע טוען טאקי, יעדער איינער באזונדער, כמעט די זעלבע אר־בייטען. דאס איז די שוואכסטע פארמע פון צוזאמענארבייטען. אונ־טער געוויסע אומשטאנדען טרעט ארויס אויף דער סצענע א פאר־אייניגונג פון א פיל ענגערען כאראקטער. די קאלעקטיווע אויספירונג

פון אן ארבייט, וועלכע איז צו שווער פאר איין מענשען. דאָס ווערט דערגרייכט בלויז דורך דער מעכאַנישער קראַפט, וועלכע ווערט גע־שאפען פון דעם צוזאמענארבייטען פון א גאנצער גרופּע. ווי צ. ב. ש. פון דער אלגעמיינער פארטיידיגונג געגען א ווילדער חיה, אדער פון אן אלגעמיינעם געיעג.

אין דער פאמיליע־גרופּע הויבט זיך גאנץ פריה אן אנטוויקלען א געוויסע צוטיילונג פון דער ארבייט. אין אַנפאנג איז דאָס בלויז א פיזיאָלאָגישע צוטיילונג אויף געשלעכטער און יארען. דער געיעג איז די ארבייט פון די דערוואקסענע מענער, דאָס קלייבען פון פרוכטען איז די ארבייט פון פרויען און קינדער, א. אז. וו.

די פונאנדערטיילונג פון דער ארבייט איז ניט אַפּהענגיג געווען אַן דעם ווילען פון איינצעלנעם. דער שווערער קאמף מיט דער נאטור האָט דאָס ניט דערלויבט. די טעטיגקייט פון אלעמען האָט געמוזט אזוי באשטימט ווערען, אז עס זאָל ניט זיין קיין אומזיסטער פארלוסט פון כחות, די ארבייט איז ארגאניזירט געוואָרען דורך דעם אלגעמיי־נעם ווילען פון דער משפּחה לויט אירע אלגעמיינע אינטערעסען.

דער אנטוויקלונגס־גאנג פון דער משפחה־גרופּע, קען אין דער איצטיגער צייט אויסגעמאָלט ווערען בלויז אין זיינע אלגעמיינע שטריכען.

אין אַנפאנג איז די פארצייטיגע משפחה ווארשיינליך באשטאנען פון דער פרוי־מוטער און אירע קינדער, וועלכע נויטיגען זיך אין איר הילף, ווען זיי זיינען נאָך יונג. מיט דער צייט ווערט אַט די פאר־בינדונג אלץ שטארקער, א דאנק די נוצען, וואָס די מענשען ציהען פון דעם געזעלשאפטליכען בונד אלס אזעלכען. די קינדער געהען ניט אוועק פון דער מוטער אפילו ווען זיי וואקסען אויס. די געוואוינהייט פון א גע־מיינשאַפטליכען לעבען אנטוויקעלט זיך אלץ מער, און מענשען זוכען אלץ מער צו האלטען זיך צוזאמען. די משפחה־גרופע קען זיך פונאנ־דערוואקסען, פארשטעהט זיך, בלויז ביז די גרענעצען, וועלכע די אנט־וויקלונג פון איר טעכניק שטעלט פאר איר אוועק. אנטוויקלענדיג זיך איבער אַט די גרענעצען, ווערט די גרופּע צופאלען.

3) די פאַרצייטיגע פאָרמען פון פאַרטיילונג.

די פאָרמען פון פונאַנדערטיילונג זיינען אינגאַנצען געווען אין איינקלאַנג מיט די פּראָדוקציאָנס־שיכות'ן פון דער פאַרצייטיגער משפּחה.

אויב די צוטיילונג פון דער אַרבייט אין דער פּראָדוקציע איז ניט געווען אָפּהענגיג פון דעם ווילען פון יחיד, נאָר פון דעם קאָלעקטיווען ווילען, האָט די פונאַנדערטיילונג פון די פּראָדוקטען פון זייער אַרבייט אויך געמוזט זיין די זאַך פון דער גאַנצער גרופּע. די גרופּע האָט געגעבען יעדען איינעם לויט נאָך זיינע באַדערפענישען; געבען איינעם ווייניגער, ווי ער האָט באַדאַרפט, איז פּשוט געווען אוממעגליך, ווייל דאָס וואָלט געבראַכט צו דעם אונטערגאַנג פון די מיטגלידער פון דער גרופּע און צו דער אָפּשוואַכונג פון דער גרופּע גופא. געבען איינעם מער ווי ער נויטיגט זיך, איז געווען מעגליך אפשר בלויז אין זעלטענע אויסנאַמס־פאַלען, בכלל אָבער איז דאָס ניט מעגליך געווען צוליב דער אומבאַדייטענדער אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע, און ווייל עס איז ניט געווען קיין איבערפלוס פון אַרבייט, ד. ה. פון אַזאַ אַרבייט, וואָס זאָל שאַפען מער פּראָדוקטען, ווי עס מוז גלייך פאַרברויכט ווערען.

על כן האָט די פונאַנדערטיילונג אין דער פאַרצייטיגער גרופּע געטראָגען אַן אָרגאַניזירטען קאָמוניסטישען כאַראַקטער. פון פּריוואַטען און פערזענליכען אייגענטום איז אפילו קיין סמן ניט געווען. וואָס עס איז בשותפות פּראָדוצירט געוואָרען, איז צווישען אַלעמען צוטיילט געוואָרען, און טאַקע גלייך פאַרברויכט געוואָרען. קיין אָנזאַמלונגען זיינען ניט געווען.

4) די גרונטשטריכען פון דער פּסיכאָלאָגיע פון דער פאַרצייטיגער געזעלשאַפט.

גאַנץ אָפּט איז די לאַגע פון דעם איינצעלנעם אין דער פאַרצייטיגער פאַמיליע געשילדערט געוואָרען אין זעהר אַנציהענדע פאַרבען; ניטאָ קיין הערען און שקלאַפען, גלייכהייט אין דער פונאַנדערטיילונג

פון די פּראָדוקטען, ברידערליכקייט האָט געהערשט אין אַלע זייערע געגענזייטיגע באַציהונגען א. אַז. וו. עס וואָלט זיך דאַכטען, אַז דאָ זיינען פאַראַן אַלע גינסטיגע באַדינגונגען פאַר אַ שנעלער אַנטוויקלונג פון די מענשליכע כחות, פאַר אַ פּראָגרעס אין אַלע אָפּטיילונגען פון געזעלשאַפטליכען לעבען. באמת אָבער איז דאָס גאַנץ אַנדערש גע־ווען. קיין אַנדער געזעלשאַפט, פון וועלכער די מאָדערנע וויסענשאַפט וויים, האָט זיך ניט אויסגעצייכענט אַזוי מיט איר שטעהענדיגען צו־שטאַנד, מיט אַזאַ אומבאַוועגליכקייט פון אירע לעבענס־פאָרמען, ווי די פּאַרצייטיגע קאָמוניסטישע.

די פּאַרצייטיגע געזעלשאַפט האָט ניט געוואוסט פון קיין הארען און שקלאַפען. זי האָט אָבער אויך ניט געוואוסט פון פרייהייט. דער מענש האָט זיך געפונען אין דער שווערסטער שקלאַפעריי, וועלכע איז נאָר מעגליך. ער איז אונטערדריקט געוואָרען פון דער בייזער מאַכט פון דער נאַטור, געגען וועלכער ער איז ניט געווען פּאַרטיידיגט, וועלכע ער האָט זיך נאָך ניט אויסגעלערענט צו באַזיצען. די עלעמענטאַרע קרעפטען פון דער אויסערליכער וועלט האָבען זיך אויסגעלאַכט פון אַלע זיינע באַמיהונגען. אויף יעדען טריט האָבען זיי זיך געשפּילט מיט זיין שיקזאַל. זייער הערשאַפט איז געווען פיל ביטערער, ווי די באַ־וואוסטזיניגע הערשאַפט פון מענשען אין די שפּעטערע צייטען.

אין דער פונאַנדערטיילונג פון די פּראָדוקטען האָט געהערשט גלייכהייט. אָבער וואָס האָבען זיי געהאַט צו טיילען? די רעזולטאַטען פון דער געזעלשאַפטליכער ארבייט זיינען געווען אַזוי אומבאַדייטענד, אַז אפילו ביי זייערע אומבאַדייטענדע אומאַנטוויקעלטע באַדערפעני־שען האָבען זיי קוים געקענט אויפהאַלטען דאָס לעבען. די מאַטעריעלע לאַגע פון די פּאַרצייטיגע מענשען איז געווען אַזאַ נידעריגע, אַז די היינטיגע אָרעמקייט איז אין פאַרגלייך מיט דעם — רייכקייט.

די פּאַרצייטיגע ברידערליכקייט, די געגענזייטיגע הילף און פּאַר־טיידיגונג, האָבען ווירקליך מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ גאַנץ ענגע און שטאַרקע פאַרבינדונג צווישען די פּאַרצייטיגע מענשען. אָבער דאָס איז ניט געגאַנגען אויסער די גרענעצען פון דער אייגענער משפחה. דער מענש, וואָס האָט ניט געהערט צו דער משפחה, האָט ניט געקענט דער־

א. באַגדאַנאָוו

וואַרטען קיין שום הילף פון די מיטגלידער פון יענער קליינער געזעל־שאַפט, מען האָט, פאַרקערט, אים גיכער באַטראַכט פאַר א שונא, און אָפט האָט מען אים באַהאַנדעלט ווי יעדע אַנדערע חיה, וועלכע זיי האָבען באַגעגענט אויף זייער יאַגד.

די מאַכט פון דער נאַטור איבער'ן מענשען האָט גוואַלדיג שווע־רער געמאַכט זייער אנטוויקלונג, ווייל זיי האָבען געמוזט אוועקגעבען אַלע זייערע כחות אויף דעם שווערען קאַמף מיט דער נאַטור. די גלייכע פונאַנדערטיילונג פון פּראָדוקטען, וועלכע איז געווען דער רעזולטאַט פון דער נידעריגער טעכניק און דאָס וואָס עס איז ניט געווען קיין איבעריגע ארבייט, האָט ניט דערלאָזען, אז אפילו איינצעלנע פּערזאָ־נען זאָלען אויסברייטערען זייערע באַדערפעניִשען, און דערמיט פאַר־גרעסערען זייער ענערגיע און אַנטוויקלונגס־פעהיגקייטען, וואָס וואָלט קענען געבען א שטויס פאָרוועטס דעם פּראָגרעס פון דער געזעל־שאַפט. די ענגע געגענזייטיגע פאַרבינדונג צווישען אַלע מיטגלידער פון דער משפּחה, צווישען וועלכע עס איז כמעט קיין גייסטיגער אונ־טערשייד ניט געווען, האָט געפירט דערצו, אז די פּערזענליכקייט האָט זיך ניט געקענט אויסטיילען פון דער גרופּע, און באַטראַכטען זיך אַלס א באַזונדערען יחיד. דער מענש האָט קיין פּערזענליכען ווילען ניט געהאַט, עס איז געווען בלויז דער ווילען פון דער משפּחה; דאָס איז געווען ניט בלויז דער ווילען פון די לעבעדיגע, נאָר נאָך אין א גרע־סערער מאָס, דער ווילען פון די טויטע. פאַר הונדערטער און טויזענטער יאָרען זיינען איבערגעגאַנגען פון איין דור צום צווייטען, כמעט אָהן שום ענדערונגען, די אַנגענומענע אופנים פון קאַמף פאַר'ן לעבען. די פאָרמען פון די געגענזייטיגע שיכות'ן, אין די וועגען פון דענקען. די פאַרגאַנגענהייט, פאַרקערפּערט אין אומבאַוועגליכע מנהגים, האָט געהערשט איבער דער געגענוואַרט, און די איינצעלהייטען פון לעבען. וואָס האָבען ניט געקענט אריין אין די ראַמען פון די אַנגענומענע מנהגים, האָט אויך די פּערזענליכקייט זיך אונטערוואַרפען צו דער גרופּע, ניט זייענדיג בכח ארויסצוטרעטען זעלבסטשטענדיג.

א מנהג, וואָס ווערט אויפגעהאַלטען טויזענטער דורות, ווערט פאַרשטיינערט. יעדע זאַך, וואָס איז ניי, יעדע זאַך, וואָס איז אין ווי־

פּאָליטישע עקאָנאָמיע

דערשפּרוך מיט די אורשפּרינגליכע לעבענס־פאָרמען און באַוואוסטזיין, רופט ארויס א מורא און ברענגט ליידען. די פּסיכאָלאָגיע פון פאַר־צייטיגען מענשען איז איינע פון די גרעסטע שטערונגען פאַר זיין אנטוויקלונג.

אבער דאָס איז נאָך ווייניג. פאַר דער אַנטוויקלונג איז נויטיג מאַטעריאַל. וואָס אַרעמער עס איז די מענשליכע נשמה, אלץ ווייניגער באַוואוסטזיניג איז איהר באַציהונג צו דער ארומיגער סביבה, און אלץ ווייניגער זיינען די מעגליכקייטען פון די מענשען צו פּראָגרעסירען. דער באַוואוסטזיין איז דעם מענשענס וויכטיגסטע וואָפען, ביי דעם פאַרצייטיגען מענשען אבער געפינט זי זיך נאָך בלויז אין אַן אַנפאַנגס־צושטאַנד.

דער בליק פון דעם פאַרצייטיגען מענש אויפ'ן לעבען און אויף דער וועלט איז נויטיגערווייזע געווען רויה און טונקעל. די מאַכט פון דער נאַטור האָט דערשטיקט דעם שכל; די ענגקייט פון די משפּחה־שיכות'ן האָט געצוואונגען זיין געדאַנק צו באַוועגען זיך רק אין דעם זעלבען ענגען קרייז, און האָט געשטערט יעדער אויסברייטונג פון זיין גייסטיגען האָריזאָנט.

דער גאַנצער גייסטיגער באַגאַזש פון דעם פאַרצייטיגען מענש איז באַשטאַנען פון אַן אומבאַדייטענדער צאָל, צוואַרפענע פּראַקטישע ידיעות, וועלכע זיינען געווען צוזאַמענגעפלאָנטערט מיט אַן אַנצאָל דורכאויס פאַנטאַסטישע פאָרשטעלונגען וועגען דער וועלט. די אומ־פאָלקאָמענהייט פון פּסיכישען אַפּאַראַט פירט דערצו, וואָס פאַלשע שלוסען האָבען די אויבערהאַנט איבער אמת'ע, די פאַנטאַזיע הערשט איבער די פּאָזיטיווע רעזולטאַטען פון דער דערקענטעניש.

געפינענדיג זיך אונטער דעם דרוק פון דער נאַטור, איז דער מענש ניט נאָר ניט געווען בכח אריינצודרינגען אין איהרע סודות, נאָר עס האָט איהם אפילו געפעהלט דער וואונש צו שטרעבען דערצו. ער האָט ניט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישען לעבעדיגע און טויטע אין דער אויסערליכער וועלט, און צווישען דאָס אומבאַוואוסטזיניגע און באַ־וואוסטזיניגע אין זיך אליין. אלע זאכען, אלע נאַטור־ערשיינונגען האָ־בען זיך איהם פאָרגעשטעלט אין דער זעלבער ליכט: די זון, וואָס ברענט

אים, דער שטיין, אַז וועלכען ער האָט צושלאָגען זיין פוס, די חיה, וואָס איז אויף אים אָנגעפאלען, דער מענש מיט וועלכען ער איז געקו־מען אין א צוזאַמענשטויס. אין די אַלע זאכען האָט ער געזעהן בלויז *טאַטען*, בלויז קראַפט, וועלכע איז אָדער נוצליך אָדער שעדליך פאַר אים. די שיכות'ן פון זאכען און די שיכות'ן פון מענשען זיינען פאַר איהם געווען דאָס זעלבע.

שוואַכזיניגקייט, ענגקייט, אַן אומבאַזיגבארער אומ'חן געגען אַלץ וואָס איז ניי, די גרעסטע אָרעמקייט פון געדאַנק, דאָס זיינען די גרונט כאַראַקטער־שטריכען פון דער פסיכאָלאָגיע פון דעם פאַרצייטיגען מענ־שען. אויפ'ן ערשטען בליק דאַכט זיך, אַז דאָ איז גאָר ניטאָ קיין שום מעגליכקייט פאַר דער אנטוויקלונג פון דעם מאַטעריעלען און גייסטיגען לעבען. פונדעסטוועגען איז אַזאַ אנטוויקלונג יאָ פאָרגעקומען, הגם זעהר לאַנגזאַם. די נאַטירליכע געגנערשאַפט פון דער פאַרצייטיגער פסיכאָלאָגיע, געגען יעדען פראָגרעס, האָט געקענט ביינעקומען ווערען בלויז דורך נאַטירליכע כחות.

5) די אַנטוויקלונגס-כחות אין דער פאַרצייטיגער געזעלשאַפט.

עס איז שוין אָנגעצייגט געוואָרען, אַז די גרויס פון דער משפּחה־גרופּע ווערט שטרענג באַגרענעצט דורך דער פּראָדוקטיוויטעט פון זייער אָרבייט. אונטער געגעבענע צושטאַנדען פון דער פּראָדוקציע, מוז די גרופּע פונאַנדערפאַלען אַזוי שנעל ווי זי וואַקסט אריבער אַ געוויסע צאָל. אנשטאָט איין גרופּע ווערען צוויי, און יעדע איינע פאַרנעמט א באַזונדערען פעלד פון טעטיגקייט. אָט די גרופּען קענען ווייטער אויס־וואַקסען ביז דעם פּונקט, ווען זיי מוזען זיך פונאַנדערפאַלען, און אַז. וו. די פאַרמערונג פון מענש, פירט, אויף דעם אופן דערצו, אַז די צאָל איינוואוינער פון *אַ געוויסען לאַנד* זאָל וואַקסען אומענד־ליך. אבער די מעגליכקייטען פון *אַ געגעבענען לאַנד* זיינען באַגרענעצטע, און אונטער באַשטימטע פּראָדוקציאָנס־מיטלען קען דאָס

אויסהאַלטען בלויז א באַשטימטע צאָל מענשען. ווען צ.ב.ש. די געדיכטקייט פון א לאַנד פון יעגערס דערגרייכט 20 מענשען אויף א קוואדראט מייל, וואלט א ווייטערע פארמערונג געווען שוין איבער די גרענעצען פון די מעגליכקייטען, עס וועלען פעהלען די נויטיגע לעבענס־מיטלען פאר דער אלץ וואקסענדער באפעלקערונג. דאָס איז די אזוי גערופענע **אַבסאָלוטע איבער־באַפעלקערונג.**

אן אבסאָלוטע איבערבאפעלקערונג ברענגט מיט זיך הונגער, קראַנקהייטען, א פאַרגרעסערטע שטערבליכקייט און אָהן א שיעור ליידען. דער כח פון ליידען באזיגט ביסלעכווייז די טעמפּע אומבאַוועגליכקייט פון די מנהגים, און עס ווערט מעגליך דער פּראָגרעס פון דער טעכניק. דער הונגער צווינגט בייצוקומען זייער ווידערגעפיל פאר יעדער זאַך וואָס איז נײַ, און עס הויבען זיך אָן אנטוויקלען ביסלעכווייז נײַע מעטאָדען אין דעם קאמף פאר'ן לעבען. עס קומען אריין אין געברויך מיטלען, וואָס זיינען שוין פריהער באקאנט געווען, וואָס זיינען אבער ניט פון אלעמען אָנגעווענדעט געוואָרען און עס ווערען אנטדעקט נײַע.

אויף דעם אופן ווערט איינע פון די וויכטיגע שטערונגען פון דער אנטוויקלונג באזייטיגט. עס בלייבט די צווייטע, די אָרעמקייט פון דער פּסיכאָלאָגיע, דאָס פעהלען פון וויסען, די אומפעהיגקייט באוואוסטזיניג צו זוכען נײַע מיטלען פאר'ן קאמף מיט דער נאַטור. א דאנק דעם, געהט די אנטוויקלונג אומבאוואוסטזיניג, מיט דער נאַטור, און מיט אזא לאנגזאמקייט וואָס דער מאָדערנער מענש קען זיך קוים פאָרשטעלען.

די אויסבעסערונגען פון דער טעכניק פארלייכטערען די ליידען, וואָס זיינען אַרויסגערופען געוואָרען דורך דער איבערבאפעלקערונג, בלויז צייטווייליג. דער נײַער אופן פון געזעלשאפטליכער ארבייט, ווערט אַליין ניט גענוג, אזוי גיך ווי די באפעלקערונג ווערט ווייטער פאַרגרעסערט. דער כח פון הונגער צווינגט דאן דעם מענשען ווייטער צו מאַכען נאָך א טריט אויף זיין אַנטוויקלונגס־וועג.

דאָס זיינען די אורזאכען פון דער אנטוויקלונג, אין דער פאַרצייטיגער געזעלשאַפט. די אומבאוועגליכקייט פון די פּראָדוקציאָנס־

א. באָגדאַנאָוו

פאַרמען, פירט, פריהער אָדער שפּעטער צו אַן אבסאָלוטער איבערבאַ־פעלקערונג, און די איבערבאפעלקערונג צושטערט די אומבאוועגליכ־קייט. א דאנק דעם קאָנסערוואטיזם פון דער פסיכאָלאָגיע פון דער פארצייטיגער געזעלשאפט, פלעגט דער פראָגרעס פון טעכניק זיך שטענדיג שטארק פאַרשפּעטיגען אין פאַרגלייך מיט דער איבערבאַ־פעלקערונג, און דאָס פעהלען פון לעבענס־מיטלען איז בכלל גערעדט, אין יענער צייט געווען כראָניש.

אָלס איינער פון די ערשטע רעזולטאַטען פון דער אבסאָלוטער איב:ער־באפעלקערונג, טרעט געוויינליך ארויס דער פארביטערטער קאמף צווישען פאַרשיידענע משפחה־גרופּען, און די איבערוואנדערונג פון גאנצע שבטים אין נייע לענדער. אזא איבערוואנדערונג איז פאר דער טעמפּער פּסיכאָלאָגיע פון פארצייטיגען מענשען פונקט אזוי שווער, ווי א וועלכע עס איז ענדערונג אין זיין טעכניק.

דריטער קאַפּיטעל.

די פּאַטריאַרכאַלע משפּחה־אָרגאַניזאַציע.

1) דער אָנהויב פון ערד־ארבייט און פיה־צוכט.

די אבסאָלוטע איבער־באַפעלקערונג האָט געצוואונגען די פּאַר־צייטיגע מענשען בעסלעכווייז אויסצובעסערען זייער געווער און די אופנים פון זייער פּרימיטיווע יעגערישע פּראָדוקציע, מיט דער צייט האָט זי זיי אויך געצוואונגען ארויסצוגעהן פון די גרענעצען פון יענער פּראָדוקציע און איבערצוגעהן צו אנדערע אופנים פון קאַמף פאר'ן לעבען.

די ערד־אַרבייט און פיה־צוכט זיינען אנטשטאַנען אין פארשיי־דענע לענדער, ווי עס שיינט, זעלבסטשטענדיג, אין אָנהויב באזונדער איינע פון דער צווייטער, אין איינקלאנג מיט די לאָקאלע נאַטור־באַ־דינגונגען.

די אנטדעקונג פון דער ערד־אַרבייט, קען מען זיך מיט מער אָדער וועניגער ווארשיינליכקייט, פּאָרשטעלען אלס רעזולטאַט פון א גאַנצער רייהע „צופעליגע“ פאקטען, וואס האָבען זיך געמוזט פון צייט צו צייט איבער'חזר'ן. אויסשיטענדיג, ניט ווילענדיג אביסעל פון די קער־נער פון די ווילדע ברויט - געוויקסען, וואָס דער מענש האָט צו־נויפגעקליבען, געפינט ער מיט עטליכע מאָנאַטען שפּעטער אויסגע־וואָקסענע זאנגען אויפ'ן זעלבען פּלאַץ. טויזענטער מאָל האָט דאָס גע־מוזט בלייבען פאר'ן מענשען אומפארשטענדליך. אבער, פריהער אָדער שפּעטער האָט די פארבינדונג פון די צוויי ערשיינונגען געמוזט זיך איינוואָרצלען אין מח פון דעם ווילדען, און די נויטווענדיגקייט האָט ארויסגערופען דעם געדאנק מיט אָט דער פארבינדונג זיך צו באנוצען.

א. באָגדאַנאָוו

די אנטדעקונג האט גיכער פון אלץ געקענט געמאכט ווערן פון פרויען, ווייל צוליב זייערע קינדער איז זייער לעבען געווען א ווייניגער וואנ־דערענדער, און זיי האבען זיך געמוזט מער פארנעמען מיט צונויפקלייבען פרוכטען און קערנער.

די פרימיטיווע ערד־ארבייט איז גאר ניט ענליך צו דער מאָדער־נער. די אופנים פון זייער ארבייט זיינען גראב און ניט זיכער, דער אקער, צ. ב. ש. איז שוין אפילו א שפעטערע ערפינדונג. נאך ניט לאנג צוריק, אין א צייט וואס קען זיכער ניט באצייכענט ווערען אלס פארצייטיג, פלעגט די ערד געאקערט ווערען מיט א האלץ, וואס פלעגט אפגערייניגט ווערען פון אלע סוקעס מיט'ן אויסנאם פון איינעם, וועל־כער פלעגט פארשארפט ווערען, און וועלכער פלעגט אויפגראבען די ערד, ווען ער פלעגט געשלעפט ווערען איבער'ן פעלד. די פריהסטע געצייג פאר ערד־ארבייט איז געווען פשוט א פארשארפטער שטעקען, מיט וועלכען מען פלעגט מאכען גריבלעך אויף אריינלייגען קערנער. די אמת'ע „פארצייטיגע" ערד־ארבייט פלעגט זיך באגעהן אפילו אן אזוינע מיטלען אויך.

וואס אנבאלאנגט פיה־צוכט, איז דאס לויט נאך אלע ווארשיינ־ליכקייטען דער רעזולטאט פון איינצוימען חיות אלס א שפילעריי. אפילו היינט זיינען דא פיל ווילדע, וואנדערענדע יעגער, וואס שטעהען אויף דער נידעריגסטער שטופע פון אנטוויקלונג און האבען קיין שום באגריף ניט וועגען אמת'ער פיה־צוכט, וואס צוימען איין פיל ווילדע חיות פון וועלכע זיי האבען ניט קיין שום פראקטישען נוצען, און וועלכע זיינען אויף זיי, אפט, א לאסט.

פונקט ווי די ערד־ארבייט, אזוי האט אויך די פיה־צוכט געגעבען די מענשען א געוויסע מאס זיכערהייט אין זייער עקזיסטענץ, און האט באפרייט א געוויסען טייל פון די מענשליכע כחות; דאס האט פאר־לייכטערט זייער ווייטערע אנטוויקלונג.

די פארצייטיגע פארמען פון ערד־ארבייט און פיה־צוכט, אפילו יעדערער באזונדער, האבען אין 3 און 4 מאל פארגרעסערט די בא־פעלקערונגס־מעגליכקייטען פון לאנד. (אונטער דורכשניטליכע באדינ־גונגען קענען זיך געפינען ביז 70 מענשען אויף איין קוואדראט־מייל).

אין די ערשטע צייטען פון איר אנטוויקלונג איז די ערד־ארבייט ניט בכח צו ענדערען דעם וואנדערענדען לעבענס־אופן פון די ווילדע שבטים זי איז אין אָנפאנג ניט מער ווי א צוגאָב צו דער יאגד. זיך אונטערוואַרפענדיג צו דער נויטווענדיגקייט פון יאגד, וואנדערט די פּאַרצייטיגע משפּחה פון איין אָרט צום צווייטען, זיך אָפּשטעלענדיג בלויז כדי צו פאַרזייהען קערנער און וואַרטענדיג ביז די פרוכטען וועט רען פאַרטיג. וואס אנבאַלאַנגט פיה־צוכט, פירט עס אין אָנפאַנג נויט־ווענדיגערווייזע צו א וואנדערענדען לעבען; זיי נויטיגען זיך אין א סך לאַנקעס צו שפּייזען זייערע פיה, און מוזען דערפאַר אלע מאָל פאַר זיך זוכען נייע פּלעצער.

מיט דער צייט צווינגט דער וואוקס פון דער באַפעלקערונג, די פאַרצייטיגע מענשען, אַז זיי זאָלען פאַראייניגען ערד־ארבייט און פיה־צוכט, און איבערגעהן צו א באַזעצטע לעבען. דאָס גיט זיי אַ מעגליכ־קייט צו פאַרפּאָלקאָמענען זייערע ערד־ארבייטס געצייג, און זיך באַנוצען מיט דעם כח פון זייער בהמה אין דער באַארבייטונג פון דער ערד. דער וואוקס פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט, פאַר־גרעסערט ווייטער אויף דריי מאָל די באַפעלקערונגס־מעגליכקייטען פון דאָס לאַנד. (אין א מעסיגען קלימאַט קענען לעבען 200 מענשען אויף איין קוואַדראַט מייל.) די עקזיסטענץ פון מענשען ווערט פון יענער צייט אָן א פאַרהעלטעניסמעסיג פאַרזיכערטע.

2) די אָנטוויקלונג פון די פּראָדוקציאָנס-שיכות'ן פון דער משפּחה-גרופּע.

די פאַרגרעסערונג פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער גענעל־שאַפטליכער ארבייט האָט מעגליך געמאַכט, אַז די גרענעצען פון דער פאַמיליע־גרופּע זאָלען באַדייטענד אויסגעברייטערט ווערען; נאָך אין א גרעסערער מאָס האָט דערצו געהאָלפען די איינפירונג פון פיה־צוכט. עס ווערען באַשאַפען מער פּאָלקאָמענע רייזע־מיטלען (פּאָרען אויף הירשען, פערד, אייזלען) און דאָס מאַכט מעגליך, אַז געזעלשאַפטליכע

א. באַנדאַנאַוו

פאַרבינדונגען זאָלען אויפגעהאַלטען ווערען אויף א פּיל גרעסערען שטח. אויף דעם אופן, הויבען די גרענעצען פון דער געזעלשאַפט שוין אָן געציילט ווערען ניט דורך הונדערטער, נאָר דורך טויזענטער מענ־שען, אַזוי צ. ב. ש. האָט אברהם אבינו שוין געקענט ציילען ניט ווייניגער ווי 417 באַוואָפּענטע מענשען.

די ברייטקייט און קאַמפּליצירטקייט פון דער פּראָדוקציע, וואָס איז פיל מאָל פאַרדאָפּעלט געוואָרען, שאַפט נייע פאָרמען פון פונאַנ־דערטיילונג. איינע פון זיי האָט א גאָר גרויסע באַדייטונג פאַר דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג. דאָס איז די אויסטיילונג פון דער סאָרט אַרבייט וואָס אָרגאַניזירט די פּראָדוקציע.

ווען די פּראָדוקציע פון דער גרופּע איז געווען אומבאַדייטענד. זעהר איינפאַך, און אויסגערעכענט אויף צופרידענשטעלען בלויז די אוממיטעלבאַרע באַדערפענישען פון דער נאָהענטסטער צוקונפט, האָט די אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבייט נאָך געקענט זיין אַן אַלגעמיינע זאַך, האָט געקענט צוזאַמען־הויזען מיט דער אויספירונגס־אַרבייט, ווייל עס האָט ניט אַריבערגעשטייגט די גרענעצען פון דער דורכשניטליכער פאַרשטענ־דעניש פון די מיטגלידער פון דער גרופּע. ווען אָבער עס האַנדעלט זיך וועגען דעם ווי אַזוי צו פאַרטיילען צוועקמעסיג הונדערטער באַ־זונדערע אַרבייטען צווישען אַסך אַרבייטער; פּאָרזיכטיג אויסרעכע־נען די באַדערפענישען פון דער גאַנצער גרופּע אויף חדשים שפּעטער, און פונאַנדערטיילען די פאַרלוסטען פון דער געזעלשאַפטליכער אַר־בייטס־ענערגיע, און קאָנטראָלירען אָט די פאַרלוסטען, דאַן מוז די אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבייט, נויטווענדיגערווייזע, אָפּגעטיילט ווערען פון דער אויספירונגס־אַרבייט; פאַראייניגען די ביידע אין דעם זעלבען מענשען ווערט פשוט אוממעגליך. עס נויטיגען זיך דערצו פיל מער ווי די דורכשניטליכע גייסטיגע כחות פון דעם דאַמאָלסטדיגען יחיד. די אָרגאַניזאַטאָרישע טעטיגקייט ווערט די ספּעציאַליטעט פון די וואָס באַזיצען, מער פון אַנדערע, ערפאַרונג און וויסען. אין יעדער באַזונ־דערער גרופּע געהט אָט די אַרבייט סוף כל סוף אַריבער אין די הענט פון איין מענשען, געוויינליך צום עלטסטען פון דער פאַמיליע — צום פאַטריאַרך.

פּאָליטישע עקאָנאָמיע

דעם אָרגאַניזאַטאָר פּאַלגט מען, דאָס שטאַמט אַרויס פון דעם עצם פון זיין ראָליע. אויף דעם אופן ווערט אין דער פּראָדוקציע גע־בוירען די פּערזענליכע מאַכט און אונטערטעניגקייט — אַ גאַנץ באַ־זונדערע פאָרמע פון אַרבייטס־טיילונג, וואָס האָט אַ גוואַלטיגע באַדיי־טונג פאַר דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט.

פון שטאַנדפּונקט פון די באַזונדערע גרופּען, דאַרף אויך די מלחמה באַטראַכט ווערען אַלס אַ באַזונדערע אָפּטיילונג פון דער פּראָדוקציע, אַלס געזעלשאַפטליכער אַרבייטס־קאַמף מיט דער אויסערליכער נאַטור, ווייל זייערע מענשען־שונאים, זיינען פאַר זיי פונקט אַזאַ טייל פון דער אויסערליכער נאַטור ווי וועלף אָדער טיגערען. אין דער עפּאָכע פון דער פּאַטריאַרכאַלער־משפּחה קריגט אָט דער טייל פון דער פּראָדוק־ציע אַ וויכטיגע באַדייטונג, ווייל די ענגשאַפט פון דער באַפעלקערונג. וועלכע איז אין דער צייט פיל גרעסער, ווי פריהער, ברענגט צו אָפטע צוזאַמענשטויסען צווישען מענשען. איבערהויפּט קומט פאַר אימער אַ קאַמף פאַר לאַנקעס צווישען די וואַנדערענדע פיה־צוכט שבטים. די מלחמות העלפען פיל מיט דער פאַרשטאַרקערונג און פאַרפעסטיגונג פון דעם אָרגאַניזאַטאָרס מאַכט. אַ מלחמה פאָדערט אַ פאַראייניגטע אָרגאַניזאַציע און אַ שטרענגע דיסציפּלין. די אַבסאָלוטע אונטערטע־ניגקייט וואָס מוז אַרויסגעוויזען ווערען צום פירער אין מלחמה צייי־טען, ווערט ביסלעכווייז אויך אַריבערגעטראַגען אויף פרידליכע צייי־טען. עס איז גאַנץ מעגליך, אַז טאַקע אין דער סביבה פון קריג און יאַגד, איז אַנטשטאַנען די ערשטע אָרגאַניזאַטאָרישע מאַכט, וועלכע האָט זיך שפּעטער שטופענווייז אויך אויסגעשפּרייט אויף אַנדערע אָפּטיילונגען פון דער פּראָדוקציע, לויט דעם וואוקס פון זייער קאַמפּ־ליצירטקייט. איבערהויפּט האָט דער פאַרשפּרייטונג פון דער אָרגאַני־זאַטאָרישער מאַכט געמוזט העלפען דאָס, וואָס פון דעם אָרגאַניזאַטאָר פון יאַגד אָדער קריג איז געווען אָפּהענגיג די פונאַנדערטיילונג פון דעם איינטראָג פון דיביידע אונטערנעמונגען. דאָס האָט שוין ממילא געגעבען דעם אָרגאַניזאַטאָר אַ באַדייטענדע עקאָנאָמישע מאַכט און אויטאָריטעט אין דער גרופּע.

ווי עס ווייזט אויס שטעלט מיט זיך פאַר די אָרגאַניזאַטאָרישע

א. באָגדאַנאָוו

ארבייט די היסטאָריש, פריהסטע קוואַליפיצירטע ארבייט בכלל. אין דער פאַרצייטיגער קאָמוניסטישער גרופּע, וואו יעדער איינער האָט גע־קענט די מלאכה, דאס וואָס אלע אַנדערע האָבען געקענט, קען די אר־בייט פון יעדען איינעם באַטראַכט ווערען אלס אמת'ע פשוט'ע ארבייט. אַזאַ איז טאַקע די אויספירונגס־ארבייט פון דער מערהייט אין דער פּאַטריאַרכאַלער־פאַמיליע גרופּע. די ראָליע אָבער פון דעם אָרגאַני־זאַטאָר קען ניט נעמען אויף זיך יעדער איינער; דערצו פאָדערט זיך באַזונדערע ערפאַרונג און מער ווי דורכשניטליכע פעהיגקייטען.

אין זיינע טאַטען רעכענט זיך דער אָרגאַניזאַטאָר, אמוועניגסטענס אין אַנפאַנג, מיט די אַלגעמיינע אינטערעסען פון דער גרופּע. שטי־צענדיג זיך פון איין זייט אויף די באַדערפענישען פון דער גרופּע און פון דער צווייטער זייט אויף דער צאָל ארבייטס־כחות וואָס זי פאַר־מאָגט, טיילט ער פונאַנדער די ארבייט און שטעלט איין די פאָרמען פון צוזאַמענארבייטען און פון ארבייטס־צוטיילונג. עס פאַרשטעהט זיך אַז אָט די גאַנצע קאָמפּליצירטע ארבייט פירט ער דורך געהענדיג אויפ'ן אויסגעטראָטענעם וועג פון די מנהגים וואָס זיינען פון די פריהערדיגע דורות אויסגעארבייט געוואָרען. בלויז אין פאַרהעלטענים־מעסיג קליי־נע אפּטיילונגען פון דער פּראָדוקציע, אין וועלכער עס זיינען ניטאָ קיין אַנגענומענע מנהגים, איז דער אָרגאַניזאַטאָר געצוואונגען צו האַנדלען זעלבסטשטענדיג, לויט זיין אייגענער אויסרעכענונג.

די אַלץ מער וואַקסענדע קאָמפּליצירטקייט פון דער אָרגאַניזאַ־טאָרישער טעטיגקייט רופט מיט דער צייט ארויס נייע ענדערונגען אין דעם געבוי פון דער משפחה־גרופּע. די אויסברייטונג פון דער גרופּע און פון איר פּראָדוקציע מאַכט אוממעגליך אַז איין מענש זאָל אליין דורכפירען די גאַנצע אָרגאַניזאַטאָרישע ארבייט; אַ טייל פון איר געהט על פּי נויטווענדיגקייט אריבער צו אַנדערע מיטגלידער פון דער גרופּע, געוויינליך צו עלטערע און ערפאַרענע מענשען. יעדער איינער פון זיי ווערט אַן אָרגאַניזאַטאָר, הגם פון צווייטען ראַנג, פאַר אַ געוויסער טייל פון דער גרופּע, צוליב פאַרשטענדליכע אורזאַכען, פון דעם טייל מיט וועלכען ער איז אמענגסטען פאַרבונדען דורך בלוט־קרובה'שאַפט. אויף דעם אופן הויבען זיך ביסלעכווייז אָן אַפּזונדער־

רען אין דער גרופּע די באַזונדערע משפּחות, וועלכע גרופּירען זיך אַרום באַזונדערע אָרגאַניזאַטאָרען, און אַז דער שפּיץ שטעהט ביי זיי דער פּאַטריאַרך. אין דער פּאַטריאַרכאַלער עפּאָכע האָבען פונדעסטוועגען אָט די אָפּזונדערונגען ניט דערגרייכט קיין באַדייטענדע אַנטוויקלונג; די איינהייט פון דער גרופּע איז געשטאַנען איבער אירע איינצעלנע טיילען.

א באַזונדערע באַדייטונג האָט מיט דער צייט געקריגען דעם פּאַטריאַרכ'ס משפּחה. די מיטגלידער פון אָט דער משפּחה זיינען נאָהענטער ווי אַלע אַנדערע געשטאַנען צו דער אַלגעמיינער אָרגאַני־זאַטאָרישער טעטיגקייט און האָבען לייכטער ווי אַלע אַנדערע געקענט ביי זיך אויסבילדען די פעהיגקייטען פאַר איר. דערפאַר איז טאָקע אין די מערסטע פאַלען פון זיי דערוויילט געוואָרען א נייער אָרגאַ־ניזאַטאָר, ווען דער אַלטער איז געשטאָרבען אָדער איז געוואָרען אומ־פעהיג צו טאָן זיין אַרבייט. עס איז גאַנץ נאַטירליך, אַז די פּאַטרי־אַרכען זאָלען געוועזען פּראָבירען אָט דעם מנהג אַלץ מער פאַרשטאַרקער'ן. זיי פלעגען פון פריהער צוגרייטען זייערע נאָהענטסטע קרובים פאַר זייער אָרגאַניזאַטאָרישער ראָליע, — און די איבעריגע מיטגלידער — אַז זיי זאָלען דאָס גוטהייסען. וואָס ווייטער אַלץ מער ערפאָלגרייך זיינען זיי אין דעם געווען, די וואַל פאַר א נייעם אָרגאַניזאַטאָר האָט זיך ביסלעכווייז פאַרוואַנדעלט אין א פוסטער פאָרמאַליטעט, דער פּאַ־טריאַרך האָט אָנגעהויבען פּאַקטיש אַליין צו באַשטימען זיין יורש־ענער, די אָרגאַניזאַטאָרישע ראָליע האָט אָנגעהויבען איבערגעהן בירושה.

דאָס זיינען די אינוועניגע פּראָדוקציאָנס שיכות'ן אין דער פּאַטרי־אַרכאַלער גרופּע. אויסער דעם באַקומט אין דער פּאַטריאַרכאַלער גרו־פּע אויך, ניט קיין קליינע באַדייטונג די אַרבייטס־פאַרבינדונגען צווי־שען פאַרשיידענע גרופּען.

מיט דער פונאַנדערפאַלונג פון די משפּחה־גרופּען, פלעגען זיך די פאַרבינדונגען צווישען די נייע־אָרגאַניזירטע גרופּען ניט אינגאַנצען איבער־רייסען. אין געוויסע פאַלען, ווען די כחות פון איין גרופּע האָ־בען זיך אַרויסגעוויזען פאַר ניט גענוג פאַר ערגעץ אַן אַרבייט, פלעגען זיך פאַראייניגען פאַרשיידענע גרופּען, וואָס זיינען צווישען זיך פאַר־

א. באָגדאַנאָוו

בונגדען דורך קרובה'שאפט, ווי צ.ב.ש. כדי זיך צו פארטיידיגען קעגען אנדערע אַנפאַלענדע גרופען, פאר יאגד אויף גרויסע גרופען חיות א. אז. וו., אָן דער שפּיץ פון אזוינע אונטערנעמונגען פלעגען געוויינליך שטעהן אָדער, דער ראט פון די עלטסטע — אָרגאַניזאַטאָרען, אָדער א ספּעציעל דערוויילטער פירער.

גלייכצייטיג מיט אָט דעם אָרגאַניזירטען צוזאמענארבייטען, אנטוויקעלט זיך ביסלעכוויין א צווייטע פאָרמע פון פּראָדוקציאָנס־פאַרבינדונגען צווישען די גרופּען, דאָס איז די ניט אָרגאַניזירטע, גע־זעלשאַפטליכע צוטיילונג פון דער ארבייט. היות ווי די איבער־ארבייט ווערט א גאַנץ געוויינליכע זאך, און ביי דער פאַראייניגונג פון ערד־ארבייט און פיה־צוכט ווערט דאָס אפילו א שטענדיגע ערשיינונג, אַנטשטעהט אַן איבערפלוס פון פּראָדוקטען, א דאַנק די פארשיידענע נאַטור באַדינגונגען אונטער וועלכע די פאַרשיידענע גרופּען לעבען, זיינען די איבעריגע פּראָדוקטען זעהר פארשיידען. עס איז מעגליך, אַז די ערשטע פאָרמען פון אויסטויש שטאַמען אָפּ פון דעם מנהג, אַז איין גרופּע זאָל אָפּגעבען אירע איבעריגע פּראָדוקטען, אין וועלכע זי נויטיגט זיך נים, צו א צווייטער, וועלכע נויטיגט זיך יע אין זיי. אין דעם אויסטויש דריקען זיך אויס די ניט־אָרגאַניזירטע פּראָדוקציאָנס־פאַרבינדונגען צווישען די פארשיידענע גרופּען; פאַקטיש פּראָדוצירט שוין ניט יעדע גרופּע בלויז פאר זיך, נאָר טיילוויין אויך פאר אַנדערע. די פּראָדוקציע נעמט ביז א געוויסען גראַד אָן אַן אַלגעמיינעם כאַראַק־טער פאר די פאַרשיידענע גרופּען. עס איז אָבער פאר אָט דער אַלגע־מיינער פּראָדוקציע ניטאָ קיין אָרגאַניזאַציע, די ארבייט פון יעדער באַזונדערער גרופּע איז אָרגאַניזירט גאַנץ זעלבסטשטענדיג.

אָט די פאָרמע פון דער געזעלשאַפטליכער צוטיילונג פון דער אר־בייט, אין דער צייט פון דער פּאַטריאַרכאַלער פאַמיליע, שפּילט א גאַנץ קנאַפּע ראָליע אין דעם לעבען פון יעדער באַזונדערער גרופּע. דער גרעסטער טייל פון די פּראָדוקטען אין וועלכע זי נויטיגט זיך ווערט פּראָדוצירט פון איר אַליין.

אויף דעם אופן דריקט זיך אויס דער אונטערשייד צווישען די פּראָדוקציאָנס־באַציהונגען פון דער פּאַטריאַרכאַלער־משפּחה און דער

פּאַרצייטיג קאָמוניסטישער גרופּע. אין דעם וואָס די אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבייט ווערט אָפּגעזונדערט פון דער אויספירליכער, אין דער אויסברייטונג פון דעם צוזאַמענאַרבייטען אין דער צוטיילונג פון דער אַרבייט. אין די גרענעצען פון יעדער גרופּע באַזונדער, און אין אַ קלענערער מאָס, צווישען פאַרשיידענע גרופּען. אויסער דעם אַזוי ווי זיי קענען איצט פּראָדוצירען מער פּראָדוקטען, ווי זיי דאַרפען פאַר זיך, הויבט אָן צו שפּילען אַ באַדייטענדע ראָליע די ניט אָרגאַניזירטע פאָרמע פון אַרבייטס־צוטיילונג, וועלכע דריקט זיך אויס אין אויסטויש.

אַט די אַלע פאָרמען קומען אַריין אין לעבען זעהר לאַנגזאַם, זייער פּוילע אַנטוויקלונג קומט ערשט דאַן, ווען מענשען הערען אויף צו וואַנדערען, באַזעצען זיך אויף באַשטימטע פּלעצער, און פאַרנעמען זיך מיט ערד־אַרבייט און פיה־צוכט. דאָרט וואו מען האָט נאָר ניט דערגרייכט צו דער פאַראייניגונג פון ערד־אַרבייט און פיה־צוכט, זיינען אויך אַט די נייע כאַראַקטער שטריכען שוואַכער. בכלל ווערען נייע לעבענס־פאָרמען שנעלער אַנטוויקעלט ביי די וואַנדערענדע פיה־צוכטער, ווי ביי די ריינע ערד־אַרבייטער. די אורזאַכע דערפון איז וואָס די פיה־צוכט אין יענער צייט איז פּראָדוקטיווער ווי די ערד־אַרבייט, און וואָס וואַנדערענדיג קומט זיי אָפטער אויס זיך צוזאַמענשטויסען און זיך צו באַגעגענען מיט אַנדערע מענשען.

3) די פאָרמען פון פונאַנדערטיילונג פון פּראָדוקטען אין דער פּאַטריאַרכאַלער פאַמיליע.

אַ: אָרגאַניזירטע פונאַנדערטיילונג.

אין דער זעלבער מאָס ווי די אָרגאַניזאַטאָרישע טעטיגקייט איז אַריבער פון דער גאַנצער גרופּע צו איין פּערזאָן — צום פּאַטריאַרך, האָט נויטיגערווייז געמוזט אויך איבערגעהן צו אים, די מאַכט צו אָרגאַניזירען די פונאַנדערטיילונג. בלויז דער אָרגאַניזאַטאָר איז גע־

א. באָגדאַנאָוו

וועז בכח ריכטיג, און אין איינקלאנג מיט די אלגעמיינע אינטערעסען. צו ענטפערען אויף די פראגען; וואס פאר א טייל פון די געשאפענע פראדוקטען מעג מען גלייך פאברויכען, וועלכע דארפען פארברויכט ווערען פאר דער ווייטערדיגער פראדוקציע און וועלכע זאלען באהאלטען ווערען אויף שפעטער. בלויז ער האט געקענט, נעמענדיג אין אנבאטראכט די ראליע וואס יעדער מיטגליד שפילט אין דער פראדוקציע, איינטיילען יעדען איינעם אזוי פיל, וויפיל עס איז נויטיג כדי ער זאל קענען אויף ווייטער טאן ערפאלגרייך זיין ארבייט.

וואס מער די מערהייט פון די מיטגלידער פון דער פאמיליע־גרופע האט זיך אפגעוואוינט פון דעם פראקטישען אנטייל נעמען אין דער ארגאניזאטארישער טעטיגקייט און אין דעם קאנטראל פון דער פונאנדערטיילונג, אלץ פעסטער איז געווארען דאס רעכט פון פאטריארך אליין צו פארוואלטען דעם איבערפלוס פון די פראדוקטען. וואס מער די אלגעמיינע סומע פון איבער־ארבייט איז געוואקסען, אלץ באדייטענדער איז געווארען דער חלק פראדוקטען וואס דער ארגאניזאטאר האט פארברויכט פאר זיינע פערזענליכע צוועקען. עס איז פאלגליך אויך געוואקסען די אוממעגליכקייט אין דער פארטיילונג צווישען אים און די אנדערע מיטגלידער פון דער גרופע. דא קען מען שוין זעהען דעם אנהויב פון עקספלואטאציע, אבער ניט מער ווי דעם אנהויב. דער מענש וואס האט זיך פארנומען מיט אזא קאמפליצירטער ארבייט ווי די ארגאניזאטארישע, האט בעצם אפגעגעבען דערפאר פיל מער ארבייט, ווי אנדערע, און עס האבען זיך דערפאר ביי אים געמוזט אנטוויקלען אויך ברייטערע באדערפענישען. די עקספלואטאציע איז געווען באגרענעצט שוין דורך דער אלגעמיינער רייפקייט פון דער פראדוקציע אין דער אומבאדייטענדער פארשיידענארטיגקייט פון די פראדוקטען. דער ארגאניזאטאר אליין האט זיך געמוזט צופרידענשטעלען מיט די זעלבע געברויכס־מיטלען ווי די אנדערע מיטגלידער: אמת, ער האט געקענט א טייל פון די אלגעמיינע פראדוקטען אויסבייטען ביי א צווייטער גרופע אויף וועלכע עס איז באזונדערע געברויכס־מיטלען. דאס האט אבער געקענט פאסירען זעהר זעלטען, א דאנק דער אומבאדייטענדער אנטוויקלונג פון אויסטויש אין יענער צייט.

ווייטער, אין די פאַלן, ווען באַזונדערע משפחות האָבן זיך פאַר־איינִיגט אין איין אָרגאַניזאַציע — אין א שבט, פאַר עריִיען א ספּעציעלער אַלגעמיינער אונטערנעמונג, פלעגן די פּראָדוקטען פון יענער אַלגעמיינער אונטערנעמונג (דער איינטראַג פון אַלגעמיינער יאַגד, אָדער מלחמה רויב) צוטיילט ווערען פון די זעלבע מענשען וואָס האָבן די אונטערנעמונג אָרגאַניזירט, געוויינליך פון דעם ראַט פון די זקנים. די פונאַנדערטיילונג צווישען די גרופּען פלעגט זיין אויפ'ן סמך פון זייער באַטייליגונג אין דער אַלגעמיינער ארבייט.

בכלל אונטערשיידען זיך די אָרגאַניזירטע פאָרמען פון פונאַנדער־טיילונג אין דער צייט, פון די פריהערדיגע צייטען, ניט בלויז מיט דער אומגלייכהייט אין דער פונאַנדערטיילונג און מיט דער עקספּלואַטאַציע, נאָר פיל מער דערמיט, וואָס די אָרגאַניזאַטאָרישע טעטיגקייט געהט איבער אין די הענט פון איינצעלנע מענשען, וועלכע אָרגאַניזירען אויך די פונאַנדערטיילונג.

ב: די אומאָרגאַניזירטע פונאַנדערטיילונג — די אַנטוויקלונג פון אויסטויש.

ווען עס ווערט א געוויינליכע ערשיינונג אין דער משפחה צו שאַ־פען מער פּראָדוקטען ווי זיי דאַרפען גלייך פאַרברויכען, פאָדערען זיך נאָך צוויי באַדינגונגען כדי עס זאָל זיך אַנטוויקלען אַן אויסטויש: אַן אונטערשייד אין די געשאַפענע פּראָדוקטען, און א פריינטליכע באַציהונג צווישען די באַזונדערע גרופּען. די ערשטע באַדינגונג איז מערסטענטיילס צושטאַנד געקומען אַ דאַנק דעם אונטערשייד אין די פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען, וואָס די נאַטור האָט געגעבען צו פאַר־שיידענע גרופּען; די גרופּע ערד־ארבייטער, וועמעס ערד איז זעהר גוט געווען פאַר דאָס וואַקסען פון קאָרן און שלעכט — פאַר פלאַקס, איז אריינגעטראָטען אין אַן אויסטויש באַציהונג מיט א צווייטער גרופּע, ביי וועמען די ערד האָט פון זיך דוקא ארויסגעגעבען אסך פלאַקס און ווייניג קאָרן. די וואַנדערענדע פיה־צוכט גרופּען פלעגען אוועקגעבען פלייש פאַר ברויט א. א. וו. די צווייטע באַדינגונג איז געקומען דורך

א. באַגדאַנאָוו

די קרובה'שאַפט פאַרבינדונגען פון די באַזונדערע גרופּען, פאַרבינדונ־גען וועלכע פלעגען אויפגעהאַלטען ווערען דורך זייערע בשותפות'דיגע אונטערנעמונגען. שפּעטער, ווען דער אויסטויש אַנטוויקעלט זיך שטאַרקער, הויבט אָן דער אונטערשייד אין דער פּראָדוקציע אַלץ מער באַשטימט ווערען, ניט נאָר דורך די אוממיטעלבאַרע נאַטור־באַדינגונ־גען, נאָר אויך דורך די פאַרשיידענע טעכנישע געוואוינהייטען, וואָס האָבען זיך שוין אַנטוויקעלט; און פריינטליכע באַציהונגען צווישען באַזונדערע גרופּען אַנטשטעהען אפילו ווען קיין קרובה'שאַפט איז צווי־שען זיי ניטאָ.

אין זיין היסטאָרישער אַנטוויקלונג געהט דער אויסטויש דורך דריי מדרגות, ער נעמט אָן דריי באַזונדערע פאָרמען.

די ע ר ש ט ע אָדער די איינפאַכע פאָרמע געהערט צו דער צייט ווען דער אויסטויש איז בכלל געווען אַ זעהר זעלטענע ערשיינונג, אפשר טאַקע בלויז אין דער עפּאָכע פון דעם פּאַרצייטיגען קאָמוניזם. צופעליג באַגעגענען זיך צוויי מענשען, געוויינליך זיינען דאָס פאַר־שטעהער פון צוויי משפחות. יעדער איינער פון זיי האָט אַ פּראָדוקט וואָס איז ניט נויטיג פאַר אים, וואָס איז אָבער יע נויטיג פאַר'ן צוויי־טען. מיר האָבען פאַר זיך בלויז צוויי פּראָדוקטען, צ.ב.ש. אַ האַק און ברויט, אַזאַ אויסטויש קען פאָרמולירט ווערען אַזוי:

1 האַק איז גלייך צו 2 מעסטלאַך קערנער.

אָדער אַנדערש:

דער טויש־ווערט פון 1 האַק, איז 2 מעסטלאַך קערנער.

(בכלל איז דער טויש ווערט פון אַ פּראָדוקט דער סכום פון אַ צווייטען פּראָדוקט, וועלכען מען גיט פאַר אים).

צום ערשטען מאָל ווערען די פּראָדוקטען פאַרוואַנדעלט אין סחורות, אין א ו י ס ט ו י ש ־ ג ע ג ע נ ש ט א נ ד ע ן. אָבער אין יענער צייט איז זייער ראַליע אַלס סחורה בלויז אַ צופעליגע, און דער פּראָדוצענט אריינטרעטענדיג אין אויסטויש באַציהונגען, קען נאָך ניט אויסקלייבען צווישען פיל פּראָדוקטען, וועלכע ער זאָל קענען קריגען.

די צווייטע אָדער פ ו נ א נ ד ע ר ג ע ו ו י ק ע ל ט ע פאָר־מע פון אויסטויש געהערט צו דער צייט ווען דער אויסטויש ווערט

שוין א מער געוויינליכע ערשיינונג, און די פארבינדונגען צווישען מענ־שען ברייטערען זיך באדייטענד אויס. דא באגעגענען זיך גלייכצייטיג ניט קיין צוויי נאר פיל מער סחורות. דער פארקויפער ברענגט זיין האק, מען לעגט אים פאר פאר איר 2 מעסטלאך קערנער, פון איין זייט, 1 שעפּס פון דער צווייטער, א. אז. וו. ער קען אויסקלייבען פון די פארשיידענע סחורות, ער האט פאר זיך א מ א ר ק. די פארמע פון דעם אויסטויש איז דאן אזא:

1 האק איז גלייך צו 2 מעסטלאך קערנער

אדער 1 שעפּס

אדער 8 שפּיזען א. אז. וו.

די צווייטע פארמע פון אויסטויש קען זיך אין לעבען לאנג ניט האלטען און געהט גאנץ שנעל איבער אין דער דריטער, מער אנט־וויקעלטער, אדער אין דער ג ע ל ט פ א ר מ ע.

דער פּראָדוצענט פון א האק געהט אין מארק כדי אויסצוטוישען זיין האק אויף א שפּיז, עס קען זיך אבער זעהר זעלטען טרעפען, אז גראד דער וואס פארמאגט דעם שפּיז זאל דארפען א האק, עס קען אפילו טרעפען אז אויפ'ן מארק איז גאר אין דער צייט קיין שפּיזען ניטא. דעם פארקויפער פון דער האק לעגט מען פאר פון אלע זייטען סחורות, וועלכע ער דארף ניט, פאר זיין האק וויל אים איינער געבען 2 מעסערס, א צווייטער צוויי גע'הרג'טע האזען א. אז. וו. וואס זאל ער טאן? נאכדענקענדיג אביסעל נעמט ער דעם שעפּס. זיין חשבון איז לפי ערך אזוי; „הגם איך האב נאך דערווייל גענוג פלייש, אבער אויפ'ן ערגסטען פאל קען דער שעפּס ביי מיר לעבען ביז איך וועל זיך אין אים נויטיגען, אויב אבער איך וועל זיך באגעגענען מיט איי־נעם וואס פארקויפט שפּיזען, וועט ער זיך גיכער מיט מיר בייטען פאר דעם שעפּס איידער פאר א האק; עס קען זיין אז קיין האק דארף ער גארניט, א שעפּס אבער קען צוניץ קומען יעדען איינעם און בכלל נעמען אלע אין מארק גאנץ וויליג שעפּסען." זיינע דערוואַרטונגען ווערען מקוים, דער פארקויפער פון שפּיזען בייט זיך מיט אים גאנץ וויליג, טאקע צוליב די זעלבע טעמים.

ווערט געשאפען א שטארקע אלגעמיינע נאכפראגע אויף בהמות

א. באָגדאַנאָוו

ווערט מען ביסלעכווייז צוגעוואוינט יעדער אנדער זאך צו בייטען אויף א וועלכער עס איז בהמה, אויב אויפ'ן מארק געפינט זיך גראָדע ניט די ספּעציעלע סחורה וואס דער קויפער וויל. דער דירעקטער בייטען זיך מיט סחורות פארשווינדט. אויב יעדע סחורה מוז פריהער אויסגעטוישט ווערען אויף בהמות, כדי מען זאָל פאר די בהמות קענען ווידער אויסבייטען אויף עפּעס אנאנדער סחורה, איז קלאָר, אז אט דער ספּעציעלער סאָרט סחורה — די בהמות — ווערט אן אויסטויש מיטעל, א מיטעל פאר דער צירקולאציע פון סחורות.

דערפון קומט ארויס די דריטע פאָרמע פון אויסטויש:

1 האַק	
אָדער 2 מעסערס	זיינען גלייך צו 1 שעפּס.
אָדער 8 שפּיזען	
אָדער 2 מעסטלאך קערנער	

אזא ספּעציעלע סחורה וואס דינט אלס אויסטויש מיטעל רופט זיך געלט. דער טויש—ווערט פון א סחורה אין געלט ווערט באצייכענט מיט'ן אויסדרוק ווערט.

דער געברויך פון געלט פארלייכטערט זעהר פיל די ווייטערדיגע אנטוויקלונג פון אויסטויש. געלט, ווערט דער שטענדיגער כאראקטער פון די אויסטויש פארבינדונגען צווישען די פארשיידענע גרופּען.

יעדענפאלס, די צייט, וועגען וועלכער מיר ריידען דאָ, די צייט פון דער פּאטריארכאלער משפּחה, כאראקטעריזירט זיך מיט א לפי־ערך שוואכער אנטוויקלונג פון אויסטויש, און מיט דער אומבאדייטענדער ראָליע, וועלכע זי שפּילט אין דער אלגעמיינער עקאָנאָמישער סיסטעם. בלויז אן אומבאדייטענדע צאָל פון פּראָדוקטען געהט אין יענער צייט אויפ'ן מארק, און בלויז אן אומבאדייטענדער טייל פון זייערע באדערפעניסען ווערט באפרידיגט דורך פּראָדוקטען וועלכע די גרופּע זעלבסט האט ניט געשאפען. אין דעם איז ניטאָ קיין ווידערשפּרוך געגען דעם וואס די אלגעמיינע אנטוויקלונג פון מארק האט שוין אין די פריהסטע צייטען פון דער פּעריאָדע געשאפען אלע מעגליכקייטען פאר דער אנטשטעהונג פון דער געלט־פאָרמע פון אויסטויש.

פּאָליטישע עקאָנאָמיע

די געשיכטע פון דער געלט־פאָרמע פון אויסטויש באַשטעהט אין א רייהע ענדערונגען פון פאַרשיידענע סחורות וואָס האָבען געדינט אלס געלט.

אין אַנפאַנג האָט די ראָליע פון געלט געשפּילט די סחורה וואָס איז צוליב וועלכע עס איז אורזאַכען געווען די אמוערסטענס פאַר־שפּרייטע, דאָס האָט געקענט זיין, פעל, זאַלץ אָדער ספּעציעלע ים געוויקסען א. אז. וו. מען קען נאָך איצט טרעפען ווילדע שבטים וואָס באַנוצען זיך מיט פאַרשיידענע סחורות אנשטאָט געלט. אין צוויי באַזונדערע דערפער קענען דינען צוויי באַזונדערע סחורות אלס געלט. אין די לענדער וואו עס וואוינען וואַנדערענדע שבטים דינען בהמות מערסטענס אלס געלט. אין מזרח אייראָפּע איז אזוי נאָך געווען ביז ארום 10טען יאָרהונדערט פאַר קריסטוסען; אין האָמערס גריכישע פאָלקס־לידער קען מען געפינען ווי א מעשענער מעסער מיט דריי צינג־לער ווערט אָפּגעשאָצט אין 12 אָקסען, א גאָלדענער פּאַנצער אין 100 אָקסען א. אז. וו.*)

ביסלעכווייז ווערען די געלט־בהמות ארויסגעשטופּט און ווערען פאַרביטען אויף מעטאַלען. אין אַנפאַנג טרעטען ארויס אויף דער סצענע קופּער און אייזען געלט. עס ווייזט אוים אז אָט די מעטאַלען האָבען זיך פאַרקויפט ניט ווייניגער ווי בהמות, ווייל די מעטאַלישע געוועהר און געצייג זיינען פאַר יעדער באַלעבאַטישקייט געווען פון דער ערשטער נויטווענדיגקייט. גלייכצייטיג אָבער באַזיצען די מעטאַלען אזוינע מעלות, א דאַנק וועלכע זיי זיינען טעכניש מער צוגעפּאַסט צו דינען אלס געלט. ערשטענס, קען מען זיי לייכט טיילען אויף קליינע שטיקלעך, אין דער צייט וואָס א בהמה קען מען ניט טיילען, סיידען מען דער׳הרג׳עט איר. צווייטענס, זיינען מעטאַלען איינאַרטיג און די באַזונדערע טיילען באַזיצען די זעלבע אייגענשאַפטען בעת די אנדערע סחורות, בהמות אריינגערעכענט, באַזיצען יענע מעלות ניט; איין שעפּס קען ניט זיין אבסאָלוט גלייך צו א צווייטען. דריטענס, קענען

---

*) אין די ענגלישע קאָלאָניעס אין אמעריקע אין דעם 17טען און אין דעם 18טען יאָרהונדערט האָט טאַבאַק געדינט אלס געלט.
(רעדאַקטאָר).

א. באגראנאון

מעטאלען לאנג אויפגעהאלטען ווערען, אפילו קופער און אייזען וועלכע ווערען אביסעל איבערגעפירט אונטער דער ווירקונג פון לופט און פייכטקייט, קענען דאך לאנג אויפגעהאלטען ווערען. פערטענס, פאר־נעמען מעטאלען א קלענערען פלאץ און וואג אין פארגלייך מיט די אנדערע טויש־ווערטען. (דאס לעצטע איז אפהענגיג, ווי דאס וועט שפעטער קלאר געמאכט ווערען, פון דעם לפי־ערד׳דיג־גרויסען א ר ב י י ט ס ־ ו ו ע ר ט פון די מעטאלען).

שפעטער ווערען די קופער און אייזען פארביטען אויף זילבער און גאלד. אין די עדעלע מעטאלען זיינען די אלע, פריהער אויסגע־רעכענטע מעלות פאראן נאך אין א גרעסערער מאס. אויפ׳ן ערשטען בליק קען זיך אויסווייזען אז מיר האבען דא פאר זיך א זעהר הארבע שאלה: ווי איז דאס מעגליך געווען, אז אט די מעטאלען וואס זיינען כמעט נוצלאז אין דער פראדוקציע זאלען געקויפט ווערען פונקט אזוי ווילינ ווי בהמות, אייזען א. אז. וו. דאס דערקלערט זיך אבער גאנץ פשוט. אפילו אין דער איצטיגער צייט ווערט צירונג פארקויפט גאנץ לייכט. אומאנטוויקעלטע מענשען, איבערהויפט אומאנטוויקעלטע פרוי־ען זיינען גרייט זיך אפצוזאגען פון דאס נויטיגסטע, כדי צו קענען אנ־הענגען אויף זיך עפעס א שעהנע צאצקע. די ניט קולטורעלע, און האלב קולטורעלע פעלקער האבען זעהר ליב צירונג און האלטען עס זעהר טייער. די אייראפייאישע סוחרים קויפען אפ ביי די ווילדע, סחורות פון גרויסען ווערט, פאר א וועלכען עס איז שנירעל פאטשערקעס. די נאכפראגע אויף צירונג האט אויף אזא אופן באשאפען די מעגליכקייט פאר דעם איבערגאנג פון אייזען און קופער געלט צו זילבערנע און גאלדערנע.

אין אנפאנג פלעגט דער ווערט פון געלט באשטימט ווערען פשוט דורך זייער וואג. די חשבונות פלעגען געפירט ווערען ביים קויפען און פארקויפען פשוט דורך אפוועגען די מעטאלען.

מיט׳ן אויסטויש איז ענג פארבונדען א צווייטע געזעלשאפטליכע פארמע פון פונאנדערטיילונג: — ד ע ר ק ר ע ד י ט.

ווען דער אויסטויש ברייטערט זיך אויס, מוזען אפט פארקומען אזוינע פאלען, ווען דער מסחר ווערט געשטערט דורך דעם וואס דער

קויפער האָט ניט די נויטיגע מיטלען. די סחורה דאַרף ער גלייך, אָבער געלט, כדי גלייך צו באַצאָלען האָט ער ניט, אָדער ער האָט ניט געננוג, הגם עס איז זיכער פאַר'ן פאַרקויפער אז אין א קורצער צייט אַרום וועט דער קויפער יאָ האָבען די געלט. אין אַזא פאַל שטימט אָפט איין דער פאַרקויפער אויסצובאָרגען זיין סחורה צום קויפער, געבען דאָס אויף ק ר ע ד י ט. דאָס וואָרט „ק ר ע ד י ט" מיינט „צ ו ט ר ו י ע ן"; א קרעדיט אָפּמאַך האָט אַלס גרונט דעם צוטרויען, אָדער גלויבען אין דער ערליכקייט און פאַרמעגליכקייט פון דעם בעל־חוב.

צו דער באַשטימטער צייט באַצאָלט דער בעל חוב דאָס געלט; דאָ שפּילט שוין דאָס געלט א נייע ראָליע, עס איז א צ א ל ו נ ג ס־ מ י ט ע ל.

„צוטרויען" קריגט מען געוויינליך ניט פאַר אומזיסט, דער חוב ווערט אימער באַצאָלט מיט וועלכע עס איז פּראָצענטען.

אין ענגער פאַרבינדונג און אין דער זעלבער צייט ווי עס אַנטשטעהט דער ריינער סחורה־קרעדיט, אַנטוויקעלט זיך א צווייטער סאָרט קרעדיט, וואָס ווערט געוויינליך אָנגערופען, וו א כ ע ר, ד.ה. די פאָרמע פון לייהען א צווייטען מזומן געלט אויף פּראָצענטען.

דער קרעדיט זעצט פאָראויס ניט נאָר אז עס איז פאַראַן אויסטויש, נאָר אויך אז עס איז שוין פאַראַן געלט.

4) די גרונט־שטריכען פון דער פּסיכאָלאָגיע פון דער צייט פון דער פאַטריאַרכאַלער משפּחה.

דאָס וואָס איין מענש אין דער משפּחה־גרופּע, ווערט דער אָרגאַניזאַטאָר פון איר פּראָדוקציע פאַרענדערט די באַציהונגען פון דעם יחיד צו דער גרופּע און איר פּסיכאָלאָגיע בכלל.

אויב עס האָט זיך פאַרקלענערט די מאַכט פון דער נאַטור איבער'ן מענשען, איז דערפאַר אַנטשטאַנען א נייע מאַכט; די מאַכט פון

א. באַגדאַנאָוו

איין מענשען איבער׳ן צווייטען. בעצם איז דאָס געווען די פריהערדיגע מאַכט פון דער גרופּע איבער אירע איינצעלנע מיטגלידער, איצט איז זי אריבער צו איין מענשען — צום פּאַטריאַרך.

די גלייכהייט אין דער פונאַנדערטיילונג פון פּראָדוקטען איז פאַר־שוואונדען, דער גאַנצער פּראָדוקט פון דער איבער־ארבייט ווערט פאַר־וואַלטעט פון דעם אָרגאַניזאַטאָר. אָבער די אומגלייכהייט האָט נאָך ניט אין דער צייט קיין שאַרף אויסגעשפּראָכענעם כאַראַקטער. דער אָרגאַניזאַטאָר טיילט נאָך אַלע איין יעדען מיטגליד די נויטיגע לעבענס־מיטלען, כדי צו דערהאַלטען זייער לעבען און קענען דערפילען זיינע פליכטען, פּונקט ווי דאָס פלעגט פריהער טאָן די גרופּע. דער אָרגאַ־ניזאַטאָר זעלבסט איז אין זיינע באַדערפעניסען ניט ווייט אוועק פון אַלע איבעריגע מיטגלידער פון דער גרופּע.

די געגענזייטיגע הילפס־פאַרבינדונג, די ענגע צוזאַמענגעבונדענ־הייט פון דער גרופּע אין איר קאַמף געגען דער אויסערליכער וועלט, וואַקסט נאָך מער אויס אין פאַרגלייך מיט דער פריהערדיגער צייט. ערשטענס, ווערען אירע מיטגלידער פיל נעהענטער איינער צום צווייטען אַ דאַנק די אויסגעבעסערטע פאָרמען פון צוזאַמענאַרבייטען, פריהער אין דער צייט פון דעם פּשוט׳ן צוזאַמענאַרבייטען פלעגט יעדער איינער קענען טאָן זיין ארבייט באַזונדער, אומאָפּהענגיג פון אַלע אַנדערע, און האָט פאָלגליך ניט אַזוי געפילט זיין צוזאַמענבונד מיט די איבעריגע. צווייטענס, געווינט די משפּחה טיילווייז פון דעם וואָס אין דער פּערזאָן פון פּאַטריאַרך געפינט זי פאַר זיך אַ קאָנקרעטע לעבעדיגע פּאַרקער־פּערונג.

אין דער זעלבער צייט, און אַ דאַנק דיזעלבע אומשטאַנדען אַנט־שטעהען אין דער משפּחה־גרופּע די ערשטע סמנים פון אינדיווידואַ־ליזם, וועמעס עצם עס באַשטעהט אין דעם וואָס, דער מענש הויבט אָן אין זיין באַוואוסטזיין אָפּטיילען זיין „איך“ און „מיינע“ פון דער גרופּע. עס באַווייזען זיך פּערזענליכע אינטערעסען. — אין דער צייט ווען פריהער זיינען בלויז געווען אינטערעסען פון דעם כלל.

די ראָליע פון דעם אָרגאַניזאַטאָר אין דער פּראָדוקציע איז געווען

א גאנץ אייגענארטיגע, און האט געהערט בלויז צו אים אליין; דאס איז די גרונט־אורזאך, וואס האט ארויסגערופען אין זיין פסיכיק די אינדיווידואליסטישע געפילען און פארשטעלונגען. פון אט דער גרונט־אורזאך, האבען ארויסגעשטראמט אויך אנדערע, וואס האבען געווירקט אין דער זעלבער ריכטונג.

דער ארגאניזאטאר האט פארוואלטעט אלע געזעלשאפטליכע זאפאסען, דעם גאנצען סכום פון דעם ארבייטס־איבערפלוס; דאס האט אים געגעבען א מעגליכקייט אויסצובארייטערען זיינע אייגענע באדערפענישען, און דערמיט זיך נאך מער אפטיילען פון די איבעריגע מיטגלידער פון דער גרופע.ביים אויסטויש איז ער אימער ארויסגעטראטען אלס דער פאקטישער באלעבאס פון דעם גאנצען אייגענטום וואס די גרופע האט פארמאגט. האבענדיג צו טאן דערביי מיט א צווייטען ארגאניזאטאר, האט ער זיך צוגעוואוינט צו באטראכטען סיי זיך, און סיי דעם צווייטען ארגאניזאטאר, אלס די אייגענטימער פון די סחורות, וואס ווערען אויסגעטוישט. אויף דעם אופן אנטוויקעלט זיך שטופענווייז דאס פריוואטע אייגענטום. אין אנפאנג האט דער טויש פון סחורות צווישען באזונדערע גרופען אין וועלכען די גרופען זיינען ארויסגעטראטען אלס די באלעבאטים, געמוזט שאפען דעם באגריף פון *פריוואטען גרופען־אייגענטום*, און שפעטער, ווערט א דאנק דער באזונדערער ראליע פון די ארגאניזאטארען אין דעם אויסטויש, וואס פארענדערט ווייטער די פסיכיק פון די מענשען, געבוירען די אידעע פון פערזענליכען פריוואטען אייגענטום.

די אידעע פון פערזענליכען אייגענטום האט זיך פונדעסטוועגען ביי דעם ארגאניזאטאר געקענט איינווארצלען פעסט אין זיין געדאנק ערשט ווען זיין ראליע האט אנגעהויבען איבערגעהן בירושה, ווען די גרופע האט אויפגעהערט צו דערוויילען איר פאטריארך; ווען עס איז, פאלגליך, פארשוואונדען יעדער סמן פון דער אנטשטעהונג פון זיין מאכט. ערשט דעמאלט געפינט דער אינדיווידואליזם א פעסטען באדען פאר זיין אנטוויקלונג. ביים ארגאניזאטאר ווערט אלץ פעסטער די באציהונג צו דעם אייגענטום פון דער גרופע, אלס זיין פריוואט אייגענטום, און אלץ מער ווערט פארשוואונדען די פאר־

א. באַגדאַנאָוו

שטעלונג לויט נאָך וועלכער ער איז ניט מער ווי אַן אַנגעשטעלטער פון דער גרופּע צו טאָן געוויסע אָרגאַניזאַטאָרישע ארבייט, אונטער דער אויפזיכט און קאָנטראָל פון דער גרופּע. וואָס מער דער קאָנטראָל פון דער גרופּע איבער איר אָרגאַניזאַטאָר איז פארשוואונדען, הויבט דער לעצטער אָן פּאָדערען, אַז אַלע מיטגלידער זאָלען זיך אים אין אַלץ אונטערוואַרפען, ער ווערט דורכגעדרונגען פון דער אידעע פון זיין אבסאָלוטער באַלעבאַטישקייט איבער די אנדערע מיטגלידער. אַט די אַנשויאונג האָט אין איר אַנטוויקלונג ניט געקענט אויסמיידען דעם ווידערשטאַנד פון די אַנדערע גרופּע מיטגלידער, ניט איין מאָל האָבען די גרופּען, וואַרשיינליך געמוזט איבערלעבען שווערע אינערליכע קאַמפּען. פונדעסטוועגען האָבען די שטרעבונגען פון דעם אָרגאַניזאַטאָר, פריהער אָדער שפּעטער, געזיגט, דערפאַר ווייל זיי זיינען געווען אין איינקלאַנג מיט דער ווירקליכקייט. דער אָרגאַניזאַטאָר האָט באַזעסען די ווירקליכע מאַכט איבער די פּראָדוקטען און איבער די מענשען, און זיין מאַכט איז דעמאָלט געווען ווירקליך נויטיג פאַר דער גרופּע. אויף אַט דעם אופן ווערט דער פּאַטריאַרך פארוואַנדעלט אין דעם איינציגען אייגענטימער און פולען הערשער אין זיין גרופּע.

בעצם זיינען די פּסיכאָלאָגישע אונטערשיידען וואָס זיינען אַנטשטאַנען צווישען דעם אָרגאַניזאַטאָר און די איבעריגע מיטגלידער פון דער גרופּע ניט געווען קיין זעהר גרויסע, ווייל די גרונט־ליניען פון זייער דענקען זיינען בכלל געבליבען דיזעלבע ביי אַלעמען; דאָס זיינען געווען די פולע, אבסאָלוטע אונטערטעניגקייט צום מנהג, און די אַנשויאונג אויף דער גרופּע אַלס אַן איינהייט, אויסער וועלכער, עס איז ניט דענקבאַר די עקזיסטענץ פון אַן איינצעלנעם. אַפילו דער פּאַטריאַרך אַליין, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס זיין פּסיכיק איז געווען פאַר־העלטניסמעסיג רייכער, האָט זיך ניט געקענט באַוואוסטזיניג אויפּ־הויבען איבער די גרונטלאַגען פון דער גרופּע, וואָס האָבען זיך איינ־געוואָרצעלט אין דעם לעבען און ערפאַרונגען פון דער גרופּע אין פאַר־לויף פון דורות, ער האָט אויסער דעם ניט געהאַט קיין אַנרעגונג צו שטעלען זיך אין נעגענזאַץ צו זיי. דער אָרגאַניזאַטאָר איז ניט געווען קיין געניע, קיין מענש פון אויסערגעוויינליכע פעהיג־

קייטען. ער איז בלויז געווען דער עלטסטער פון דער פאמיליע, א מענש מיט א יארען־לאנגער ערפארונג. זיין ארגאניזאטארישע אר־בייט איז באזירט געווען פריהער פון אלעם אויף זיינע עראינערונגען. ווי אזוי זיינע פארלויפער פלעגען טאן דיזעלבע ארבייט, און בלויז אין אומבאדייטענדע אויסנאמס־פאלען, האט ער זיך געשטיצט אויף זיך אליין, אויף זיין אייגענער אויסרעכענונג. דער מנהג האט געקע־ניגט אין זייערע נשמות פונקט אזוי אבסאלוט, ווי אין די נשמות פון זייערע אור־עלטערען—אין דער פארצייטיגער קאמונע. די פארשטעלונג וועגען דער אומצוטיילבארקייט פון דער גרופע האט פונקט אזוי בא־הערשט די נשמה פון דעם ארגאניזאטאר, ווייל אויך פאר אים וואלט בשום אופן ניט מעגליך געווען צו לעבען אויסער דער גרופע, ווייל פון קיין אנדערע געזעלשאפטליכע פארבינדונגען אויסער דער פא־מיליע־גרופע האט ער ניט געוואוסט, און א לעבען אויסער וועלכער עס איז געזעלשאפט, מיינט טויט. נאך אין א גרעסערער מאס איז דאס אמת פאר די איבעריגע מיטגלידער פון דער גרופע. בכלל איז א דאנק דער נייער ארדנונג, ניט צושטערט געווארען דער קאנסער־וואטיזם פון מנהג, דער פערזענליכער באוואוסטזיין האט זיך בלויז אנגעהויבען אויסטיילען פון דער גרופע. פארשוואונדען געווארען איז בלויז די פארשטעלונג וועגען דער איין־ארטיגקייט פון דער גרופע.

די פסיכאלאגיע פון דער פאטריארכאלער גרופע, האט זיך אלזא אין אירע אלגעמיינע שטריכען כמעט ווי ניט אונטערשיידט פון דער פארצייטיגער קאמוניסטישער. די פריהערדיגע שטערונגען וואס זיינען געשטאנען אויפ'ן וועג פון אנטוויקלונג זיינען פאלגליך פארבליבען אויך איצט כמעט, אין זייער גאנצער שטארקייט. מיר מוזען זאגען „כמעט“, ווייל נאך אלעמען, זיינען פארט אנטשטאנען אזוינע כחות, וואס האבען אט די שטערונגען אפגעשוואכט, הגם דערווייל נאך אין א שוואכער מאס. די שוואכע, ניט באשטענדיגע, באציהונגען און פארבינדונגען צווישען די פארשיידענע גרופען, האבען פונדעסטוועגען פארט אויס־געברייטערט דעם האריזאנט פון דער פערזענליכקייט, און באגעגענענדיג

א. באָגדאַנאָוו

זיך מיט פאַרשיידענע אַנדערע פאָרמען און מנהגים, איז ביי אים אָפּ־געשוואַכט געוואָרען זיין קאָנסערוואַטיזם.

איצט נאָך איין פראַגע: אויף וויפיל איז דער מענשליכער באַוואוסטזיין פון יענער צייט, געווען פעהיג צו דינען אלס מאַטעריאַל פאַר וויטערער אנטוויקלונג.

עס פאַרשטעהט זיך אז די פיל טויזענטער יאָרען פון דעם לעבען פון די פאַמיליע־גרופּען זיינען ניט געווען אינגאַנצען אומזיסט: זייער גייסטיגער פאַרמעגען איז געוואָרען ברייטער און פאַרשיידענאַרטיגער. דער פּראַקטישער וויסען האָט אָנגעהייבען פאַרנעמען אין זייער פּסי־כיק א גרעסערען אָרט, דער פאַנטאַסטישער — א קלענערען. די אויס־ברייטונג פון זייער פּראָדוקציאָנס פעלד האָט מיט זיך געבראַכט אויך די אויסברייטונג פון דעם פעלד פון זייער וויסען. וואָס מער עס פאַרקלענערט זיך זייער שרעק פאַר די נאַטור כחות, אלץ מער וואַקסט זייער נייגעריגקייט, זייער ליבע צו וויסען.

עס וועט ניט זיין ווייט פון אמת, אַנצונעמען אז טאַקע אין אָט דער צייט פון וועלכער מיר רעדען איצט הויבט דער מענש אָן צום ערשטען מאָל זיך דערקלערען די נאַטור, זוכען א פאַרבינדונג צווישען די פאַרשיידענע ערשיינונגען; צום ערשטען מאָל אנטשטעהט דאָס וואָס קען פיל ווייניג באַצייכענט ווערען מיט'ן טערמין „וועלט־אנ־שויאונג". דער עצם פון אָט דער וועלט אנשויאונג איז געווען דער נאַטירליכער פעטישיזם.

אין אלע צייטען האָט דער מענשליכער געדאַנק געזוכט צו דער־קלערען זיך דאָס ווייטע דורך דאָס נאָהענטע, דאָס אויסערגעוויינליכע דורך דאָס געוויינליכע, דאָס אומפאַרשטענדליכע דורך דאָס פאַר־שטענדליכע. א נייע ערשיינונג שיינט צו זיין דערקלערט, אויב מען קען דאָס אריינפּאַסען אין די ראַמען פון אלטע באַאָבאַכטונגען. דאָס נאָהענטסטע, דאָס געוויינליכסטע פאַר'ן מענשען זיינען זיינע באַצי־הונגען צו זיינע מיטמענשען. א דאַנק דעם, האָט דער אלגעמיינער כאַראַקטער פון דעם מענשענס וועלט־אנשויאונג, אין אלע צייטען געטראָגען אויף זיך דעם שטעמפּעל פון זייערע געזעלשאַפטליכע

שיכות'ן, א שטעמפעל וואס איז אין מאנכע פאלען געווען מער קענטיג און אין אנדערע — ווייניגער. דאס זעלבע דארף געזאגט ווערען אויך וועגען דער פאטריארכאלער פאמיליע-גרופע; דער נאטירליכער פע-טישיזם איז געווען, ווירקליך, אזא בליק אויף דער נאטור, לויט נאך וועלכען *די שיכות'ן צווישען זאכען זיינען געווען גלייך ווי די שיכות'ן צווישען מענשען.*

די אפטיילונג פון דער ארגאניזאטארישער ארבייט פון אלע אנ-דערע האט אין די אינערליכע באציהונגען פון דער גרופע געשאפען א סארט אייגענארטיגע צווייאיגקייט. דער גייסטיגער כח איז עפעס אזוי ווי אפגעטיילט געווארען פון דער גראבער פיזישער. דער בא-וואוסטזיניגער אנהויב — פון דעם סטיכישען; די ערשטע האט אנגענומען די פארמען פון מאכט, די צווייטע — פון אונטערטעניג-קייט. די ערשטע איז פארקערפערט געווארען אין דעם פערזאן פון דעם פאטריארך, די צווייטע — אין די איבעריגע מיטגלידער פון דער גרופע. גלייכצייטיג זיינען אבער אט די ביידע עלעמענטען געווען אומצוטיילבאר און אומדענקבאר איינס אן דאס צווייטע. די אויס-פירליכע טעטיגקייט פארלירט יעדע צוועקמעסיגקייט, ווען מען נעמט פון איר אוועק דעם ארגאניזאטארישען ווילען, און דאס לעצטע איז נוצלאז דארט וואו עס פעלט דאס ערשטע.

אין דער טעטיגקייט פון מענשען, איז דער מענש געוואוינט גע-ווען צו זעהן דעם רעזולטאט פון דעם ארגאניזאטארישען ווילען, וואס האט געווירקט אויף דער מער גראבער, אויספירליכער קראפט. אויף דעם זעלבען אופן האט ער זיך דערקלערט אויך אנדערע פאסירונגען וואס ער האט באאבאכטעט אין דער אויסערליכער וועלט. יעדע ער-שיינונג ווערט פאר אים פארוואנדעלט אין אן אומצוטיילבארער פאר-אייניגונג פון צוויי עלעמענטען; א ווילען וועלכער באפעלט און א מאטעריעלער כח וואס פאלגט. זאל זיין אז ער באמערקט נאר דאס צווייטע, ער איז אבער סיי ווי ניט פעהיג דאס צו פארשטעהן אהן דאס צווייטע, און נעמט אן אז עס איז אן ארגאניזאטארישער ווילען דארט אפילו וואו ער באמערקט דאס ניט. אויף דעם אופן אנטשטעהען די

א. באָגדאַנאָוו

„נשמות פון זאכען“, זיי פארבייטען די אורזאכען פון זאכען, דער באוואוסטזיין קען צייטווייליג זיך בארוהיגען א דאנק זיי. דער מענש האט זיי אבער געזוכט אומעטום אין שטיינער און געוויקסען אין חיות און מענשען, אין פייער און וואסער. די נאטור, און אלע אירע ערשיינונגען האט זיך דעם דאַמאלסטדיגען מענשען פאַרגעשטעלט, אלס איינארטיגע — צווייאיגקייט.

געוויינליך דערקלערט מען די אנשטעהונג פון דעם נאַטוראלען פעטישיזם אדער א נ י מ י ז ם, אויף אט דעם אופן. נאָך דער צושטערונג פון א וועלכער עס איז זאך, נאך דעם טויט פון חיה אדער מענש, פארבלייבט אין מענשליכען זכרון אויף א געוויסער צייט די אפבילדונג פון דער זאך. די א פ ב י ל ד ו נ ג ביים ווילדען מענשען צייכענט זיך אוים מיט איר לעבעדיגקייט און קלאַרקייט, אזוי אז דאס קומט גאנץ נאַהענט צו דער דירעקטער עמפינדונג. אין חלום קומט די זעלבע זאך ווי עפּעס וואס איז דורכאוים ווירקליך. עס ווערט דערפון געבוירען די איבערצייגונג, אז די זאך וואס איז פארניכטעט געוואָרען, דער אָרגאַניזם וואס איז פארלאָרען געגאַנגען, בלייבט נאָך אלץ עקזיסטירען פאר א געוויסער צייט, אז עפּעס בלייבט דאָך איבער פון זיי. די באָאבאַכטונג פון מענשען ווען זיי שלאָפען אָדער ווען זיי חלש'ען, אָדער פון טויטע קערפּערס, פאַרשטאַרקען אט דעם גלויבען נאָך פון א צווייטער זייט. עס איז קלאָר אז מאַנכעם מאָל זעהט מען ווי דעם אָרגאַניזם וואס האט זיין פריהערדיגע ווירקליכקייט, פעלט דאָך עפּעס, עס פעלען אים די סמנים פון לעבען. אט דער מיסטעריעזער ע פ ע ס, וועלכער איז דאָ אין מאַנכע פאלען, וועלכער פאַרשווינדט אויף אייביג אין אַנדערע, און וועלכער פאַרשווינדט בלויז אויף א צייט נאָך אין אַנדערע, איז פאר'ן פעטישיסט די „נשמה פון זאכען.“

אַפּלייקענען אט די דערקלערונג איז ניט נויטיג. זי צייגט ריכטיג אַז אויף דעם פּסיכישען מאַטעריאל פון וועלכען דער אנימיזם האָט געמוזט אנטשטעהן. אַט די דערקלערונג איז אבער ניט קיין פולע; זי דערקלערט אונז ניט, ערשטענס, וואָרום זיינען גראָד אַט די רויע פאַקטען אוועקגעלעגט געוואָרען אלס פונדאַמענט פון דעם מענשענס וועלט־

אנשויאונג, אין דער צייט וואס אין קאמף פאר'ן לעבען שפּילען זיי. פארהעלטעניסמעסיג, א גאנץ קנאפּע ראָליע; צווייטענס, ווי קומט דאס וואס אויף א געוויסער שטופע פון אנטוויקלונג איז אט די וועלט־אנשויאונג אלגעמיין, ווארום אנטשטעהט ניט די זעלבע אנשויאונג ביי די וועניגער־אנטוויקעלטע שבטים, וואס האבען דאך פאר זיך דעם זעלבען באאבאכטונגס־מאטעריאל. מיר שיינט, אז אט די פראגען קענען פארענטפערט ווערען בלויז אין דעם פאל אויב מען אנערקענט, אז די גרונט שטריכען פון א וועלט אנשויאונג ווערען באשטימט דורך דער פארמע פון דער געזעלשאפטליכער ארגאניזאציע. דאן ווערט קלאר, אז בלויז די איינגעווארצעלטע צווייאיגקייט אין דער געזעלשאפט האט געקענט ארויסרופען אט די אייגענארטיגע אנשויאונג וועלכע שטרעבט צו געפינען צווייאיגקייט אין יעדע ערשיינונג פון דער אויסערער וועלט.

דער נאטוראלער פעטישיזם הערשט אלזא איבער די מחות פון די מענשען. איז ער געוועזן א גינסטיגער פאקטאר פאר'ן וויטערען פראגרעס פון באוואוסטזיין, פאר דעם באוואוסטזיניגען קאמף מיט דער נאטור? אויף אט דער פראגע קומט אוים צו ענטפערען נעגאטיוו. די דערקענטעניש פון די אורזאכען פון יעדער ערשיינונג האט זיך פאר'ן פעטישיסט געענדיגט אזוי שנעל ווי ער איז געקומען צו דער „נשמה" פון דער ערשיינונג. וויטער איז ער ניט געגאנגען; אלע ווייטערדיגע אורזאכליכע פארבינדונגען האבען זיך פארלארען. אויף אט דעם אופן, איז דער אינהאלט פון דער דערקענטעניש־טעטיגקייט פארבליבען זעהר באגרענעצט, איבערהויפּט וואס אנבאלאנגט איר טיפקייט. צו זייער אויבערפלעכליכער, פּראקטישער, באקאנטשאפט מיט די ערשיינונגען, איז בלויז צוגעגעבען געווארען זייער פעטישיסטישע דערקלערונג, און דערמיט זיינען די באדערפענישען פון זייער געדאנק באפרידיגט געווארען.

ביי אזא שוואכקייט און אינהאלטס־לאזיגקייט פון דער דערקענטעניש, איז דער מאטעריאל פאר ווייטערער אנטוויקלונג, וועלכען די מענשליכע פּסיכיק האט צוגעשטעלט, געוועזן זעהר אומבאדייטענד. דער פראגרעס פון דער טעכניק, עקאנאמיע, אידעאלאגיע, האבען ביי אזא שוואכקייט פון דערקענטעניש געקענט זיין בלויז זעהר סטיכיש־

לאַנגזאַם. אויך אַלזאָ אין דעם הינזיכט אונטערשיידט זיך ניט פיל די פּאַטריאַרכאַלע גרופּע פון דער פאַרצייטיק־קאָמוניסטישער.

דערווירקליכער זיג פון דעם מענשען איבער דער נאַטור דריקט זיך אויס אין דער אומענדליכער אַנטוויקלונג פון דער דערקענטעניש פון דער אורזאַכליכקייט. די פעטישיסטישע אויפפאַסונג אויף דער נאַ־טור צייגט נאָך אויף דער אומבאַוויגטער מאַכט פון דער נאַטור איבער׳ן מענשען. אמת, זי ערשיינט בלויז דאַן ווען אַט די מאַכט הויבט אָן שוואַכער צו ווערען, אָבער בלויז דערפאַר ווייל די פריהערדיגע, אַבסאָ־לוטע מאַכט פון דער נאַטור האָט ניט געגעבען דעם מענשען קיין שום מעגליכקייט אפילו צו מאַכען אַ פּראָבע צו פאַרשטעהן די נאַטור.

5) די אַנטוויקלונגס־כחות און די נייע פאָרמען פון לעבען אין דער פּאַטריאַרכאַלער משפחה.

די געזעלשאַפטליכע אַנטוויקלונג פון דער צייט וועגען וועלכער מיר רעדען איצט, פּונקט ווי אין דער פריהערדיגער צייט, האָט געמוזט אַנגעטריבען ווערען דורך דעם דראַנג פון דער איבער־באַפעלקערונג. וואָס מער עס דערפילט זיך אַ דוחק אין לעבענס־מיטלען, וואָס איז דער רעזולטאַט פון דעם וואוקס פון דער באַפעלקערונג, אַלץ מער מוז דער קאָנסערוואַטיזם אָפּגעשוואַכט ווערען, — ביסלעכווייז ווערט די טעכניק אויסגעבעסערט און די געזעלשאַפטליכע שיכות׳ן ענדערען זיך. די אַנטשטעהונג און לאַנגזאַמע אַנטוויקלונג פון אויסטויש, איז געווען איינע פון די וויכטיגסטע דערגרייכונגען פון אַט דער אַנטוויקלונג.

דער פּראָגרעס פון אויסטויש, ד.ה. ריכטיגער פון דער געזעל־שאַפטליכער צוטיילונג פון דער ארבייט, וואָס איז פאַרגעקומען אַ דאַנק דער אַנטוויקלונג פון דער טעכניק, איז אַליין אַ מעכטיגע טרייב־קראַפט פאַר דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פאַר אַלע ווייטערדיגע היסטאָרישע פאָרמען, ענדיגענדיג מיט׳ן געגענוואַרטיגען קאַפּיטאַליזם.

אַ צווייטע, ווייניגער וויכטיגע דערגרייכונג, פון דער צייט, איז געווען די ערשיינונג פון שקלאַפען.

פאָליטישע עקאָנאָמיע

א דאנק דער אנטשטעהונג פון איבער־ארבייט, האט זיך פאר דעם אָרגאַניזאַטאָר פון דער משפחה־גרופּע געלוינט וואס מער צו פארגרעסערען די צאָל פון די מיטגלידער פון דער גרופּע; דאס האט געקענט פארגרעסערען דעם סכום פון איבעריגע פּראָדוקטען, וואס דער אָרגאַניזאַטאָר האט פארוואַלטעט. עס איז דערפאר אין דער פּאַטריארכאַלער גרופּע שוין ניט קיין זעלטענע ערשיינונג אז אנשטאט הרג'נען דעם באזיגטען שונא, זאָל מען אים בעסער אריינגעמען אין דער אייגענער גרופּע, און צווינגען אים זיך צו באטייליגען אין איר פּראָדוקציע. אט די צוגעקומענע מיטגלידער אין דער גרופּע, זיינען געווען אירע שקלאַפען.

מען דארף זיך ניט פארשטעלען אז דער שקלאף פון דער פּאַט־ריארכאַלער פּעריאָדע איז געווען א מענש אין דער לאַגע פון א „זאך“, פארקערט, די שקלאַפען זיינען אין יענער צייט געווען כ מ ע ט, אזוי גלייכבארעכטיגט ווי די איבעריגע מיטגלידער פון דער גרופּע, אין וועלכער זיי זיינען אריינגענומען געווארען. די געמיינזאמקייט פון דער ארבייט, האט ענג פארבונדען די אלטע און נייע מיטגלידער און מיט דער צייט איז אויסגעמעקט געווארען ביי זיי אפילו די גע־דעכעניש פון פריהערדיגען קאמף. דער אָרגאַניזאַטאָר האט זיי עקס־פּלואטירט נ֗ט מער ווי זיינע אייגענע קרובים; זיי האבען געארבייט פּונקט ווי אלע אנדערע. מען פלעגט זיי ניט פארקויפען, און בכלל איז מען זיך מיט זיי באגאנגען אויפ'ן זעלבען אופן, ווי עס באגעהען זיך די אינדיאנער פון אמעריקע מיט זייערע אדאפּטירטע געפאנגענע.

די שקלאַפעריי פון דער פּאַטריארכאַלער צייט, אנטוויקלענדיג זיך ווייטער און בייטענדיג אירע פאָרמען, האט געדינט אלס אויסגאנגס־פּונקט, פאר אט דעם אייגענארטיגען היסטאָרישען לעבען, וואס האט דערגרייכט זיין העכסטע שטופע אין דער קלאסישער וועלט און האט זיך געענדיגט מיט איר אונטערגאנג.

די אנטשטעהונג פון אויסטויש און די איינפירונג פון שקלאַפעריי, צוויי זאכען וואס זיינען אויפ'ן ערשטען בליק גאַנץ פארשיידען, שלי־סען דאך אין זיך איין איין אלגעמיינעם גרונט־שטריך. די ערשטע אזוי גוט ווי די צווייטע שטעלט מיט זיך פאר א נייע ווענדונג אין

א. באַנדאַנאַוו

דער אַלטער סיסטעם פון צוזאַמענאַרבייטען וואָס איז פריהער באַ־גרינדעט געווען בלויז אויף בלוט־פאַרוואַנדשאַפט, און אויף די פּסי־כישע ענליכקייט פון די איינצעלנע מענשען. דער בונד פון בלוט־פאַרוואַנדטע איז אומפאַרמיידליך דורכגעדרונגען מיט'ן גייסט פון ענגער אויסשליסליכקייט, וואָס קען ניט פאַרטראָגען קיין זאַך וואָס געהט אַרויס אויסער די אָנגענומענע גרענעצען. די נייע לעבענס־פאָרמען שטעלען זיך אין געגענזאַץ צו אָט דער באַגרענעצטקייט, און רופען אַרויס אַ גאַנצע רייהע, נייע געזעלשאַפטליכע פאַקטען.

די הערשאַפט פון די פאַרבינדונגען וואָס זיינען געווען געבויט בלויז אויף בלוט פאַרוואַנדשאַפט, האָט געמיינט אַ פולע אבסאָלוטע הערשאַפט פון מנהג. דער כח פון געוואוינהייט איז געווען אַזוי שטאַרק און דער זעלבסט־באַוואוסטזיין אַזוי שוואַך, אַז קיין איינצעלנער מענש האָט זיך פּשוט נים געקענט שטעלען קעגען די אָנגענומענע מנהגים. פון קיין פאַרברעכנס אין דעם זין ווי מיר פאַרשטעהען דאָס היינט האָט מען אין יענער צייט ניט געוואוסט. צו אַ פאַרברעכען האָט מען זיך באַצויגען ווי צו אַ פאַרקריפּלונג. ווען עס איז געבוירען געוואָרען אַ קינד מיט צוויי קעפּ, האָט מען דאָס גלייך דער'הרג'עט, אַלס מאָנס־טער, דאָסזעלבע האָט מען געטאָן מיט אַ פאַרברעכער; מען פלעגט אים אָדער הרג'ענען אָדער אַרויסטרייבען פון דער גרופּע, אין יענער צייט אַרויסטרייבען איז געווען דאָס זעלבע ווי הרג'ענען. דאָס איז ניט געווען קיין שטראָף, דאָס איז פּשוט געווען דער רעזולטאַט פון דעם אינסטינקט פון זעלבסט־פאַרטיידיגונג געגען אַן אומפאַרשטענד־ליכער און געפעהרליכער ערשיינונג. די אידעע פון „רעכט" און אומ־רעכט פון מאָראַליש און אוממאָראַליש איז דאַן אינגאַנצען ניט גע־ווען; מענשען האָבען זיך אונטערוואָרפען צו דעם מנהג מיט דער־זעלבער נאַטירליכער נויטווענדיגקייט ווי זיי עסען, טרינקען אָדער שלאָפען.

מיט דער אַנטוויקלונג פון נייע געזעלשאַפטליכע פאַרבינדונגען, וואָס זיינען באַגרינדעט געווען ניט אויף בלוט־פאַרוואַנדשאַפט, האָט געביטען די לאַגע אינגאַנצען. האַנדלען געגען מנהג הערט אויף צו זיין אַן אויסנאַמס פאַל, און די אויספאָלגונג פון די מנהגים פון איין

גרופּע איז אָפּט א פאַרשוועכונג פון די מנהגים פון א צווייטער. אזוי צ.ב.ש. קען א געפאַנגענער פון א צווייטער גרופּע, פירענדיג זיך לויט די מנהגים פון זיין אייגענער גרופּע שטערען דעם נאָרמאַלען גאַנג פון דער געזעלשאַפטליכער פּראָדוקציע, און דערמיט פאַרשאַפען פיל אומ־אנגענעמליכקייטען זיינע נייע חברים; אזוי מוז אויך דער נאָרמאַלער גאַנג פון אויסטויש באַציהונגען, אָפּט שטערען דעם אַלטען איינגעוואָר־צעלטען מנהג צו באַטראַכטען יעדען פרעמדען אלס שונא. דאָס אָפּ־טרעטען פון די אָנגענומענע מנהגים ווערט אַן אָפּטע ערשיינונג, און די געזעלשאַפט קען זיך שוין צו דעם ניט באַציהען פונקט ווי פריהער.

עס אַנטשטעהט א נייע פאָרמע פון געזעלשאַפטליכען לעבען. דאָס געוואוינהייטס־רעכט וואָס דער עצם דערפון איז אָפּצוהיטען די מנהגים. מיט א פאַרברעכער קעמפט מען שוין ניט מער ווי מיט א נאַטור־קראַפט, נאָר מער אדער ווייניגער באַוואוסטזיניג; מען משפּט אים לויט דעם מנהג. עס ווערט באַשאַפען א גאַנצע רייהע פון שטראַפען פאַר פאַרשיידענע פאַרברעכענס. בכלל ווערען אָנגענומען א גאַנצע רייהע מיטלען אויף אָפּצוהיטען די מנהגים; דער אינהאַלט פון די מיטלען באַשטעהט אין באַזייטיגען דאָס שלעכטע וואָס דאָס באַגאַנגענע פאַרברעכען האָט ארויסגערופען, און אין פאַרהיטען אזוינע פאַרברעכענס אין דער צוקונפט. עס אַנטשטעהט די פאַרשטעלונג וועגען געזעצליכקייט און אומגעזעצליכקייט, גערעכטיגקייט און אומ־גערעכטיגקייט. די ערשטע זיינען, די האַנדלונגען וואָס זיינען אין איינקלאַנג מיט די מנהגים, די צווייטע זיינען, די וואָס זיינען להפוך צו זיי. עס הויבען זיך אָן באַווייזען די עלעמענטען פון וועלכע עס ווערט שפּעטער אַנטוויקעלט די מאָראַל און דאָס „רעכט“.

דאָס רעכטליכע לעבען ווערט געוויינליך שאַרף אָפּגעטיילט פון דעם עקאָנאָמישען. אָבער פאַר דער געגענוואַרטיגער וויסענשאַפט איז אזא פונאַנדערטיילונג בלויז רעלאַטיוו. דער קאַמף פון דער גע־זעלשאַפט קעגען א יחיד, וואָס אַנטזאָגט זיך איר צו פאָלגען, אונ־טערשיידט זיך בעצם ניט פון יעדער אנדערער פאָרמע פון איר קאַמף מיט דער נאַטור. א פאַרברעכען איז אַן אַנטי־סאָציאַלע קראַפט, וואָס איז פיינדליך צום לעבען פון דער געזעלשאַפט, פונקט ווי קעלט אדער א

א. באָגדאַנאָוו

ווילדע חיה. אויף דעם אופן איז דאס רעכטליכע לעבען בלויז א באשטימטער טייל פון מענשליכען קאמף מיט דער נאטור. אט די באשטימטע קאמפס־פארמע דארף מען אויספארשען פון איר טעכנישער זייט אזוי גוט ווי פון איר עקאנאמישער און אידעאלאגישער. דער געביט פון רעכט ליגט אלזא אין דעם געביט פון דער פראדוקציע, ניט אויסער איר.

אין דעם קאפיטעל וועגען די פראדוקציאנס פארבינדונגען איז שוין דערמאנט געווארען וועגען דער אנשטעהונג פון די פראדוקציאנס שיכות׳ן צווישען גרופען וואס זיינען נאהענט איינס צום צווייטען. די צוועקען פון אזוינע פארבינדונגען זיינען געמיינזאמע גרויסע געיעגען, מלחמות א. אז. וו. מיט דער צייט ווערען אזוינע פארבינדונגען אויך געמאכט צווישען אזוינע גרופען, וואס זיינען צווישען זיך ניט פארבונדען דורך קיין קרובה׳שאפט, זיי ווערען פארבונדען דורך דעם אויסטויש און בכלל דורך זייערע פרידליכע באציהונגען צווישען זיך. אן דער שפיץ פון אזא פאראייניגונג שטעהען געוויינליך דער ראט פון די עלטסטע ארגאניזאטארען אדער אן אויסגעקליבענער פירער. אין אט די פארבינדונגען דארף מען זעהן די ערשטע סמנים פון שטאט און פון פאליטישער ארגאניזאציע. וואס מער אזוינע פארבינדונגען ווערען פארוואנדעלט פון צייטווייליגע אין שטענדיגע, און די געזעלשאפט גופא ווערט צוטיילט אויף קלאסען, אויף הערשער און באהערשטע, אלץ מער נעמען זיי אן א פאליטישען כאראקטער.

בכלל, איז יעדע פאליטישע ארגאניזאציע בעצם אן עקאנאמישע, אן ארגאניזאציע פאר דעם געמיינשאפטליכען קאמף פאר׳ן לעבען פון דער גרופע. דער שטאט אבער, באזונדער, איז אן ארגאניזאציע פון קלאסען הערשאפט.

פערטער קאַפּיטעל

די שקלאַפעריי אין אַלטערטום

דער טיף פון דער געזעלשאַפטליכער אַנטוויקלונג וואָס האָט גע־שאַפען די קולטור פון דער אַלטער וועלט, איז ביז אַ געוויסען גראַד אַ גאַנץ אייגענאַרטיגער, און איז באַגרינדעט אויף דער פאַרוואַנדלונג פון דעם אַרבייטער אין אַ פּראָדוקציאָנס ווערקצייג.

1) די באַציהונג פון דער געזעלשאַפט צו דער אויסערליכער נאַטור.

די סיסטעם פון שקלאַפעריי האָט זיך אַנטוויקעלט אין דער פּאַ־טריאַרכאַלער פאַמיליע־גרופּע אַ דאַנק דער צוזאַמענטרעפונג פון צוויי באַזונדערע גרונט באַדינגונגען: דעם כסדר'דיגען צוואוואוקס פון אַי־בער־אַרבייט און דעם קאַמף צווישען מענשליכע גרופּען וואָס זיינען געשטאַנען אויף פאַרשיידענע שטופען פון קולטור.

שוין די פאַראייניגונג פון ערד־אַרבייט און פיה־צוכט, אין דעם באַזעצטען לעבען האָט געמאַכט די איבער־אַרבייט פאַר אַ שטענדיגער ערשיינונג. די צוטיילונג פון דער אַרבייט וואָס האָט זיך ביסלעכווייז אַנטוויקעלט האָט נאָך מער פאַרגרעסערט איר פּראָדוקטיוויטעט. די אַנטוויקלונג פון די אויסטויש שיכות'ן האָט געגעבען די מעגליכקייט פאַר דער גרופּע, ניט צו פאַרנעמען זיך מיט דעם סאָרט אַרבייט וואָס קומט איר אָן אַמשווערסטען אין וועלכע די אַרבייט איז וועניגער פּראָ־דוקטיוו, און זיך וואָס מער פאַרנעמען מיט יענער סאָרט פּראָדוקציע אין וועלכער זייער אַרבייט איז מער פּראָדוקטיוו. עס ווערט אויסגע־

א. באָגדאַנאָוו

ברייטערט און פארפאלקאמט די פּראָדוקציע פון מעטאלען, און פון ווערקצייג. עס ווערען געשאפען רק נייע פעלדער פאר פּראָדוקציע און האנדעל. די געוויינליכע גרויס פון דער פּראָדוקטיווער גרופּע דערגרייכט ביז עטליכע הונדערט מענשען; אין מאנכע פאלען זיינען אפילו אונטער דער הערשאפט פון איין אָרגאניזאטאָר געווען פאראייניגט טויזענט מענשען. אין איינקלאנג מיט דעם איז אויך גאנץ גרויס געווען דער איבערפלוס פון פּראָדוקטען, וועלכע די גרופּע האט געשאפען.

אויף דעם אופן האבען איינצעלנע מענשליכע געזעלשאפטען דערגרייכט א גאנץ הויכע שטופע פון אַנטוויקלונג, געווינענדיג אַלץ נייע און נייע זיגען איבער דער נאטור. איינע פון די עלעמענטען פון דער אויסערליכער נאַטור פאר יעדער פּראָדוקציאָנס אָרגאניזאציע, זיינען די אָרגאניזאציעס וואס זיינען איר פיינדליך און מיט וועלכע זי מוז קעמפען. אַט דער קאמף איז אין פילע פאלען א וויכטיגער טייל, פון דער מענשליכער פּראָדוקציאָנס טעטיגקייט. איבערהויפּט איז דאָס ריכטיג בנוגע די שבטים וואס האבען זיך די ערשטע ארויסגערוקט אויפ'ן וועג פון אַנטוויקלונג, און זיינען דעריבער געוואָרען די רייכע צווישען אָרימע. עס זיינען אַנטשטאנען שטענדיגע צוזאמענשטויסען. אַן אומאויפהערליכע שנאה. דער דרוק פון דער אבסאָלוטער איבער־באפעלקערונג האט געצוואונגען די אנדערע שבטים, צו קעמפען פאר נייע טעריטאָריעס, און עס פארשטעהט זיך אז זיי האבען מער חשק געהאט צו די טעריטאָריעס וואס זיינען געווען פארנומען פון זייערע קולטורעלע שכנים, וואס זיינען רייך געווען. ניט איין מאָל האבען די ווילדע וואנדערער באזיגט די רוהיגע באזעצטע גרופּען וואס זיינען אין זייער אַנטוויקלונג פיל העכער פון זיי געשטאנען, זייער קולטור פלעגען די זיגער טיילוויז צושטערען און טיילוויז אליין איבער נעמען.

אַבער מאנכע געזעלשאפטען וואס זיינען געשטאנען אויף א פאר־העלטעניסמעסיג הויכער שטופע פון אַנטוויקלונג, איז געלונגען אין פארלויף פון פילע דורות מיט ערפאָלג צו באקעמפען די נידעריגערע שבטים וואס האבען פּרובירט אויף זיי אַנפאלען; דאָס מיינט אויך אייגענטליך באקעמפען די געפערליכסטע עלעמענטען פון דער אויסער־

ליבער נאַטור. אַזאַ קאַמף איז פאַר אַ קולטורעלער געזעלשאַפט געווען אַ פּראָדוקטיווער, ער איז פאַר זיי געווען אַ געזעלשאַפטליך־נוצליכער ניט נאָר אין דעם זין, ווייל ער איז געווען נויטיג פאַר דער באַשיצונג פון זייער פּראָדוקציע בכלל, נאָר אויך אין אַ צווייטען זין — פון דער צייט זינט די איבער־אַרבייט האָט מעגליך געמאַכט די עקספּלואַטאַציע, פלעגט יעדער זיג געוויינליך פירען צו אַ פאַרגרעסערונג פון די געזעל־שאַפטליכע פּראָדוקציאָנס־כחות, דורך דעם וואָס די געפאַנגענע מיט־גלידער פון פיינדליכען שבט פלעגען אַריינגענומען ווערען אין דער זיגרייכער גרופּע, און פאַרוואַנדעלט ווערען אין שקלאַפען.

די באַזונדערע ראָליע וואָס דער קריג האָט געשפּילט אין דעם פּראָדוקציאָנס־לעבען פון דער געזעלשאַפט, אויף די פריהסטע שטופען פון קולטור, האָט באַשטימט זייער אייגנאַרטיגען שיקזאַל.

2) די אַנטוויקלונג פון די באַציהונגען פון פּראָדוקציע און פונאַנדערטיילונג אין דער צייט פון שקלאַפעריי.

אַ) די גרופּע פון שקלאַפען אייגענטימער.

וואָס מער עס איז געוואַקסען די גרויס פון דער פּאַטריאַרכאַלער גרופּע און די גרויס פון איר פּראָדוקציע אַלץ מער האָבען זיך געענ־דערט די באַציהונגען צווישען דעם פּאַטריאַרך און זיינע אונטער־טאַנען. די טעטיגקייט פון דעם אָרגאַניזאַטאָר ווערט אַלץ מער אָפּגע־טיילט פון דער אַלגעמיינער פּראָדוקציע, דער אָרגאַניזאַטאָר, האָט זיך, אַזוי צו זאָגען, ספּעציאַליזירט. אין דער געזעלשאַפטליכער פּסיכאָלאָגיע איז אַלץ שאַרפער אַרויסגעטראָטען דער אונטערשייד צווישען איהם און אַלע איבעריגע מיטגלידער פון דער גרופּע.

ווען דעם פּאַטריאַרכ'ס מאַכט הויבט אָן אַריבערגעהן בירושה צו זיינע נאָהענטסטע, הויבט זיך אָן צוזאַמען מיט איהם אַלץ מער אָפּ־זונדערען אויך זיין גאַנצע משפחה, זיינע נאָהענטסטע קרובים. די אומ־

א. באַגדאַנאָוו

גלייכהייט אין דער פונאַנדערטיילונג פון די פּראָדוקטען פאַרשטאַרקט זיך. דעם פּאַטריאַרכ'ס משפּחה באַנוצענדיג זיך מיט זיין מאַכט, הויבט אָן לעבען פון דעם איבער־פּראָדוקט. פון אַט דער צייט אָן קען מען שוין רעדען וועגען ווירקליכער עקספּלואַטאַציע, ווייל דער טייל פון די אַלגעמיינע פּראָדוקטען וואָס קומט אָן צו דעם פּאַטריאַרכ'ס משפּחה, ווערט שוין באַשטימט ניט לויט איר וויכטיגקייט פאַר דער פּראָדוקציע נאָר, אויסער דעם, דורך איר באַזונדערער לאַגע, דורך איר אָנגעהעריג־קייט צום פּאַטריאַרד. עס פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס איז מעגליך געוואָ־רען בלויז אַ דאַנק דער פאַרגרעסערונג פון דעם איבער־פּראָדוקט.

וואָס מער די גרופּע איז עקספּלואַטירט געוואָרען פון דעם אָרגאַ־ניזאַטאָרס משפּחה, און פּאַלגליך, וואָס מער דער עקאָנאָמישער כח פון דער משפּחה איז געוואַקסען. אַלץ אומבאַשרענקטער איז געוואָרען די מאַכט פון דעם אָרגאַניזאַטאָר, דאָס ווערט ענדליך פאַרוואַנדעלט, אין אַן אַבסאָלוטער רעכט פון אָרגאַניזאַטאָר איבער'ן לעבען און טויט פון יעדען איינעם פון זיינע אונטערטאַנען. פונדעסטוועגען אין דער צייט ווען דער צוזאַמענשטעל פון דער גרופּע איז געווען באַשרענקט אויף דער פאַראייניגונג פון בלוט־פאַרוואַנדעטע, איז אוממעגליך געווען צו פאַר־וואַנדלען די אַרבייטער אין פּשוט'ע ווערקצייג. דעם אַרבייטער האָט מען געמוזט שעצען, מען האָט געמוזט זאָרגען פאַר זיינע באַדערפּע־נישען, ווייל אויב ער איז פאַרלאָרען געגאַנגען איז פּשוט ניט געווען ווער עס זאָל פאַרנעמען זיין פּלאַץ, מען האָט געמוזט וואַרטען ביז דער וואוקס פון דער גרופּע וועט אויף זיין פּלאַץ אַוועקשטעלען אַ צוויי־טען.

אָבער ווען די צאָל פון שקלאַפען אין דער גרופּע ווערט גרעסער, ווען די מלחמות מיט די ווייניגער קולטורעלע שבטים ווערען פאַרוואַנ־דעלט אין אַ שטענדיגען קוואַל פון נייע אַרבייטס־כחות, ווערען גע־שאַפען אַלע באַדינגונגען פאַר דער פולער דערנידערונג פון די אַרביי־טער־אונטערטאַנען. יעדער אַרבייטער־אונטערטאַן, אויב ער געהט פאַרלאָרען קען גאַנץ לייכט פאַרביטען ווערען אויף אַ צווייטען, פּונקט ווי מען פאַרבייט אַ ניי געצייג אויף אַן אַלטע, וואָס איז צו־בראָכען געוואָרען. אמת, פריהער מוז מען אָנפאַלען אויפ'ן שונא, און

פאָליטישע עקאָנאָמיע

פאַנגען זענען שקלאַפען, און דאָס איז גאָר ניט אַזאַ לייכטע זאַך; אַבער מיט דער צייט ווערט אָט די שוועריגקייט אויך אָפּגעשאַפט, א דאַנק דער אַנטוויקלונג פון אויסטויש און דער פסיכאָלאָגיע פון אויס־טויש. ווען עס זיינען געפאַנגען געוואָרען צופיל שקלאַפען, און פאַר'ן זיגער איז ניט באַקוועם צו האַלטען זיי אַלע פאַר זיך, גיט ער זיי אַוועק צו זיינע פריינט אָדער צו א צווייטער פריינטליכער גרופּע. פאַרשטעהט זיך אַז דערפאַר קריגט ער פון זיי אַן אַנדער סאָרט סחורה. דער מענש אַליין ווערט א סחורה. די פּערזענליכקייט פון דעם דורכשניטליכען אַרבייטער אין דער גרופּע פאַרלירט איר ווערט, דער אַרבייטער ווערט א געצייג, וועלכע מען קען תמיד פאַרבייטען אויף א צווייטע, אין פאַל דאָס ערשטע ווערט פאַרניכטעט.

גלייכצייטיג אבער, וואַקסט, א דאַנק דער זעלבער אַנטוויקלונג פון אויסטויש, די פּערזענליכקייט פון דעם אָרגאַניזאַטאָר, און פון זיין משפחה. אַזוי לאַנג ווי דער איבער־פּראָדוקט ווערט פאַרברויכט אין זיין נאַטירליכער אוממיטעלבאַרער פאָרמע, איז די עקספּלואַטאַציע באַשרענקט, ווייל אויך די באַדערפענישען פון דער הערשענדער פאַמי־ליע זיינען באַשרענקט. אויף וואָס צ.ב.ש. דאַרף די משפחה פון דעם אָרגאַניזאַטאָר א גרויסע צאָל ברויט וועלכע זי קען ניט פאַרברויכען? דער פּראָגרעס אַבער פון אויסטויש מאַכט מעגליך א כמעט אומבאַ־שרענקטע אויסברייטונג פון די באַדערפענישען פון דער הערשענדער פאַמיליע; יעדע זאַך וואָס זי דאַרף ניט פאַר'ן אייגענעם געברויך, קען אויסגעביטען ווערען אויף וועלכע עס איז אַנדערע פּראָדוקטען, וועלכע די גרופּע פאַרמאָגט ניט. וואָס גרעסער אַלזאָ עס ווערט דער איבער־פּראָדוקט, אַלץ בעסער איז פאַר די הערשער.

פאַר'ן אָרגאַניזאַטאָר זיינען שוין דעמאָלט זיינע אונטערטאַנען ניט בלויז פּראָדוקציאָנס־ווערקצייג, נאָר איבערהויפּט געצייג מיט וועל־כע מען קען שאַפען אַן איבער־פּראָדוקט, א געגענשטאַנד פאַר עקספּלו־אַטאַציע. די פראַגע וועגען א געניגענדער צופרידענשטעלונג פון די באַדערפענישען פון די וואָס אַרבייטען ווערט אָפּגערוקט אויפ'ן צווייטען פּלאַץ, פריהער פון אַלץ קומט די פראַגע ווי אַזוי אַרויסקריגען וואָס מער נוצען פון זיי. כדי אַרויסקריגען וואָס מער נוצען פון זיי,

א. באָגדאַנאָוו

איז נויטיג צו ברענגען זייערע באַדערפעניש‌ען צו א מינימום, און זייער ארבייט צו א מאַקסימום. דער אָרגאַניזאַטאָר איז בכח אונטער די אומשטאַנדען זיך צו באַנוצען מיט גראָבע גוואַלט־מיטלען געגען אַלע ארבייטער, מיטלען וועלכע פלעגען פריהער באַנוצט ווערען בלויז קעגען שקלאַפען. די משפחה־גרופּע, ווערט אינגאַנצען פאַרוואַנדעלט אין א שקלאַפען־באַזיצענדער גרופּע, און שקלאַפען ווערען ביסלעכווייז פאַרוואַנדעלט ניט בלויז די מלחמה געפאַנגענע, נאָר אויך די פריהערדיגע קרובים פון דעם אָרגאַניזאַטאָר; זייער קרובה'שאַפט איז צו דער צייט שוין אַזאַ ווייטע, אז זי ווערט פאַרגעסען. א גאַנצער אָפּגרונט אַנטשטעהט צווישען די פרייע הערשענדע משפחות און די רעכטלאָזע מאַסע שקלאַפען. צו די ערשטע געהערט אַלץ, צו די צווייטע גאָר ניט. דאָס איינציגע וואָס אָט די פריהערדיגע מיטגלידער פון דער גרופּע האָבען איצט צוגעקראָגען איז — די אייגענשאַפטען פון סחורות, א טויטער ווערט.

די דערנידעריגונג פון דער פּערזענליכקייט איז באמת ניט געווען דער איינציגער רעזולטאַט דערפון, וואָס דער מענש איז געוואָרען א סחורה. דער פּאָזיטיווער געווינס דערפון איז געווען וואָס דאָס האָט ביז א געוויסען גראַד פאַרלייכטערט דעם פּראָגרעס פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט. די מעגליכקייט צו קויפען אין מארק אויסגעלערענטע שקלאַפען, וועלכע פלעגען געוויינליך פון אַלעמען געקויפט ווערען זעהר גערען, האָט אויך געמיינט די פאַרשפּרייטונג פון פאַרשיידענאַרטיגען טעכנישען וויסען און מעטאָדען, פון איין באַלעבאַטישקייט אויף דער צווייטער, פון איין לאַנד אין דער צווייטער.

זייט ביי זייט מיט די טיפּישע גרופּען שקלאַפען־אייגענטימער, זיינען נאָך פאַר א גאַנץ לאַנגער צייט פאַרבליבען, קליינע פּאַטריאַרכאַלע גרופּען, וואו קיין שקלאַפען זיינען אינגאַנצען, אדער כמעט ווי ניט געווען. צווישען אָט די צוויי טיפּען פון באַלעבאַטישקייט איז אָבער באמת ניט געווען קיין שום אונטערשייד; ווען א שקלאַפען באַזיצענדע גרופּע איז פאַראָרעמט געוואָרען האָט זי אירע שקלאַפען פאַרקויפט, און איר באַלעבאַטישקייט איז צוריק געוואָרען א ריינע פּאַטריאַרכאַלע, א גרופּע פאַרקערט וואָס האָט פריהער קיין שקלאַפען ניט

געהאַט. האָט זיי געקויפט אזוי שנעל ווי זי איז נאָר אביסעל רייכער געוואָרען. דער אלגעמיינער כאַראַקטער פון לעבען, איז אבער אין יענער צייט באַשטימט געוואָרען דורך די שיכות'ן אין דער שקלאַפען באַזיצענדער גרופּע, ווייל זי איז געווען די עקאָנאָמיש שטאַרקערע.

דאָס צוזאַמענארבייטען און די ארבייטס־צוטיילונג איז אין די גרויסע שקלאַפּען־ווירטשאַפטען באַנוצט געוואָרען אין א גרויסער מאָס. נאָך ארום פינף הונדערט יאָר פאַר דער קריסטליכער צייט־רעכענונג זיינען אין גריכענלאַנד געווען ווערקשאַפּטען אין וועלכע עס האָט האָבען געארבייט שקלאַפּען. אין איטאַליע און סיציליע אנטוויקלען זיך אביסעל שפּעטער גרויסע לאַנדווירטשאַפּטליכע עקאָנאָמיעס, וואו עס טרעפט ניט זעלטען, אז הונדערטער שקלאַפּען זאָלען באַארבייטען דאָס זעלבע פעלד. מען דאַרף דאָ באַמערקען, אז די ארבייטס־צוטיילונג איז זעלטען ווען געגאַנגען איבער א באַשטימטען גרענעץ; דער גרענעץ איז געווען די שאַפונג פון א גאַנצען פּראָדוקט פון יעדען באַזונדערען ארבייטער. די פארשיידענע שטופען אין דער פּראָדוקציע, זיינען בלויז אין זעלטענע פאַלען צוטיילט געוואָרען צווישען פארשיידענע ארבייטער. איבערהויפּט איז דאָס געווען אָפּהענגיג אָן דעם, וואָס דער מאַרק איז נאָך געווען זעהר באַגרענעצט, די נאָכפראַגע איז געווען קליין, און איז ניט בכח געווען ארויסצורופען א מאַסען־פּראָדוקציע, און א פאַרשטאַרקטע ארבייטס־טיילונג ברענגט אירע נוצען איבערהויפּט פאַר א מאַסען־פּראָדוקציע.

מיט דער צייט, מיט'ן וואוקס פון דער שקלאַפּען־ווירטשאַפט, ווערט די אָרגאַניזאַטאָרישע ארבייט אליין צוטיילט. די הערשער הויבען אָן זייער ארבייט איבערגעבען צו אַנדערע, מערסטענס צו אויסגעפּרובירטע און איבערגעגעבענע שקלאַפען. אין אָנפאַנג ווערט דאָס געטאָן פּשוט דערפאַר, ווייל עס איז פאַר איין מענשען ניט מעגליך אכטונג צו געבען אויף א צו גרויסער ווירטשאַפט, שפּעטער אָבער ווערט דאָס שוין געטאָן, אפילו ווען אזא נויטווענדיגקייט איז ניטאָ; די שקלאַפען אייגענטימער טוען דאָס פּשוט כדי צו פאַרזיכערען פאַר זיך א לייכטערען און רוהיגערען אופן צו פאַרנוצען דעם איבער־פּראָדוקט.

א. באַגדאַנאָוו

ב) פּראָדוקציאָנס־שיכות'ן צווישען גרופּען.

וואס אנבאלאנגט די פּראָדוקציאָנס־שיכות'ן צווישען פאַרשיי־דענע גרופּען האָבען זיי זיך בכלל פיל אויסגעברייט. די אומאָרגאַ־ניזירטע ארבייטס־טיילונג צווישען די גרופּען, וואס האָט זיך אויסגע־דריקט אין אויסטויש האָט זיך, אין פאַרגלייך מיט די פריהערדיגע צייטען, אנטוויקעלט אויף א ריזיגען אופן. פונדעסטוועגען האָט דאָס אָבער ארומגעכאַפּט ניט דעם גרעסטען נאָר דעם קלענסטען טייל פון דער געזעלשאַפטליכער פּראָדוקציע.

אויב אין אָנפאַנג איז די שקלאַפען־ווירטשאַפט געווען אַן אויס־שליסליך נאַטוראַלע, איז זי אין איר אַנטוויקעלטער פאָרמע שוין אין א גרויסער מאָס געוואָרען א צוויי־פאַכע. זי האָט געקראָגען דעם כאַראַקטער פון א נאַטוראַלער־אויסטויש־געזעלשאַפט, די באַדערפעני־שען פון די שקלאַפען זיינען כמעט אויסשליסליך, און די באַדערפע־ניש פון די הערשער איז, אין א קלענערער מאָס, באַפרידיגט געוואָרען דורך דער אייגענער ארבייט, א גאַנץ גרויסער טייל אָבער פון די באַ־דערפענישען פון די הערשער איז באַפרידיגט געוואָרען דורכ'ן אויס־טויש. אויף דעם אופן האָט דער אויסטויש איבערהויפּט פאַרכאַפּט די לוקסוס און קאָמפאָרט אַרטיקלען.

טיילוויז א דאַנק אַט דעם כאַראַקטער פון אויסטויש, איז די ראָ־ליע פון געלט אריבערגעגאַנגען צו די „עדעלע מעטאַלען". דאָן האָט געלט צום ערשטען מאָל אָנגענומען די פאָרמע פון א מטבע. די גע־זעלשאַפטליך־עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע וואס איז אנטשטאַנען, דער שטאַט, האָט אויף זיך גענומען די פליכט, עס וועט זיין ריכטיגער צו זאָגען, האָט פאַר זיך פאַרכאַפּט דאָס רעכט, צו גיסען געלט און באַשטימען איר וואָג און פּרייז, און וועלכע זאָלען דינען נאָכער אלס אַלגעמיינע געזעצליכע מיטלען פאַר דער צירקולאַציע פון סחורות.

דער אויסטויש גופא האָט זיך ביסלעכוויז אויסגעטיילט אלס א באַזונדערע באַשעפטיגונג. עס אנטשטעהט א געזעלשאַפטליך סוחרי'־שער קלאַס, וועלכער קויפט סחורה ביי די פּראָדוצענטען און פאַר־

קויפט דאס צו די פארברויכער, און לעבט פון דעם אונטערשייד אין דעם טויש־ווערט צווישען דעם ערשטען און דעם צווייטען מאל.

אין פארגלייך מיט דעם היינטיגען מסחר, איז יענער, פארשטעהט זיך, געווען זעהר אומבאדייטענד. מיר קענען וועגען דעם מיט זיכערקייט אורטיילען אויפ'ן גרונט פון דער סומע געלט וואס איז דעמאלט נויטיג געווען פאר דער צירקולאציע פון סחורות. אפילו אין די בעסטע צייטען איז די פראדוקציע פון גאלד און זילבער אין אזיע און אייראפע, געווען מיט צענדליגער מאל קלענער ווי איצט. די טעכניק פון אויסטויש איז געווען א נידעריגע און אומאנטוויקעלטע, די נאכפראגע אין געלט אויף אויסטויש און מסחר איז ניט אפגעשוואכט געווארען, דורך אט די הויך אנטוויקעלטע מיטלען, וועלכע מיר האבען היינט (פאפיר־געלט, באנק־נאטען, טשעקס א. אז. וו.).

די קרעדיט סיסטעם, אדער ריכטיגער, דער וואכער־געשעפט האט זיך אין יענער צייט אנטוויקעלט גאנץ ברייט — אין דער שאפונג פון די ריזיגע רייכטימער פון די אריסטאקראטען, פריהער אין גריכענלאנד און שפעטער אין רוים, האט דאס געשפילט א געוואלטיגע ראליע.

אין איינקלאנג מיט די אומארגאניזירטע עקאנאמישע שיכות'ן איז אין דער אלטער וועלט אויך פארגעקומען א באדייטענדער פראגרעם אין די ארגאניזירטע פארבינדונגען.

די סמנים פון שטאט, וועלכע האבען זיך אין דער פאטריארכאלער וועלט נאר וואס אנגעהויבען צו באווייזען, אננעמענדיג די פארמע פון קאלעקטיווע אונטערנעמונגען און בשותפות'דיגער יאגד, וואקסען זיך שנעל פונאנדער, ווערען פארוואנדעלט אין ברייטע פאליטישע פאראיינינונגען, וואס נעמען אין זיך אריין צענדליגע מיליאנען מענשען. דער פראגרעם פון דער געזעלשאפטליכער צוטיילונג פון דער ארבייט וואס דריקט זיך אויס אין דעם וואוקס פון אויסטויש, האט באשאפען א באדערפעניש אין אן עקאנאמישער פאראייניגונג, אין פארטיידיגונג און פארלייכטערונג פון די טויש־באציהונגען; אין דער שאפונג פון אלגעמיין אנערקענטע געלט, אין דער שאפונג און באשיצונג פון וועגען און מארקען, כדי צו קאנטראלירען די איינצאלונג פון חובות א. אז. וו. די גרויסע ראליע וואס דער קריג האט געשפילט, אלס מיטעל

א. באַגדאַנאָוו

צו באקומען שקלאַפען און נייע טעריטאָריעס, האָט געשאַפען א באַ־דערפעניש אין א פעסטער ברייטער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע. די שאַרפע צוטיילונג פון דער אַלטער געזעלשאַפט אין צוויי קלאַסען, אין אונטערדריקער און אונטערדריקטע, פון וועלכע דער צווייטער איז געוועזן פיל צאָלרייכער, און דאָס פונאַנדערפאַלען פון דעם ערשטען קלאַס אין באַזונדערע גרופּען, וועמעס אינטערעסען זיינען מערסטענס געווען פיינדליך צו די אינטערעסען פון די אַנדערע גרופּען, האָבען נאָך מער פאַרשטאַרקט די נויטווענדיגקייט צו האָבען א צענטראַליזירטע מיליטערישע מאַכט. דער פּאַרציייטיגער שטאַט האָט אָט די אַלע באַדערפענישען באַפרידיגט.

די אַנטוויקלונג פון פּאַרצייטיגען שטאַט איז געגאַנגען אויף צוויי באַזונדערע וועגען און האָט געבראַכט צו צוויי גאַנץ פאַרשיידענע טיפּען פון געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע.

אין אייניגע פאַלען איז די ברייטע פּאָליטישע איינהייט געוועזן דער רעזולטאַט פון מלחמות. דאָס האָט פּאַסירט ווען עס זיינען גע־ווען צוויי באַדינגונגען: ערשטענס, ווען די באַדינגונגען פון דער אויס־ערליכער נאַטור האָבען נויטיג געמאַכט אַזא ברייטע אָרגאַניזאַציע, ווי צ.ב.ש. ווען דער גאַנצער ערפאָלג פון דער פּראָדוקציע איז געווען אָפּהענגיג פון דער רעגולירונג פון די וואַסערען פון די גרויסע טייכען (די פרוכטבאַרע טאָלען פון חידקל, נילוס און פּרת, כאַ־אַנ־כע, און אַנ־דערע, זיינען געווען די פּלעצער וואו עס איז פריהער אַנטשטאַנען די מאָנאַרכיסטישע דעספּאָטיע). אדער ווען עס איז נויטיג געווען זיך צו פאַראייניגען פאַר א קאַמף געגען די שטענדיגע אָנפאַלען פון א מעכטיגען פיינט; צווייטענס, ווען די אויסטויש־פאַרבינדונגען זיינען נאָך געווען זעהר שוואַך אַנטוויקעלט, נאָך ניט ברייט און פעסט גענוג כדי צו באַשאַפען ברייטע און פעסטע פּאָליטישע פאַרבינדונגען. צווי־שען די פילע מלחמות וואָס זיינען פאָרגעקומען אַם ענדע פון דער פּאַטריאַרכאַלער פּעריאָדע, האָט זיך געוויסע משפחה־גרופּען איינגע־געבען דורך א רייע זיגען, אונטערטעניג צו מאַכען פילע פון זייערע שכנים. אין די ערשטע צייטען פלעגען די באַזיגטע פּשוט אריינגענומען ווערען אין דער גרופּע און פאַרוואַנדעלט ווערען אין

שקלאַפען. שפּעטער ווערט דאָס אוממעגליך, עס וואָלט זיך געבילדעט א צו גרויסע ווירטשאַפט, וואָס איין מענש וואָלט איהר ניט געקענט פאַרוואַלטען. אין דעם פאַל הויבען די באַזיגטע אָן צו ווערען פּאָלי־טיש אונטערטעניג צו די זיגער ד.ה. זיי אַנערקענען די אויבערמאַכט פון די זיגער און צאָלען זיי טריבוט. אין אירע אינערליכע אנגעלע־גענהייטען פאַרבלייבט די באַזיגטע גרופּע אויך אויף ווייטער פאַר־העלטניסמעסיג אומאַפּהענגיג.

די סאָציאַלע גרופּע איז אויף אַזאַ אופן, אַלץ מער פונאַנדערוואַק־סענדיג זיך, פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ ריזיגען דעספּאָטישען שטאַט פון דער אַלטער וועלט. אַ ביישפּיל זיינען די שטאַטען פון אַלטען מצרים, אשור, בבל, פּערסיע און אנדערע. די מאַכט פון דעם דעס־פּאָט איז אין זיי געווען די אומבאַגרענעצטע מאַכט פון דעם פּאַטריאַרד. צווישען דעם דעספּאָט און דעם פּשוט'ען שקלאַפען־אייגענטימער זיי־נען געווען פיל איבערגאַנגס־שטופען, די סאַטראַפּען, באַאַמטע א. אַז. וו. און יעדער באַאַמטער איז געווען פּונקט אַזאַ מעכטיגער הערשער איבער די נידעריגערע באַאַמטע אויף וועמעס ארבייט ער האָט גע־דאַרפט אכטונג געבען. דער אַלגעמיינער טיפּ פון דער אָרגאַניזאַציע פון אַזוינע שטאַטען, איז אומעטום געווען דער זעלבער.

אַ גאַנץ אנדער כאַראַקטער האָבען געהאַט די פאַרצייטיגע שטאַ־טען וואָס זיינען אַנטשטאַנען דורך די פעסטע און ברייטע אויסטויש־פאַרבינדונגען צווישען די באַזונדערע גרופּען. דאָס זיינען געווען פרייע פאַראייניגונגען פון גלייכבאַרעכטיגטע גרופּען, פאַראייניגונגען וואָס האָבען געהאַט צום צוועק געמיינשאַפטליכע מיליטערישע אונ־טערנעמונגען און די באַשיצונג פון אויסטויש און פּריוואַט אייגענ־טום.

דורך דער געזעלשאַפטליכער צוטיילונג פון דער ארבייט, און די אַלגעמיינע אונטערנעמונגען אין וועלכע די פאַרשיידענע גרופּען האָ־בען זיך באַטייליגט, זיינען אַט די פאַרבינדונגען צווישען די גרופּען אַלץ מער געוואַקסען און זיך פאַרשטאַרקט, זייער פאַראייניגונג איז כסדר געוואָרען פעסטער און ענגער.

די אַלגעמיינע אַנגעלעגענהייטען זיינען געלעגען אין די הענט פון

א. באַנדאַנאָוו

דעם ראַט פון די עדעל־לייט און פון זייערע דערוויילטע פאַרשטעהער, וועלכע פלעגען סיי ווי בלייבען אונטער'ן קאָנטראָל פון דעם ראַט. אין די אינערליכע אַנגעלעגענהייטען פון דער גרופּע, איז יעדער עלטס־טער פון דער משפחה פאַרבליבען פונקט ווי פריהער, דער פולער הער־שער. וואָס אַנבעלאַנגט די שקלאַפען, האָבען זיי, פאַרשטעהט זיך, ניט גענומען קיין שום אַנטייל אין די געזעלשאַפטליכע ענינים. אַזוי האָבען אויסגעזעהען די פילע רעפּובליקען פון אַלטען גריכענלאַנד און טיילווייז אויך פון איטאַליע.

צוליב דער גרויסער צאָל מלחמות וואָס פלעגען פאָרקומען אין יענער צייט, איז דער צווייטער טיפּ אָרגאַניזאַציע געווען ניט זעהר שטאַרק, און ניט זעלטען פלעגט ער פאַרביטען ווערען אויף דער אָר־גאַניזאַציע פון ערשטען טיפּ. מלחמה פאָדערט אַ שטרענגע איינהייט פון מאַכט, און אין די אַריסטאָקראַטישע רעפּובליקען איז דאָס שווער געווען אויסצופירען. אויף אַזאַ'ן אופן, איז דורך די פילע מלחמות דאָס רעפּובליקאַנישע רוים פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין דעם רוים פון די צעזאַר'ען. אויסער דעם פלעגט צו אַזאַ ענדערונג אָפט ברענגען די אינערליכע רייסערייען און בירגער קריגען, וואָס זיינען געווען דער רעזולטאַט פון די באַזונדערע עקאָנאָמישע אינטערעסען אין דער גע־זעלשאַפט. פילע פון די גריכישע רעפּובליקען זיינען מער ווי איין מאָל פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין דעספּאָטיעס; ווען די קליינע שקלאַפען־אייגענטימער, די פּויערים, די בעלי מלאכות און די סוחרים פלעגען אַרויסטרעטען אין קריג קעגען די פאַראייניגטע גרויסע שקלאַפען־באַזיצער און קעגען דער אַריסטאָקראַטיע, פלעגען זיי זיך מערסטענס שטעלען אונטער דער פאַן פון אַ קיסר אָדער טיראַן, ווייל דורך אַ שטרענגער צענטראַליזאַציע פון כחות, האָבען זיי געקענט דערוואַרטען צו דערגרייכען צופרידענשטעלענדע רעזולטאַטען.

בכלל איז דער שטאַט פון דער אַלטער וועלט געווען אַן אָרגאַני־זאַציע פאַר דער אויסערליכער און אינערליכער באַשיצונג פון די עק־זיסטירענדע עקאָנאָמישע באַציהונגען, און פון די אינטערעסען פון די שקלאַפען־אייגענטימער.

3) די הויפּט שטריכען פון דער געזעלשאַפטליכער פּסיכאָלאָגיע פון דער אלטער וועלט.

א) די לאַגע פון דעם יחיד אין דער גרופּע און געזעלשאַפט.

די שטופענווייזע פארוואַנדלונג פון דעם פּאַטריאַרך אין א שקלאַפען־אייגענטימער, און דעם שקלאַפען־אייגענטימער פון אַן אָרגאַניזאַטאָר פון דער פּראָדוקציע אין א פּאַראַזיט, האָט מיט זיך געבראַכט אויך אַן ענדערונג אין דעם בליק אויף דעם פּראָדוצענט און אויף די פּראָדוקטיווע אַרבייט בכלל. די אַכטונג און דער אינטע־עס צו דער פּראָדוקטיווער אַרבייט זיינען אינגאַנצען פארשוואונדען, און זייער פּלאַץ האָבען פארנומען גאַנץ אַנדערע באציהונגען. עס וועט ניט שאַדען דאָ צו כאַראַקטעריזירען יענע צייט פון דעם געזעלשאַפטליכען דענקען אין זיין פולער אַנטוויקלונג, אין דער עפּאָכע פון דער סיסטעם פון שקלאַפען ווירטשאַפט.

אין יענער צייט איז באַשאַפען געוואָרען אַזאַ סאָרט קלאַסיפיקאַציע פון די מיטלען פון פּראָדוקציע:

1) שטומע, טויטע ווערקצייג*), ווי צ. ב. ש. די האַק, דער וואַרשטאַט א. א. וו.

2) לעבעדיגע געצייג**), וועלכע קאָנען האַלב אויסדריקען זייערע געפילען דורך קלאַנגען. דאָס זיינען די הויז חיות, און:

3) די געצייג וואָס זיינען באַשאַנקען מיט דער פעהיגקייט צו רעדען***). דאָס זיינען די שקלאַפען.

ד ע ר בליק איז אַרויסגערופען געוואָרען נויטווענדיגערווייזע אין די געדאַנקען פון די פאַרצייטיגע מענשען, דורך דער עקאָנאָמישער אָרדנונג, וואָס האָט דאַן געהערשט. די פּראָדוקציאָנס סיסטעם איז

*) Instrumenta Muta.
**) Instrumenta semivocalia.
***) Instrumenta vocalia.

א. באָגדאַנאָוו

געווען באַגרינדעט אויף די פּאַקטישע באַציהונגען פון איין מענשען צום צווייטען, ווי צו א געצייג; און אויף צו פּאַרכאַפּען א פרעמדען מיט'ן צוועק אויסצונוצען זיין ארבייטס־כח.

ניט וויסענדיג פון קיין אַנדער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג, האָבען די מענשען פון יענער צייט געהאַלטען, אַז די שקלאַפעריי איז נאַטיר־ליך און אומפאַרמיידליך, עס איז א נאַטור געזעץ. פון אזא בליק האָבען זיך ניט געקענט באַפרייען אפילו די געבילדעטסטע מענשען פון יענער צייט. „די נאַטור שאַפט איין מענשען צו זיין פריי און א צווייטען צו זיין א שקלאַף" (אריסטאָטעל, „פּאָליטיק"). פּלאַטאָן, וועלכער איז געווען איינער פון די נאָבעלסטע דענקער פון אַלטערטום, שאַפענ־דיג זיין פּלאַן פון א פּאַלקאָמען אידעאַלען שטאַאַט, האָט ניט איינ־געזעהן קיין מעגליכקייט ווי אזוי מען קען אויסקומען אָהן שקלאַפען־ארבייט (דאָס איז אָבער נאָך מער פאַרשטענדליך, ווען מען האָט אין זינען, אַז פּלאַטאָנ'ס „רעפּובליק" איז בעצם אַן אידעאַליזאַציע פון דער ספּאַרטאַנישער געזעלשאַפט).

אויב מיט די שקלאַפען איז מען זיך ניט אַלע מאָל באַגאַנגען ברוטאַל, האָט מען אָבער פונדעסטוועגען זיי אַלץ ניט באַטראַכט פאַר מענשען. אויסער דעם, איז די באַהאַנדלונג פון די שקלאַפען געוואָרען אַלץ ערגער און ערגער, וואָס מער עס האָט זיך אַנטוויקעלט דער אויסטויש און עס איז געוואַקסען דער חשק רייך ווערען; די עקס־פּלואַטאַציע פון די שקלאַפען ווערט אין יענער צייט א סך שטאַרקער.

אין די געגענזייטיגע באַציהונגען צווישען די שקלאַפען האָט גע־הערשט גלייכהייט, פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס איז געווען גלייכהייט אין רעכטלאָזיגקייט. אָבער וואָס מער די באַלעבאַטים האָבען אָנגעהויי־בען איבערצוגעבען די פאַרוואַלטונג פון געוויסע ארבייטען אין די הענט פון איינצעלנע שקלאַפען, הויבט אַן וואַקסען די מאַכט פון איין שקלאַף איבער'ן צווייטען.

די פאַמיליע פון דעם שקלאַף איז געשאַפען געוואָרען אָדער צו־שטערט געוואָרען, לויט ווי דעם באַלעבאָס האָט זיך געלוינט.

די אויסרעכענונגען פון די הערשער האָבען אויך באַשטימט דעם סכום פון לעבענס מיטלען, וואָס דער שקלאַף האָט באַקומען. וואָס

פאָליטישע עקאָנאָמיע

מער עס האָט זיך אַנטוויקעלט און גרויס געוואָרען דער האַנדעל מיט שקלאַפען, אַלץ ווענינער האָט זיך געלוינט צו זאָרגען פאַר דעם וואָל־זיין פון שקלאַף, און בעסער זעהן אַרויסצוקריגען פון אים וואָס מער אַרבייט. אויף אַזאַ'ן אופן האָט זיך דער שקלאַף שנעל „אויסגע־אַרבייט" און איז פאַרביטען געוואָרען אויף אַ פרישען, וואָס האָט גע־קאָסט ניט זעהר פיל. פאָלגליך הייסט דאָס, אַז אויך די לענג פון דעם שקלאַפ'ס לעבען איז באַשטימט געוואָרען דורך די אויסרעכענונגען פון זיין באַלעבאָס, פונקט ווי דער באַלעבאָס האָט רעגולירט די גע־בורט פון זיינע שקלאַפען.

אונטערטעניגקייט, דערנידעריגקייט, טעמפקייט — דאָס זיינען די הויפט כאַראַקטער שטריכען פון דער שקלאַפען פסיכאָלאָגיע, וועל־כע איז געווען דער דירעקטער רעזולטאַט פון זייערע לעבענסבאַדינגונ־גען. עס איז ניט געווען קיין שום מעגליכקייט פאַר אַנטוויקלונג, און די אידעע פון קאַמף איז פאַרשוואונדען. בלויז אין אויסנאַמס־פאַלען, אונטער אויסנאַמס־באַדינגונגען, פלעגען אַמאָל פאַרקומען שקלאַפען־אויפשטאַנדען. געוויינליך פלעגט דאָס פּאַסירען אין אַזוינע פאַלען ווען, אָדער דער כאַראַקטער פון דער אַרבייט גופא האָט נויטיג געמאַכט אַן ענגע פאַרבינדונג צווישען די שקלאַפען (די ערד־אַרבייטער שקלאַפען אין סיציליע, צום ביישפיל, וועלכע פלעגען אַרבייטען צו עטליכע הונ־דערט צוזאַמען, צוגעשמידט איינער צום צווייטען), אָדער ווען די שקלאַפען האָבען אַנטוויקעלט אַן אויסערגעוויינליכע ענערגיע (ווי די גלאַדיאַטאָרען אין אַלטען רוים, דאָ האָט צווישען אַנדערם אויך גע־שפּילט אַ ראָליע, וואָס די גלאַדיאַטאָרען זיינען מערסטענס געווען שקלאַפען אין ערשטען דור, און ניט קיין קינדער פון שקלאַפען, וואָס האָבען פון קיין פרייהייט קיין מאָל ניט געוואוסט). אַזוינע אויפשטאַנדען פלעגען אונטערדריקט ווערען אויפ'ן ברוטאַל־סטען אופן, דורך דער פאַרניכטונג פון וואָס מער פון די בונטאָוו־שטשיקעס.

איבער דער מאַסע רעכטלאָזע שקלאַפען איז געשטאַנען די משפחה פון דעם הערשער. אַבער אויך אויף דער אָרגאַניזאַציע פון דער משפחה האָט די שקלאַפערייַ אַרויפגעלייגט איר שטעמפּעל. ניט נאָר איז אין

א. באָגדאַנאָוו

איר פאַרבליבענע און אָפּגעהיט געוואָרענע די געוויינליכע מאַכט פון דעם פּאַטריאַרך איבער אַלע אַנדערע מיטגלידער, וועלכע איז דערגאַנגען ביז דאָס רעכט איבער לעבן און טויט. נאָר דער הויפּט פון דער פאַמיליע האָט אויך געהאַט דאָס רעכט צו פאַרקויפן זיינע קינדער פאַר שקלאַפן. אפילו אין די בליהענדסטע צייטן פון דער אַלטער וועלט, זיינען אַזוינע פאַקטן ניט געווען קיין זעלטענהייט. אָבער הגם, לויט איר אומבאַגרענעצקייט, האָט זיך די מאַכט פון פאָטער איבער זיינע קינדער ניט פיל אונטערשיידעט פון דער מאַכט פון שקלאַפן־אייגענטימער איבער זיינע שקלאַפן, פונדעסטוועגן זיינען דאָ די ערשטע באַציהונגען געווען באַדייטענד מילדער ווי די צווייטע.

וויטער — איבער דער משפּחה שטעהט דער שטאַט. די שיכות'ן צווישען שטאַט און דעם פרייען מענשען זיינען געווען גאַנץ פאַרשיידענאַרטיגע. עס האָט זיך געווענדט אָן דעם טיפּ פון דער אָרגאַניזאַציע פון שטאַט.

אין אַזיאַטישע דעספּאָטיעס איז יעדער איינצעלנער אונטערטאַן דעם שטאַט אַ שקלאַף. עקאָנאָמיש פלעגט זיך דאָס אויסדריקען אין דעם, וואָס די שטאַטליכע ווירטשאַפט פלעגט עקספּלואַטירען די פּריוואַטע ווירטשאַפטען דורך דער זאַמלונג פון ריזיגע טריבוטען און שטייערען. יורידיש פלעגט זיך דאָס אויסדריקען אין דער פולער רעכטלאָזיגקייט פון דעם איינצעלנעם געגען אפילו דעם קלענסטען שרייפעל פון דער שטאַטליכער מאַשין, וואָס האָט געדינט פאַר אויפמאָנען די שטייערען. די גרויסע מערהייט פון דער באַפעלקערונג האָט בכלל ניט געפירט קיין בירגערליכען לעבען. וואָס פאַלקאָמענער עס איז געוואָרען די אָרגאַניזאַציע פון די שטאַטס באַאַמטע, אַלץ שווערער איז געוואָרען דער יאָך, וואָס די באַפעלקערונג האָט אויף זיך געמוזט טראָגען. אַנשטאַט בלויז אויספירען דעם ווילען פון דער העכערער מאַכט, און דינען אַלס ווערקצייג פאַר דער עקספּלואַטאַציע פון דער באַפעלקערונג, האָבען די באַאַמטע אָנגעהויבען אַליין צו לעבען זייער אייגענעם לעבען און עקספּלואַטירען דער באַפעלקערונג פאַר זייער אייגענעם נוצען. ד י ענדערונג איז פאָרגעקומען דורך דעם, וואָס די העכערע טיילען פון דער אַזיאַטישער ביוראָקראַטיע, האָבען

פּאָליטישע עקאָנאָמיע

אַלץ מער איבערגעגעבן זייערע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַטאָרישע טעטיגקייטן צו די נידעריגערע קלאַסן, ווערענדיג דורך דעם פאַרוואַנדעלט פון פּראָדוקטיווע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט אין פּאַראַזיטן, אַזוי ווי עס זיינען געווען די שקלאַפן־אייגענטימער פון גריכענלאַנד און רוים. אויסער דעם, זאָרגענדיג פאַר די צוקונפטיגע דורות, האָט די ביוראָקראַטיע געזוכט צו שאַפן פאַר זיי אַזויפיל נוצלאַזע עמטער ווי מעגליך. אין מאַנכע אַזוינע מזרח־דעספּאָטיעס, ווי אין כינע און פּערסיע, איז די מאַכט פון דעם אַדמיניסטראַטיישען אַפּאַראַט געוואָרען די אורזאַך פון אַ גרויסער עקאָנאָמישער און יורידישער אונטערדריקונג.

אונטער אַזוינע אומשטאַנדען איז די אַנטוויקלונג פון דער פּערזענליכקייט געווען אוממעגליך, ניט בלויז פאַר די שקלאַפן; דער גייסטיגער צושטאַנד פון די הערשער האָט זיך ניט פיל אונטערשיידט פון זייערע שקלאַפן.

גאַנץ אַנדערש איז געווען די לאַגע פון דעם יחיד אין די שטאַטן פון דעם אייראָפּעאישען טיפּ.

דאָרט איז די פּערזענליכקייט ניט אונטערדריקט געוואָרען. די פאָרמע פון דער שטאַטליכער אָרגאַניזאַציע גופא האָט דערצו ניט דערלאָזען. אין אַנפאַנג האָט זיך אפילו יא איינגעגעבן די רייכסטע און מעכטיגסטע שקלאַפן־באַזיצער צו מאַכען אונטערטעניג צו זיך די מאַסע אָרעמע בירגער, די ערד־אַרבייטער און בעלי מלאכות. די עקאָנאָמישע אָפּהענגיגקייט פון די לעצטע פלעגט זיך געוויינליך אויסדריקען אין דעם, וואָס זיי זיינען געווען בעלי חובות צו די רייכע, די פּאָליטישע — אין דעם וואָס זיי האָבען געשפּילט אַ גאָר קליינע ראָליע אין דער פאַרוואַלטונג פון שטאַט. ווען אָבער די אַנטוויקלונג פון די אויסטויש־באַציהונגען האָט פאַרשטאַרקט די געגענזייטיגע פאַרבינדונג פון די פאָלקס מאַסען (דעמאָס), איז אויף דער סצענע אויפגעטראָטען אַ נייע גרופּע — די סוחרים, דאַן האָבען זיך די פאָלקס מאַסען (דעמאָס) פאַרבונדען געגען דער גרויסער אַריסטאָקראַטיע, און האָבען אָנגעהויבען פירען אַ ביטערען קאַמף פאַר זייער פּאָליטישע רעכט און פאַר די עקאָנאָמישע פּריווילעגיעס, וואָס זיינען מיט זיי געווען

פאַרבונדען. דער קאַמף האָט זיך פאַרענדיגט מיט דעם זיג פון דער דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט באַקומען פולע פּאָליטישע גלייכבאַרעכ־טיגונג.

עס איז שווער צו געפינען אין דער געשיכטע נאָך א ביישפּיל פון אזא גלענצענדער פונאַנדערבליהונג פון בירגערליכען לעבען ווי אין אַטהען, אין זעקסטען און פינפטען יאָרהונדערט פאַר דער קריסט־ליכער צייט רעכענונג. גלייכהייט פאַר דעם געזעץ איז געווען פאָלקאָם; אין דער פאַרוואַלטונג פון שטאַט און אין אַלע שטאַטליכע ענינים, האָט יעדער בירגער געמעגט שטימען און נעמען אַן אַנטייל. עס איז געגאַנ־גען אַזוי ווייט, אַז מאַנכע עמטער זיינען איבערגעגעבען געוואָרען צו מענשען ניט דורך וואַלען, נאָר פּשוט דורך גורל־וואַרפען; אויף אַזוי־ווייט איז די רעפּובליק געווען דעמאָקראַטיש. דאָס איז אָבער בלויז געווען דער אויסערליכער אויסזעהן פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען.

הינטער די עטליכע צענדליג טויזענט מענשען, וואָס האָבען זיך פריי אַנטוויקעלט אין דער אַטמאָספערע פון א ברייטען פרייען בירגערליכען לעבען, זיינען געשטאַנען הונדערטער טויזענטער שקלאַפען, רעכטלאָזע און אונטערדריקטע „לעבעדיגע ווערקצייג“. דער עיקר פון דער פּאָליטישער טעטיגקייט פון די פרייע בירגער איז באַשטאַנען אין טיילען זיך מיט דעם רייכטום וואָס די שקלאַפען האָבען געשאַפען און וואָס איז פון זיי אַוועקגערויבט געוואָרען.

אַזוי איז דאָס אויך געווען אין אַלטען רוים. אין פאַרלויף פון עטליכע דורות, האָט די דעמאָקראַטיע — די פּלעבעער — געקעמפט מיט די העכערע קלאַסען, מיט די פּאַטריצער — פאַר די זעלבע עקאָ־נאָמישע צוועקען, ווי די אַטהענישע דעמאָקראַטיע. טריט נאָך טריט, מיט אַן אויסערגעוויינליכער ענערגיע, האָט זי געצוואונגען די מעכטיגע אָרגאַניזירטע געגנער צו מאַכען הנחות. אָבער אין דער גאַנצער צייט פון קאַמף האָט זיך אפילו איין שטימע ניט געהערט פאַר דער פאַרבע־סערונג פון די לעבענס־באַדינגונגען פון די שקלאַפען. אין דער הינ־זיכט איז קיין שום אונטערשייד ניט געווען צווישען דעם זעלבסט־גייציגען דעמאַגאָג און די ריינסטע אומאַפּיסטען, ווי די גראַקכען, צ.

ב. ש., וועמעס גאַנצער לעבען איז אַוועקגעגעבען געוואָרען אין קאַמף פאַר די „פּאָלקס" אינטערעסען.

אונטערפירענדיג דעם סך הכל וועגען דער לאַגע פון דעם יחיד אין דער געזעלשאַפט פון אַלטערטום, קען מען זאָגען דאָס פאָלגענדע: פאַר'ן שקלאַף איז ניט געווען קיין שום מעגליכקייט צו אַנטוויקלען זיך, אַנשטאַט דעם זיינען געווען אַלע נויטיגע מיטלען פאַר זיין דעגראַדאַציע. פאַר די הערשער אין די מזרח לענדער, וואו דער אויסטויש איז געווען נאָד גאָר שוואַך אַנטוויקעלט, זיינען די באַדינגונגען פאַר אַנטוויקלונג ניט פיל בעסער געווען; אין די מערב־געזעלשאַפטען פאַרקערט, וואו דער אויסטויש איז געווען גאַנץ ברייט אַנטוויקעלט, האָט די פרייע פערזענליכקייט געהאַט געגוג פּלאַץ פאַר איר פולער אַנטוויקלונג.

ב) די געזעלשאַפטליכע פאָרמען פון זייער וועלט־אַנשויאונג.

איצט דאַרפען מיר באַטראַכטען די פראַגע אויף וויפיל האָט די געזעלשאַפטליכע פסיכאָלאָגיע פון דער שקלאַפען־עפּאָכע געקענט דינען אַלס מאַטעריאַל פאַר דער ווייטערער טעכנישער און עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט.

וואָס אַנבעלאַנגט די פסיכאָלאָגיע פון די שקלאַפען, וועלען מיר וועגען דעם ניט פיל קענען זאָגען: איר ענגקייט און באַגרענעצטקייט און גוואַלדיגע אָרעמקייט, זיינען אויסער יעדען צווייפעל. דאָס איז אויך פאַרשטענדליך, אויב מיר האָבען נאָר אין זינען, אַז יענע מענשען זיינען פאַקטיש געווען ניט מער ווי ווערקציי. זוכען ביי זיי עלעמענטען פון אַנטוויקלונג איז איבעריג, דער גייסטיגער לעבען פון יענע מענשען איז אפילו אין בעסטען פאַל (צ. ב. ש. ביי די געלערנטע שקלאַפען). געווען ניט מער ווי אַ שוואַכער אָפּשיין פון דעם גייסטיגען לעבען פון זייערע הארען.

אין אַ גאַנץ אַנדער לאַגע האָט זיך געפונען דער הערשענדער קלאַס; ביי זיי איז די פסיכאָלאָגישע אָרעמקייט שוין ניט געווען קיין

א. באַגדאַנאָוו

אומפארמיידליכע זאך. די אָרגאניזירטע טעטיגקייט פאָדערט בכלל א געוויסע מאס פון גייסטיגער אנטוויקלונג, בפרט נאך ווען די עקספּלואַטאַציע פון די שקלאַפן האט די הערשער געגעבען אַלע מעגליכקייטען און גענוג צייט, ניט נאָר פאר פארשיידענע פארגעניגענס, נאָר אויך פאר גייסטיגער אַנטוויקלונג.

אין דער לאנגער עפּאָכע, ווען עס האט געהערשט די שקלאַפען ווירטשאפט, געפינען מיר א גאנצע רייהע פון געזעלשאַפטליכע צושטאנדען, וועלכע אונטערשיידען זיך גאנץ באדייטענד. פארגלייכענדיג דעם צושטאנד פון דעם גייסטיגען לעבען אין פארשיידענע צייטען פון יענער עפּאָכע, ביי פארשיידענע פעלקער, קען מען געפינען אַלע איבערגאנגס-שטופען פון פולסטען בארבאריזם ביז צו דער שטופע פון ציוויליזאציע, וועלכע האט געהערשט אין גריכענלאנד און רוים, אין דער צייט פון זייער בליהונג.

עס איז ניט נויטיג זיך אפּצושטעלען אויף דעם פסיכישען לעבען פון די הערשענדע קלאסען פון אזוינע געזעלשאַפטען, וועלכע זיינען באַגרינדעט געוועזן אויף שוואַכע אויסטויש פארבינדונגען און זיינען געוועזן אָרגאניזירט לויט'ן מוסטער פון די מזרח דעספּאָטיעס; אויף א געוויסער שטופע פון זייער אנטוויקלונג איז ביי זיי כמעט אינגאנצען פארשוואונדען דער אונטערשייד אין דער פּסיכאָלאָגיע פון האר און שקלאַף. ביידע לײדען פון ענליכע אונטערדריקונגען, און דאס שאפט ביי זיי אן ענליכע פּסיכאָלאָגיע, אן ענגען, אן אינהאַלטסלאָזען און אומבאוועגליכען אופן פון דענקען. דער אונטערשייד אין דער פּסיכאָלאָגיע פון האר און שקלאַף איז אזוי אומבאדייטענד, אז עס לוינט זיך דארויף ניט אפּשטעלען.

א גאנץ אנדער בילד האבען מיר פאר זיך אין די געזעלשאַפטען, וועלכע האבען דערגרייכט א באדייטענדע שטופע פון אנטוויקלונג פון אויסטויש. די פרייע, ווייט פארצווייגטע אויסטויש-פארבינדונגען, ברייטערען אויס דעם מענשענס גייסטיגען האריזאָנט, זיי גיבען אים אן אָנרעגונג פאר דערקענטעניש, זיי באפרייען זיין געדאַנק פון דער פארשטיינערטקייט אין וועלכער ער האט זיך געפונען אין די פריהערדיגע נאַטוראַל-ווירטשאפטליכע גרופּען. דער פּסיכישער מאַטעריאַל

וואקסט אויס און ווערט פארשיידענארטיגער. דאס וואס עס איז ניטא קיין אויסערליכע אונטערדריקונג פון איין זייט, און די פארהעלטניס־מעסיג קליינע מאכט פון דער נאטור איבער'ן מענשען פון דער צווייטער, שאפען א באדען פאר א באשטימטער שטופע פון מענשליכען דענקען און פאר אן אינטענסיווער דערקענטעניש־טעטיגקייט.*)

די קלאסישע וועלט האט פאר דער צייט פון איר עקזיסטענץ דערגרייכט צו א גאנץ הויכער שטופע אין דער אנטוויקלונג פון איר דערקענטעניש טעטיגקייט. אבער — איז אט דער פראגרעס געגאנגען אין דער ריכטונג וואס איז גינסטיג פאר דער אנטוויקלונג פון דער טעכניק און עקאנאמיק? איז אט די טעטיגקייט געווען נוצליך אין דעם אוממיטעלבארען קאמף מיט דער נאטור; אין דעם קאמף צו קריגען די מאכט איבער דער נאטור?

דא מוזען מיר אונטערשיידען צוויי באזונדערע מדרגות אין דעם לעבען פון דער קלאסישער וועלט. כל זמן דער גרויסער שקלאפען־באזיצער איז פאקטיש פארבליבען דער ארגאניזאטאר פון דער פראדוקציע פון דער גאנצער גרופע, און צוזאמען מיט אים זיינען נאך אויך געווען פרייע פויערים און בעלי מלאכות, איז דער געזעלשאפטליכער דענקען געווען געווענדעט אויף צו באקומען וואס מער פראקטישען וויסען. אמת, דאס איז געווען אין די אורעלטע צייטען פון דער שקלא־

---

*) דער נאטוראלער פעטישיזם הויבט אליין מער אן אפטרעטען אן א זייט, בלויז אין מאנכע „ווינקלען" פארבלייבט ער. אלץ וואס פון אים בלייבט איבער זיינען די געצענדינערישע רעליגיע, די מעטאפיזישע אויפפאסונג פון די לעבענס־ערשיינונגען און בכלל פון די מער קאמפליצירטע ערשיינונגען. אין דער רעליגיע פון דעם אלטערטום ווערען פעטישיסטיש פארגעטערט די אומבאזיגטע, און פאלגליך די אומדערקלערטע, נאטירליכע ערשיינונגען, און שפעטער אויך די אומבאוואוסטזיניגע מאסען־ערשיינונגען פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען. די מעטאפיזיק, וועלכע דערקלערט ערשיינונגען דורך די פארשיידענע „כחות, וואס זיינען הינטער זיי באהאלטען", איז בלויז א מער אבסטראקטע פארמע פון אנימיזם. עס פארשטעהט זיך, אז אין דער פסיכיק פון די געזעלשאפטליכע עלעמענטען, וואס זיינען עקאנאמיש שוואכער (דעמאס, פלעבעער, און שפעטער די פראלעטאריער) פארנעמט דער אנימיזם און די מעטאפיזיק אימער א גרעסערען ארט, ווי אין דער פסיכיק פון די העכערע קלאסען.

א. באַגדאַנאָוו

פען־ווירטשאַפטליכער קולטור, ווען די כחות פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער דערקענטעניש זיינען געווען גאַנץ אומבאַדייטענד, און דער כח פון דעם פּאַטריאַרכאַלען מנהג האָט נאָך באַדייטענד געדריקט די מחות; דער פּראָגרעס פון דעם פּראַקטישען וויסען האָט דאַן, פאַלגליך, געקענט אַנגעהן בלויז זעהר לאַנגזאַם. אין פאַרגלייך אָבער מיט די פריהערדיגע צייטען, איז אַט דער לאַנגזאַמער גאַנג געווען אַ גוואַלטיג שנעלער. אין פאַרלויף פון בלויז אייניגע יאָר־הונדערטער זיינען געמאַכט געוואָרען אַ סך טעכנישע אויסבעסערונגען און ערפינדונגען. ביז דער לעצטער עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער אַלטער וועלט, האָט זיך ביי זיי אַנגעזאַמעלט אַ גאַנץ גרויסער זאַפּאַס פון פּראַקטישען וויסען, און אין מאַנכע פאַלען איז די פּראָדוקציע געווען גאַנץ צוועקמעסיג אַוועקגע־שטעלט און באַגרינדעט אויף אַ פאַרהעלטניסמעסיג טיפער באַקאַנט־שאַפט מיט דער גזעצמעסיגקייט פון די ערשיינונגען (ווי צ. ב. ש. די אינזשענירען אַרבייט, אַרכיטעקטור און די באַאַרבייטונג פון מעטאַ־לען).

אין דער נאָכפאָלגענדער מדרגה, ווערט די ראָליע פון דעם גרוי־סען שקלאַפען־באַזיצער, אין דער פּראָדוקציע, שנעל פאַרקלענערט. די גאַנצע אָרגאַניזאַטאָרישע טעטיגקייט ווערט אַרויפגעוואָרפען אויף די פּלייצעס פון אַ קליינער טייל שקלאַפען. (און באַדינער זיינען אַזוי גוט ווי שקלאַפען). גלייכצייטיג פאַרניכטעט די אַנטוויקלונג דעם קלאַס פון פּויערים און בעלי מלאכות, פאַרוואַנדלענדיג זיי אין לומפען־פּראָ־לעטאַריער. (ווי אַזוי האָט דאָס פּאַסירט, וועלען מיר קלאָר מאַכען שפּעטער). עס איז געווען נאַטירליך, אַז די ריכטונג אין וועלכער עס איז געגאַנגען דער געדאַנק ביי די הערשענדע קלאַסען זאָל זיך ענדע־רען. ער ווערט אָפּגעריסען פון דעם אוממיטעלבאַרען קאַמף מיט דער נאַטור און פון דער פּראָדוקציע, ער געהט איבער אין די „העכערע ספערען“. פּונקט ווי די געזעלשאַפטליכע ראָליע פון די הערשער ווערט צוריקגעפירט בלויז צום פאַרברויך, אַזוי ווערט אויך זייער גייסטיגע טעטיגקייט צוריקגעפירט בלויז צו ראַפינירטע זעלבסט־צופרידענ־שטעלונג.

דער אינטערעס צו טעכנישע וויסענשאַפטען, וואָס קענען די־

רעקט דינגען דער פּראָדוקציע, ד. ה. פאַרלייכטערען די ארבייט פאַר די שקלאַפען, ניט פאַר די הערשער, פאַרשווינדט אינגאַנצען. דער פּראָגרעס פון די נאַטור וויסענשאַפטען שטעלט זיך אָפּ אויף דעם שוואַכען אנהויב, וואָס זיי האָבען געמאַכט, ווייל די הערשער האָבען דאָס געהאַלטען פאַר נידריגער פון זייער ווירדע צו פאַרנעמען זיך מיט באָאָבאַכטונגען פון אַלטעגליכען לעבען. ווענען די סאָציאַלע וויסענשאַפטען איז שוין אָפּגערעדט; פאַר זייער ערשטען אָנפאַנג קען מען רעכענען די אויבערפלעכליכע געשיכטעס וועגען העלדען און מלחמות. מיט דער אויספאָרשונג פון 'ער מאַטעריעלער און עקאָנאָמישער קולטור, האָט מען זיך בכלל ניט פאַרנומען, ווייל דער געגענשטאַנד פון אַזא אויספאָרשונג איז דאָך אַזא אומוויכטיגע און נידריגע זאַך ווי פּראָדוקציע. אָט דער אַריסטאָקראַטיזם פון געדאַנק איז געווען די אָפּשפּיגלונג פון דער אומבאַגרענעצטער מאַכט פון די הארען איבער די שקלאַפען.

מיט אַ באַזונדערען חשק האָבען זיך די מענשען פון אַלטערטום פאַרנומען מיט די אַבסטראַקטסטע פון די נאַטור־וויסענשאַפטען, מיט מאַטעמאַטיק און לאָגיק. פון די מער קאָנקרעטע וויסענשאַפטען איז געאַכטעט געווען די אַסטראָנאָמיע, וועלכע האָט דאָך צו טאָן מיט עפּעס אַ העכערען געגענשטאַנד,*) אַ וועלכע עס איז נאָהענטע אָנווענדונג פון אָט די וויסענשאַפטען אויפ'ן פּראַקטישען לעבען האָט מען געהאַלטען פאַר נידריג. די אָנווענדונג פון דער געאָמעטריע אויף דער לייזונג פון מעכאַנישע פּראָבלעמען, איז אין פּלאַטאָנ'ס מיינונג, געווען אַ באַליידיגונג פאַר דער געאָמעטריע.

אין דער אַלטער וועלט, בפרט אין גריכענלאַנד, האָט מען זיך זעהר פיל אָפּגעגעבען מיט פילאָסאָפיע, פיל מער ווי אין אַ וועלכער עס איז שפּעטערדיגער צייט. די גריכישע פילאָסאָפיע איז געווען דער

---

*) דער דאָזיגער שלום בנוגע צו אַסטראָנאָמיע איז צו געוואַגט. דעם אָנפאַנג פון אסטראָנאָמיע האָבען געמאַכט די פּריסטער (גלחים) פון מצרים, וועלכע האָבען זיך פאַרנומען מיט איהר צוליב גאַנץ פּראַקטישע צוועקען, אום צו באַשטימען די צייט ווען דער נילוס פלעגט זיך פונאַנדערגיסען, וואָס איז וויכטיג געווען פאַר דער לאַנדאַרבייט. אַזוי באַהויפּטען די פאָרשער פון דער געשיכטע פון דעם אלטען מצרים. (רעדאַקטאָר).

גלענצענדסטער פּראָדוקט פון דער אַלטער ציוויליזאַציע. אָבער אויך דאָ איז דער הויפּט כאַראַקטער־שטריך פון דער פילאָסאָפיע איהר אָפּ־געריסענהייט פון דעם אַלטעגליכען לעבען — קיינער וויל איר ניט אָוועקלייגען אַלס פונדאַמענט פאַר דער אויספאָרשונג פון דער ווירק־ליכקייט — און איר אַבסטראַקטער כאַראַקטער בכלל.

אין אַלגעמיין איז די גאַנצע רייכקייט פון וויסען אין דער שפּע־טערער צייט פון דער אַלטער וועלט, געווען כמעט אומנוצליך פאַר'ן טעכנישען פּראָגרעס, און פאָלגליך אויך פאַר'ן עקאָנאָמישען.

די אַנטוויקלונג פון דער קונסט איז געווען אַ צווייטער כאַראַקטע־ריסטישער פּראָדוקט פון דעם פּסיכישען לעבען פון דער אַלטער וועלט. אַ פּראָדוקט, וואָס איז פונקט אַזוי אומנוצליך געווען פאַר דעם עקאָ־נאָמישען פּראָגרעס, הגם זעהר נוצליך פאַר די הערשענדע קלאַסען אַלס פאַרגעניגענס־מיטעל.

אין די עקאָנאָמישע אַנשויאונגען פון יענער צייט, טרעט איבער־הויפּט בולט אַרויס די ריכטונג פון געדאַנק, וואָס איז זעהר ניט גינס־טיג פאַר דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. אַזעלכע אַנשויאונגען זיינען צוזאַמענגעוואָרפען איבער די פאַרשיידענע ליטעראַרישע שאַפונגען פון דער אַלטער ליטעראַטור. זיי זיינען ניט געווען קיין רעזולטאַט פון קריטי־שער פאָרשונג, נאָר זיינען געווען דער אוממיטעלבאַרער פּראָדוקט פון די געזעלשאַפטליכע באַדינגונגען. זיי זיינען ניט געווען וויסענשאַפט־ליך און האָבען ניט געקענט דינען פאַר דער צוזאַמענשטעלונג פון אַ וויסענשאַפטליכער סיסטעם. די עקאָנאָמישע וויסענשאַפט, די לעה־רע וועגען די שייכות'ן צווישען מענשען און זייער פּראָדוקטיווער אַר־בייט, איז בכלל ניט מעגליך געווען, בשעת מען האָט געקוקט אויף פּראָדוקטיווע אַרבייט מיט פאַראַכטונג.

„די גאַנצע וויסענשאַפט פאַר'ן הערשער", זאָגט אַריסטאָטעל, „קען צוריקגעפירט ווערען צו זיין קענטניש ווי אַזוי אויסצונוצען די שקלאַפען־אַרבייט". דערביי איז דער אידעאַל פון די דאָמאַלסטדיגע מענשען געווען אַרויסצוקריגען אַלץ וואָס זיי דאַרפען דירעקט פון דער שקלאַפען אַרבייט און ניט דורך אויסטויש. אַן דער אַנשויאונג האָבען זיך געהאַלטען אפילו די אַטהענער, וועלכע זיינען געווען אַ פאַרהעלט־

ניסמעסיג סוחר'שע נאציע. די אנשויאונגען שטיצען זיך ערשטענס, אויף דעם אלגעמיינעם כאראקטער פון דער דאמאלסטדיגער ווירטשאפט, וועלכע איז נאך אלעמען פארט געווען מער א נאטוראלע איידער אן אויסטוישליכע, ווייל דער אויסטויש איז דעמאלס געווען גאנץ אומבאדייטענד. און צווייטענס, אויף דעם שארפען אנטאגאניזם צווישען דעם סוחרים קלאס און אלע אנדערע געזעלשאפטליכע גרופען.

ווען אויסטויש איז קליין, ווען דער סכום פון די סחורות וואס געהען דורך די הענט פון די סוחרים איז בכלל ניט גרויס, קען זיך דער קלאס סוחרים ניט באנוגענען מיט אזא קליינעם פראצענט רוח, ווי צ. ב. ש. אין אונזער צייט. די סוחרים האבען ענערגיש עקספלואטירט די פראדוצענטען אזוי גוט ווי די פארברויכער, א דאנק דער שוואכער קאנקורענץ, איז דאס פאר זיי געווען זעהר לייכט. דער געגענזאץ צווישען די אינטערעסען פון די סוחרים און די אנדערע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט איז אויף דעם אופן געווארען זעהר שארף. די פיינדליכע באציהונגען צו זיי ווערט פון די מערסטע שרייבער פון אלטערטום גאנץ אפען ארויסגעזאגט. „די סוחרים, וועלכע זיינען געוואוינט געווארען צו זאגען ליגען און אפצונארען, קענען אין שטאט געדולדעט ווערען, בלויז אלס אן אומפארמיידליכער איבעל... פאר א בירגער צו פארנעמען זיך מיט מסחר — איז א פארברעכען... דער שטאט מוז אכטונג געבען אויף דעם פארקויף פון סחורות און דארף דערלאזען בלויז דעם מעגליכסט קלענסטען פראצענט רוח פאר די סוחרים" (פלאטאן). „דער האנדעל מיט קלייניגקייטען איז מיאוס, דער גרויס מסחר איז בלויז עפעס, וואס מוז געדולדעט ווערען... עס קען קיין ריוח ניט זיין, אויב מען נארט עמיצען ניט אפ" (ציצעראן). דער טוישווערט פון סחורות, ווערט פון אריסטאטלען, האלב מיט פאראכטונג, אנגערופען „דער קינסטליכער נוצען פון זאכען", אין געגענזאץ צו דעם „נאטירליכען נוצען פון זאכען". ד. ה. דעם דירעקטען פארברויך.

די צוטיילונג פון דער ארבייט איז אין דעם אלטערטום אפגעשאצט געווארען ניט פון שטאנדפונקט פון דער פראדוקציע, נאר פון דעם פארברויך. אויף דעם פאקט וואס די צוטיילונג פון דער ארבייט פארגרעסערט די קוואנטיטעט פון די פראדוקטען און פארקלענערט

א. באָגדאַנאָוו

זייער קאַסט, האָבן זיי זיך ניט אומגעקוקט. פאַר זיי איז געווען וויכ־טיג בלויז דאָס, וואָס די צוטיילונג פון דער אַרבייט פאַרבעסערט די פּראָדוקטן און אויף דעם אופן, דעם פאַרגעניגן פון געברויכן זיי. אַזאַ שטאַנדפּונקט איז אינגאַנצן אין אַנקלאַנג מיט דער ראַליע פון בלויז פאַרברויכער, וועלכע די שקלאַפן־באַזיצער האָבן געשפּילט אין דער אַלטער וועלט.

די געזעלשאַפטליכע צוטיילונג פון דער אַרבייט און דער אויס־טויש אין וועלכן דאָס איז אויסגעדריקט געוואָרן, זיינען געווען די הויפּט כחות פאַר׳ן פּראָגרעס אין דער אַלטער וועלט, זיי זיינען געווען דער הויפּט באַנד וואָס האָט פאַרבונדן די דאַמאַלסטדיגע פּראָדוקציע. און פונדעסטוועגן האָט זיך די געזעלשאַפטליכע פּסיכאָלאָגיע גראָדע צו אַט די ערשיינונגען באַצויגן נעגאַטיוו, אָפט אפילו פשוט איגנאָ־רירט זייער עקזיסטענץ און זייער ראָליע אין דעם קאַמף צו באַהער־שען די נאַטור.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז וואָכער איז דאַן געווען אַ פיל אונ־שטענדיגערע פּרנסה ווי מסחר. אמת, אין דער ליטעראַטור באַגעגענען זיך אויך אָנפאַלן אויף׳ן פּראַצענטניק. אַריסטאָטעל פאַראורטיילט זיי, צ. ב. ש. דערפאַר, וואָס עס איז „אין דער העכסטער מאָס געגען דער נאַטור צו שאַפן געלט פון געלט“. אָבער אַזוינע אָנפאַלן זיינען פאַרהעלטניסמעסיג זעלטן. דער געגענזאַץ אָבער צווישן דעם פּראָ־צענטניק און זיין בעל חוב איז ניט ווייניגער שאַרף און פילט זיך גאָר ניט שוואַכער, ווי דער געגענזאַץ צווישן סוחר, פאַרברויכער און פּראָ־דוצענט. דער וואָכער איז פיל מער געאַכטעט געוואָרן דערפאַר, ווייל דער קלאַס, וואָס האָט זיך דערמיט פאַרנומען, איז געווען פיל שטאַר־קער ווי דער קלאַס סוחרים.

פאַר׳ן מסחר האָט זיך אין יענער צייט געפאָדערט פיל אונטער־נעמונגס גייסט און אַרבייט, און עס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ סך געפאַרען. די שקלאַפן־באַזיצער, וועלכע זיינען אויפגעהאָדעוועט גע־וואָרן אין פויל[ק]ייט, האָבן ניט געהאַט די נויטיגע ענערגיע פאַר אַזאַ טעטיגקייט. וואָכער איז געווען אַ פיל לייכטערע טעטיגקייט און אַ ניט־ווייניגער פּראָפיטאַבעלע. די אַריסטאָקראַטן האָבן געגעבן אַט דער

טעטיגקייט גאר ניט געהאט און האבען זיך גערן פארנומען דערמיט. אין אטהען איז אין דער צייט פון איר שענסטער בליהונג, 18 פראצענט א יאר ניט געווען קיין סך. אזוינע מענשען ווי פאמפעי, סילא אנטאניס און אנדערע פון אלטען רוים, אפילו אזוינע פאטריאטען און אידעאליסטען ווי ברוטוס און קאסיוס, האבען זיך ניט געשעמט צו לייהען געלד אויף אזוינע הויכע פראצענטען ווי 48% און 70% א יאר. עס איז דערפאר גאנץ נאטירליך, וואס דער שטאט האט ענערגיש געהאלפען די פראצענטניקעס און באשיצט זיי. דער שטאט אין יענער צייט האט זיך ניט גערעכענט מיט דעם אונטערשייד צווישען ניט וועלען און ניט קענען צאלען קיין חובות. ווען א בעל חוב האט ניט געקענט באצאלען, האט זיין קרעדיטאר אים געקענט פארקויפען פאר א שקלאף. לויט נאך די רוימישע געזעצען פון די 12 טאבעלען (צוזאמענגעשטעלט פון דער אריסטאקראטיע אין דעם יאר 451 פאר קריסטוס'ן), איז דעם קרעדיטאר אפילו דערלויבט געווען צושניידען אויף שטיקער דעם קערפער פון דעם בעל חוב, וואס קען זיינע חובות ניט צאלען.

דאס זיינען געווען די באציהונגען פון שטאט צום וואכער. די שטארקע אנטוויקלונג פון וואכער האט אין דעם אונטערגאנג פון דער אלטער וועלט געשפילט א זעהר באדייטענדע און זעהר טרויעריגע ראליע, ווי מיר וועלען דאס באלד זעהן.

וואס עס ווארפט זיך שטארק אין די אויגען אין דער אלטער גריכיש־רוימישער וועלט, איז דאס, וואס די פאליטיק ווערט אוועקגעשטעלט איבער אלעם. די פאראכטונג צו פיזישע ארבייט ווערט מערסטענס מאטיווירט דערמיט, וואס זי לאזט ניט איבער קיין פרייע צייט צו פארנעמען זיך מיט קהל'שע עסקים (קסענאפאנט). אויב אבער מיר זאלען אונטערזוכען די אינטערעסען, וועלכע זיינען געווען דער פונדאמענט פאר אט דעם ברייטען בירגערליכען לעבען, און וואס פלעגען שאפען דעם פארטיי קאמף, וועט זיך ארויסווייזען, אז זיי קענען צוריקגעפירט ווערען סוף כל סוף צו אינטערעסען פון עקספלואטאציע, קריג, רויב און די פונאנדערטיילונג פון רויב. וואס ווייטער, אלץ מער איז די פאליטישע ארבייט, וואס די פרייע בירגער האבען געהאלטען פאר

א. באָגדאַנאָוו

דאָס נוצליכסטע, געוועזן אומפּראָדוקטיוו און געזעלשאַפטליך אומנוצ־ליך.

4) די אורזאַכען פון דעם אונטערגאַנג פון דער שקלאַפען געזעלשאַפט.

דער טעכנישער פּראָגרעס, וועלכער איז דער פונדאַמענט פאַר יעדער געזעלשאַפטליכער אַנטוויקלונג, האָט אַנגעהויבען געהן אַלץ לאַנגזאַמער פון זינט דער הערשענדער קלאַס האָט פאַקטיש פון זיך אָרונטערגעוואָרפען דעם יאָך פון אָרגאַניזאַטאָרישער טעטיגקייט אין דער פּראָדוקציע. דאָס איז געווען אין יענער צייט דער איינציגער קלאַס אין דער געזעלשאַפט, וועלכער האָט, אַ דאַנק זיינע לעבענס־באַדינגונגען, זיך געקענט אַנטוויקלען. ווען ער ווערט אָבער פאַרוואַנ־דעלט אין אַ פּאַראַזיטישע גרופּע, ווערט אויך פאַרענדערט דער כאַ־ראַקטער פון זיין אַנטוויקלונג; דאָס געהט אין דער ריכטונג פון פּאַ־ראַזיטיזם, פון פאַרברויך, אָבער ניט אין דער ריכטונג פון דער פּראָ־דוקציע. די שקלאַפען ווייטער האָבען, דורך זייערע לעבענס־באַדינ־גונגען, ניט געקענט זיך אַליין אַנטוויקלען, און ניט געקענט אַנט־וויקלען די כחות פון דער געזעלשאַפט אין איר קאַמף מיט דער נאַטור.

אָבער, דאָס איז נאָך ווייניג. די שקלאַפען פלעגען פאַקטיש דער־נידעריגט ווערען, דעגראַדירט ווערען גייסטיג און פיזיש. דער מענש וואָס איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ וועקצייג, האָט גאַנץ שנעל פאַרלאָרען זיין לעבענס ענערגיע. די אום׳ברחמנות׳דיגע עקספּלואַטאַ־ציע האָט פאַרקירצט זיין לעבען און האָט אויך די קומענדע דורות פאַר׳משפּט צו אַ שנעלען אונטערגאַנג. אַזוי ווי עס איז אַנגעגאַנגען אַ שטענדיגער סיסטעמאַטישער מסחר מיט שקלאַפען, האָט זיך פאַר דעם שקלאַפען־באַזיצער געלוינט צו פאָדערען פון זיינע שקלאַפען וואָס מער אַנשטרענגונג אין זייער אַרבייט, גאָר ניט זאָרגענדיג דערפאַר, אַז זייערע כחות זאָלען צוריק אויפגעבויט ווערען דורך רוה, שפּייז און בכלל דורך דער צופרידענשטעלונג פון זייערע באַדערפנישען. אמת, אַט די לעבעדיגע געצייג האָט זיך שנעל אויסגעאַרבייט, אָבער די

ארבייט וואס זיי האבען פאר דער קורצער צייט אויפגעטאן, איז ווערט געוועזן פיל מער, ווי עס האט געדארפט קאסטען א נייער שקלאף.

אלס רעזולטאט פלעגען די שקלאפען שנעל אויסשטארבען, זייער צאל איז אלץ קלענער געווארען, זייער שטערבליכקייט האט פיל אריבערגעשטויגען זייער געבורט, אבער אין פארלויף פון פיל יאר־הונדערטער איז אט די שטערבליכקייט פון די שקלאפען, געדעקט געווארען דורך דעם, וואס אין די מלחמות מיט די בארבארען, פלעגען פארכאפט ווערען גרויסע צאלען שקלאפען. כל זמן דער קוואל פון שקלאפען איז ניט אויסגעטריקענט געווארען, האט די שקלאפען געזעלשאפט נאך געקענט, אויב ניט זיך אנטוויקלען, איז כאטש זיך האלטען אויף דער זעלבער שטופע; די פראדוקציע איז אמוועניגסטענס ניט פארקלענערט געווארען, ווייל ארבייטס כחות זיינען געוועזן גענוג.

אזא צושטאנד האט זיך אבער ניט געקענט ציהען אייביג. עס איז אנגעקומען א צייט, ווען דער ערפאלג פון די מלחמות מיט די בארבארען האט שנעל אנגעהויבען פארקלענערט ווערען און קריגען געווינען שקלאפען איז געווארען זעהר שווער, און שפעטער אינגאנצען אוממעגליך. אנשטאט די פריהערדיגע זיגען איבער די בארבארען, איז איצט געקומען א גאנצע רייהע נידערלאגען, די מלחמות האבען זיך פארוואנדעלט פון אנגריפס קריג אין פארטיידיגונגס קריג. דער קוואל פון ארבייטס־קראפט איז אויסגעטריקענט געווארען. וואס זיינען געוועזן די אורזאכען, וואס האבען ארויסגערופען אט די ענדערונגען ?

די אורזאכען קענען צוריקגעפירט ווערען צו דעם שנעלען פאלען פון די קריגס כחות פון דער שקלאפען געזעלשאפט.

די מלחמה — די פראדוקציע פון שקלאפען — איז פארבליבען די איינציגע באשעפטיגונג, וועלכע מען האט בשום אופן ניט געקענט איבערגעבען אין די הענט פון די שקלאפען, און וועלכע האט געמוזט פארבלייבען די באשעפטיגונג פון די פרייע מענשען. די ארמיי האט געקענט באשטעהן בלויז פון די מיטגלידער פון די פרייע קלאסען (קאסטען). דאס פאלען פון אט די פרייע קלאסען האט דערפאר במילא אויך געמיינט דאס פאלען פון דער ארמעע, פונקט ווי דאס פא־

א. באַגדאַנאָוו

לען פון דער שקלאַפּען אַרבייט האָט געמיינט דאָס פאַלען פון דער שקלאַפּען ווירטשאַפט. די אינערליכע עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון דער אַלטער וועלט האָבן אונטערגעגראָבן די עקזיסטענץ פון די פרייע קלאַסען.

די פרייע בירגער זיינען באַשטאַנען ערשטענס, פון טיפּישע גרויסע שקלאַפּען־באַזיצער, וועלכע זיינען געווען אַ מינדערהייט, און צווייטענס פון קליינע אייגענטימער, וועמעס ווירטשאַפט עס האָט אָפט געטראָגן דעם כאַראַקטער אויסשליסליך פון אַ משפּחה־ווירטשאַפט אָהן שקלאַפּען, און פלעגן אויסגעהאַלטען ווערען איבערהויפּט דורך דער אַרבייט פון די אייגענטימער און זייערע משפּחות; דער גרעסטער טייל פון אַזוינע ווירטשאַפטען זיינען געווען אַגריקולטורעלע, אַ קלענערער טייל זיינען געווען אינדוסטריעלע.

אויף דעם אופן האָבן קליינע אייגענטימער, ערד־אַרבייטער, אָדער פּויערים, צוזאַמענגעשטעלט דעם וויכטיגסטען טייל פון די מלחמה כחות פון דער אַלטער וועלט. רוים, וועלכע האָט אונטער איר מאַכט פאַראייניגט אַלע אַלטע געזעלשאַפטען, איז אין דער צייט פון איר בעסטער בליהונג בעצם געווען אין איר קריגס פּאָליטיק, אַ שטאַט פון פּויערים. כל זמן עס איז געווען אַ שטאַרקער צאָלרייכער פּויערטום, האָט די אַלטע וועלט געקענט, זיך באַנוצענדיג מיט איר הויכער קריגס טעכניק, אָהן שוועריגקייטען באַזיגען די באַרבאַרישע שבטים, וואָס זיינען געווען מוטיג, פאַראייניגט, אָבער אומבאַקאַנט מיט דער קריגס קונסט.

דאָס פּויערטום האָט אויף זיך געטראָגן די גאַנצע לאַסט פון די מלחמות ניט בלויז דערמיט, וואָס די פּויערים האָבן מקריב געווען זייער בלוט, נאָר אויך דערמיט, וואָס זיי האָבן געמוזט צאָלען די הויכע שטייערען, וואָס האָבן זיך געפאָדערט כדי צו דעקען די הוצאות פון קריג. די העכערע קלאַסען — די שקלאַפּען־באַזיצער — האָבן געוואוסט די קונסט ווי אַזוי דעם יאָך פון זיך אַרונטערצוואַרפען, ווייל צוזאַמען מיט׳ן רייכטום האָבן זיי אויך באַזעסען די פּאָליטישע מאַכט. דורך די געווינסען פון די מלחמות האָבן די פּויערים געהאַט זעהר אַ קנאַפּען תכלית. דער גרעסטער חלק איז אַנגעקומען ווייטער טאַקע צו

די רייכע שקלאַפּען־באַזיצער, און טאַקע דערפאַר האָבען זיי פאַרנומען די אַלע וויכטיגע און איינפלוסרייכע עמטער אין דער אַרמעע, זיי האָבען פאַרוואַלטעט די צוטיילונג פון דעם רויב (איבערהויפּט ערד און שקלאַפּען). זיי זיינען געוואָרען די הערשער פון די באַזיגטע פּראָווינצען א. אַז. וו.

אָפּגעבענדיג אַ סך צייט און אַרבייט פאַר די מלחמות, האָבען די קליינע פרייע ערד־אַרבייטער ביסלעכווייז אָנגעהויבען פאַרנאַכלעסיגען זייער ווירטשאַפט.

די וואַכער, צו וועלכע די פּויערים האָבען אונטער אַזוינע אומשטאַנדען געמוזט אָנקומען, האָט נאָך דערלייכטעוּט און פאַרשנעלערט זייער צוזאַמענברוך. דורך די גרויסע פּראָצענטען פלעגט דער מלוה, געוויינליך אַ רייכער שקלאַפּען־באַזיצער און אַריסטאָקראַט, גאַנץ שנעל ברענגען זיין בעל־חוב צום פאָלשטענדיגען באַנקראָט.

די צושטערונג פון דעם פרייען פּויערטום האָט זיך אויך פאַרשנעלערט מיט דער אַנטוויקלונג פון גרויסע לאַנד ווירטשאַפט. אַזוי ווי ער האָט באַשעפטיגט אויף זיינע פעלדער הונדערטער שקלאַפּען, איז פאַר דעם גרויסען לאַנד באַזיצער פון סיציליע אָדער פון מזרח איטאַליע, מעגליך געווען צו ברענגען אויפ'ן מאַרק זעהר פיל ביליג ברויט. אויסער דעם פלעגען ניט זעלטען די באַזיגטע פּראָווינצען ברענגען אין רוים פיל ברויט אינגאַנצען אומזיסט, אַלס קאָנטריבוציע צום זיגער. פּראָדוצירען ברויט פאַר'ן פאַרקויף האָט זיך פאַר דעם קליינעם ערד־באַזיצער פשוט ניט געלוינט.

אַלץ האָט זיך פאַראייניגט אויף דעם אופן געגען דעם קליינעם ערד־באַזיצער: דער שווערער יאָך פון אומגעהויערע שטייערען און שטענדיגע מלחמות, די מאַכט פון דעם מלוה און די מאַכט פון דער קאָנקורענץ פון גרויסען ערד־באַזיצער מיט זיינע מאַסען שקלאַפּען. דער צוזאַמענברוך פון פּויערטום איז געגאַנגען גאַנץ שנעל. דער קליינער ערד־באַזיצער פלעגט פאַרלירען זיין ערד פאַר זיינע חובות, און אָפט פלעגט ער זיין ערד פשוט אַוועקוואַרפען, ווייל עס האָט זיך אים מער ניט געלוינט אָנגעהן מיט זיין ווירשאַפט. זיין טייל ערד פלעגט איבערגעהן צום גרויסען ערד־באַזיצער. דאָס גאַנצע ערד איי־

א. באַגדאַנאָוו

גענטום האָט זיך אויף דעם אופן אַנגעקליבען אין די הענט פון די רייכע. שוין אין דער צייט פון דער געבורט פון קריסטוס האָט גאַנץ איטאַליע מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ קליינע צאָל פון גרויסע אימע־ניעס (לאַטיפונדיעס).

די קליינע אייגענטימער האָבען זיך אַלץ מער פאַרוואַנדעלט אין פּראָלעטאַריער, ד. ה. אין פרייע מענשען, וועלכע באַזיצען ניט קיין פּראָדוקציאָנס־מיטלען. און דאָרט, וואו עס האָבען געהערשט די רייכע און די ווירטשאַפט איז אַנגעפירט געוואָרען דורך שקלאַפען־אַר־בייט, איז פאַר'ן פּראָלעטאַריער גאָר ניט געווען וואָס צו טאָן. ער איז געלאָפען אין שטאָט צו זוכען פאַר זיך מיטלען צו לעבען. אין די גרוי־סע שטעט האָבען זיך אַנגעזאַמעלט הונדערטער טויזענטער אַזוינע היימלאָזע מענשען, פאַר וועמען עס איז אויך דאָרט ניט געווען קיין פּראָדוקטיווע באַשעפטיגונג. דער שטאָט איז געווען געצוואונגען זיי אויסצוהאַלטען, די פּאָליטישע פּאַרטייען האָבען זיך מיט זיי באַ־נוצט אַלס מיטעל צו באַקעמפען זייערע געגנער. דער הויפּט לעבענס־מיטעל פון אַט די דאָזיגע פּראָלעטאַריער איז געווען די נדבות וואָס די רייכע פלעגען זיי געבען, די שטאָטליכע הילף און דער פאַרקויף פון זייערע שטימען צו ערגעץ אַ פּאָליטישער פּאַרטיי. איבערהויפּט איז דאָס אמת בנוגע די פּראָלעטאַריער, וואָס האָבען געוואוינט אין רוים גופא. זיי האָבען אימער געדינט דעם, וואָס האָט בעסער באַצאָלט. דאָס איז באמת געווען „אַ פּראָלעטאַריאַט פון פּאַראַזיטען", וועלכער איז אַרויסגעטראָטען אין דער ראָליע פון באַדינער און חנופה'ניקעס פאַר דער הערשענדער פּאָליטישער קראַפט, אַזוי גוט ווי פאַר איינצעל־נע עקאָנאָמיש־שטאַרקע פּערזאָנען. זייער צאָל פלעגט נאָך פאַרגרע־סערט ווערען דורך די שקלאַפען, וואָס פלעגען באַפרייט ווערען, אָדער פלעגען זיך אויסקויפען. אַט די נידעריגערע שיכטען פון דעם פּראָלע־טאַריאַט האָבען נאָך מער פאַרשנעלערט זיין מאָראַלישען זינקען, צו־געבענדיג צו די אַלע איבלען פון די דאָמאָלסטדיגע פרייע מענשען, אויך די גאַנצע נידעריגקייט פון דער שקלאַפּישער פּסיכאָלאָגיע.

דאָס פויערטום אַלזאָ איז חרוב געוואָרען, האָט פאַרלאָרען זיין פריהערדיגע געזעלשאַפטליכע באַדייטונג, איז דעמאָראַליזירט געוואָ־

רען, און איז איבערגעגאַנגען אין די רייהען פון פּאַראַזיטען־פּראָ־לעטאַריאַט. צוזאַמען מיט דעם זיינען אויך אַלץ שוואַכער געוואָרען די מלחמה כחות פון דער שקלאַפען־געזעלשאַפט. דער פּאַראַזיטען־פּראָלעטאַריאַט איז אומפעהיג צו פאַרנעמען אין דער אַרמעע דעם פּלאַץ פון דעם ענערגישען מוטיגען פויער. דער פּאַראַזיט קען ניט פאַר־טראָגען קיין שווערע אַרבייט און קיין שטרענגע דיסציפּלין. ער וויל ניט אַוועקגעהן פון שטאָט, ווייל דאָ קען ער באַקומען זיינע נויטיגע לעבענס־מיטלען ניט אַרבייטענדיג. אין דער הינזיכט איז דער פּראָלע־טאַריאַט פון דער אַלטער וועלט זעהר ענליך צו דעם רייכען צובאַלע־וואַטען ערד־באַזיצער.

די באַרבאַרען, שטאַרק דורך זייער ענגער צוזאַמענגעבונדענקייט דורך בלוט־פאַרוואַנדטשאַפט, האָבען אומאויפהערליך פאַרטגעזעצט זייער קאַמף קעגען דער שקלאַפען געזעלשאַפט, און קעגען איר מיליטער־רישער אָרגאַניזאַציע — דער רוימישער אַרמעע. און די אייזערנע ווענט פון דער אַלטער קולטור, וואָס האָבען אויסגעזעהן אומבאַזיג־באַר, האָבען אָנגעהויבען ביסלעכוויז נאָכלאָזען אונטער דעם דרוק פון די רק נייע און נייע כוואַליעס פון די באַרבאַרען. די מלחמות הויבען אין דער רוימישער וועלט אָן פאַרוואַנדעלט ווערען פון אַנגריפס־קריג אין פאַרטיידיגונגס־קריג; די זיגען ווערען פאַרביטען אויף נידער־לאַגעס. די קריג'ס פּראָדוקציע פון שקלאַפען־אַרבייט ווערט שטאַרק פאַרקלענערט, און צוזאַמען מיט דעם ווערט אונטערגעגראָבען דער וואָרצעל גופא פון דער אַלטער קולטור.

עס הויבט זיך אָן אַן אַלגעמיינע צופאַלונג פון דער פּראָדוקציע; דאָס איז דער רעזולטאַט פון דעם, וואָס עס זיינען ניטאָ גענוג שקלאַפען. די ערשטע ליידט דערפון די ערד־אַרבייט. צום ערשטען באַמערקט זיך, אַז אויף די לאַטיפונדיעס פאַרנעמט דעם פּלאַץ פון אַגריקולטור די פיה־צוכט, וועלכע פאָדערט וועניגער אַרבייטס־כחות. אָבער דערמיט ענדיגט זיך דאָס ניט. די דערפער ווערען פאַרוואַנדעלט אין ווילדער־נישען און די לאַנקעס וואָס פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די פריהערדיגע פעלדער, ווערען אַליין אויך פאַרלאָזען. די שוואַכקייט פון דער דאָר־פישער ווירטשאַפט ווירקט ממילא זעהר שלעכט אויך אויף אַלע אַנ־

א. באָגדאַנאָוו

דערע אפּטיילונגען פון דער פּראָדוקציע, פאַר וועמען דער דאָרף האָט פריהער געדינט אי אלס קוואַל פון רויהע מאַטעריאַלען און לעבענס־מיטלען, אי אלס מאַרק. אבער אויסער דעם, ווערט די שאַפונג פון אַלע אנדערע פּראָדוקטען אויך געשטערט דורך דעם, וואָס עס זיינען ניטאָ גענוג שקלאַפען. טריט נאָך טריט איז די אַלטע וועלט געגאַנגען צו איר אונטערגאַנג. זי האָט אבער נאָך אַלץ געקעמפט פאַר איר לעבען און קולטור, האָט זיך געפּרואווט זיך צוצופּאַסען צו די פאַרענדערטע באַדינגונגען. אויב עס האָבען אויסגעפעלט ארבייטס־כוחות אין די וויכטיגסטע פּראָדוקציאָנס־ארבייטען פאַר דער ארמעע און פאַר דער קולטור, האָט די רוימישע אימפּעריע געפּרואווט באַשעפטיגען פאַר אָט די צוועקען געדונגענע פרייע באַרבאַרען.

די צוזאַמענשטעלונג פון די רוימישע לעגיאָנערען ענדערט זיך; עס קלייבען זיך דאָרט אַן אַלץ מער גאַלען און גערמאַנען*); מיט דער צייט הויבט מען אפילו אָן דינגען באַרבאַרישען חיל אויף אָפּצוהיטען די גרענעצען. דורך דעם האָט זי זיך געקענט געגענשטעלען נאָך פאַר א קורצער צייט געגען די באַרבאַרען, אָבער די רוימישע ארמעע איז שוין מער ניט געווען קיין רוימישע, אפילו די פירערס פון דעם חיל האָבען ביסלעכווייז אָנגעהויבען פאַרביטען ווערען פון רוימער אויף גערמאַנען, און ווען אין 476טען יאָר האָט דער ארבאַר אָדאָאַקער ארונטערגעזעצט דעם אימפּעראַטאָר ראמולוס־אווגוסטולוס, איז דאָס געווען דער אויסערליכער אויסדרוק פון א פאַקט וואָס איז שוין פריהער פאַרענדיגט געוואָרען; די פאַרוואַנדלונג פון דער רוימישער ארמעע אין א גערמאַנישער.

ענליכעס איז אויך פאַרגעקומען אין דער דאָרף־ווירטשאַפט. די רעגירונג האָט געזוכט צוצוציהען און באַזעצען אויף די פאַרלאָזענע פעלדער פרעמדע איינוואוינער, אָפּגעגעבען זיי חלקים ערד אויף זעהר גוטע באַדינגונגען, פאַר געוויסע שטייערען וואָס זיי האָבען געדאַרפט צאָלען. פּריוואַטע לאַנד אייגענטימער האָבען אויך דאָסזעלבע געטאָן. זיי פלעגען איבערגעבען זייער לאַנד אין ארענדע פאַר באַשטימטע צאָלונגען. אויף דעם אופן איז אנטשטאַנען דער פרייער קאָלאָנאַט־קלאַס

*) די אורעלטערען פון די היינטיגע פראַנצויזען און דייטשען.

פון קליינע ערד־ארבייטער, וואָס האָבען געפירט זייער ווירטשאַפט זעלבסטשטענדיג אויף רעגירונגס לאַנד אָדער אויף לאַנד פון פּריוואַטע לאַנד באַזיצער, פאַר א באַשטימטער צאָלונג. דער גרעסטער טייל פון אַט די פרייע ערד ארבייטער זיינען געווען איינגעוואַנדערטע באַרבאַרען פון וועלכע עס איז שפּעטער ארויסגעוואַקסען דער פונדאַמענט פאַר דעם נייעם פּויערטום.

אין דער צייט ווען עס איז געשאַפען געוואָרען דער נייער פרייער פּויערטום, האָט דער אונטערגאַנג פון גרויסען לאַנד־באַטריב אויך גע־שאַפען אַן אומפרייען פּויערטום. די ארענדאַטאָרס ערד ארבייטער זיינען אין פילע פאַלען, פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין שקלאַפען. ווען די באַדינגונגען אין דעם ברויט־מאַרק האָבען זיך באַדייטענד פאַרער־גערט, האָט די פריהערדיגע מאַסען פּראָדוקציע אויף די לאַטיפונדיעס ניט געקענט ווייטער אָנגעפירט ווערען, א דאַנק דעם שלעכטען פאַר־קויף אפילו אין די פּלעצער וואו עס האָבען קיין שקלאַפען ניט אויס־געפעלט. אָנפירען אָבער די פּראָדוקציע אויף א קליינעם מאַסשטאַב איז פיל לייכטער און בעסער געווען דורך ארענדאַטאָרס, וועלכע האָ־בען אויף זיך גענומען אַלע זאָרגען און נאָך געצאָלט שטייערען. פאַר די הערשענדע קלאַסען האָט זיך געלוינט בעסער איבערצוגעבען זייער ווירטשאַפט צו די שקלאַפען אויף דער שטייער סיסטעם, איידער זיי עקספּלואַטירען דירעקט אין זייער ווירטשאַפט. אויסער דעם האָט די פאַרהעלטניסמעסיגע פרייהייט פון דער ארבייט אויפגעהויבען איר אינטענסיוויטעט און פּראָדוקטיוויטעט אין פאַרגלייך מיט דער גע־וויינליכער שקלאַפען ארבייט, און דאָס האָט דערמעגליכט אַן אויפהוי־בונג פון דער עקספּלואַטאַציע.

בעצם, האָט דער קאָלאָנאַט מיט זיך פאַרגעשטעלט מער א גער־מאַנישע אינסטיטוציע איידער א רוימישע, דאָס איז געווען די אריינ־דרינגונג פון די גערמאַניש־פעאָדאַלע פאָרמען אין דער רוימישער שקלאַפען געזעלשאַפט. באַזעצענדיג די איינגעוואַנדערטע באַרבאַרען אויף אירע לענדער, האָט די רוימישע אימפּעריע אויך געמוזט אָנער־קענען זייערע פירונגען, ווייל אונטער אַנדערע פירונגען וואָלטען זיי זיך ניט וועלען אונטערוואַרפען.

א. באַגדאַנאָוו

די אַלטע וועלט איז אַזוי ווי אויפגעלייזט געוואָרען אין דער בארבארישער סביבה. איר ארמעע, איר פּויערטום, אירע אינערליכע שיכות'ן, אַלץ האָט זיך ביסלעכווייז גערמאַניזירט. ווען די גערמאַנען האָבען באַזיגט די רוימישע אימפּעריע, האָבען זיי בלויז פאַרענדיגט דעם פּראָצעס דורך וועלכען די אַלטע קלאַסישע געזעלשאַפט איז אַריבערגעגאַנגען צום מיטעלאַלטערליכען פעאָדאַליזם.

די אורזאַכען פון דעם אונטערגאַנג פון דער אַלטער קולטור קענען אַלזאָ צוריקגעפירט ווערען צו דעם, וואָס דער פונדאַמענט פון יענער קולטור איז געווען די עקספּלואַטאַציע פון די בארבארישע שבטים דורך מלחמות, וואָס די בארבארישע שבטים האָבען פאַר זיי געדינט אַלס א סאָרט רויהער מאַטעריאַל פאַר דער פּראָדוקציע פון לעבעדיגע געצייג־שקלאַפען. דעם ווייטערדיגען גאַנג פון יענעם פּראָצעס קען מען זיך פאָרשטעלען אַזוי: די דעגראַדאַציע פון די שקלאַפען, — דורך א צו גרויסער עקספּלואַטאַציע, די דעגראַדאַציע פון די פרייע מענשען — דורך דעם וואָס זיי זיינען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין א פּאַראַזיטישען עלעמענט אין דער געזעלשאַפט, דער צוזאַמענברוך פון די קריגס־כחות און קריגס־פּראָדוקציע, דער צוזאַמענברוך פון דער פּראָדוקציע בכלל, א דאַנק דעם דוחק אין ארבייטס כחות, דאָס אריינדרינגען פון בארבארישע עלעמענטען אין דער אַלטער אָפּשטאַרבענדער געזעלשאַפט, און דער ענדליכער זיג פון אָט די עלעמענטען איבער דער אַלטער געזעלשאַפט.

אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פון דעם פּעריאָד פון שקלאַפען־ווירטשאַפט.

1) דער פּעריאָד ווערט פון דער טעכנישער זייט כאַראַקטעריזירט ערשטענס, מיט א פאַרהעלטענסמעסיג הויכער אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט, וועלכע מאַכט די שאַפונג פון איבער־פּראָדוקטען פאַר א שטענדיגער ערשיינונג און מיט א פאַרהעלטענסמעסיג גרויסער פאַרשיידענאַרטיגקייט פון דער געזעלשאַפטליכער צוטיילונג פון דער ארבייט. צווייטענס, ווערט ער כאַראַקטע־

ריזירט מיט דער באַדייטענדער ראָליע און אנטוויקלונג פון יענעם מין פּראָדוקציע וועלכער רופט זיך מלחמה, און וועמעס אינהאַלט עס איז דער קאַמף פון דער געזעלשאַפט געגען אנדערע פיינדליכע געזעלשאַפטען וואָס רינגלען איר ארום.

2) די גרופּע שקלאַפען־באַזיצער האָט זיך אנטוויקעלט פון דער פּאַטריאַרכאַלער פאַמיליע אויף דעם פאָלגענדען אופן: די פּראָדוקציאָנס ראָליע פון דעם אָרגאַניזאַטאָר האָט זיך אַלץ מער אפּגעזונדערט פון די ראָליען פון די איבעריגע מיטגלידער, וואָס קאָמפּליצירטער און ברייטער עס איז געוואָרען די פּראָדוקציע. היות ווי די ראָליע פון דעם אָרגאַניזאַטאָר פלעגט איבערגעהן בירושה צו זיינע קינדער, האָט דאָס געפירט דערצו אז די גאַנצע משפחה פון דעם אָרגאַניזאַטאָר זאָל זיך שאַרף אויסטיילען פון דער גרופּע. אָט די משפּחה הויבט אַלץ מער אָן לעבען אויפ'ן רעכענונג פון דעם איבערפלוס פון פּראָדוקטען וואָס ווערט געשאַפען אין דער גרופּע; און דאָס ווערט מעגליך נאָר דאַן, ווען די פּראָדוקציע וואַקסט גאַנץ באַדייטענד אויס. די קרוב'ישע שיכות'ן צווישען דעם אָרגאַניזאַטאָרס משפחה און די איבעריגע מיטגלידער פון דער גרופּע פאַרשווינדען א דאַנק צוויי אורזאַכען. ערשטענס, דערפאַר וואָס די צוזאַמענשטעלונג פון דער גרופּע ווערט פּאַקטיש פאַרענדערט, עס טרעטען אין איר אריין א גאַנץ באַדייטענדע צאָל פרעמדע געפאַנגענע שקלאַפען. און צווייטענס, דערפאַר וואָס עס אנטוויקעלט זיך שטאַרק די זשעדנעקייט פון דעם אָרגאַניזאַטאָר, דאָס פאַרשטעהט זיך איז ווייטער אפּהענגיג אָן דער אנטוויקלונג פון אויסטויש וועלכער דערמעגליכט א כמעט אומבאַגרענעצטען וואוקס פון באַדערפענישען פאַר'ן אָרגאַניזאַטאָר און זיין משפחה. מיט דער פאַרשווינדונג פון דעם קרובה'שאַפט געפיל, הויבט דער אָרגאַניזאַטאָר אָן באַטראַכטען אַלע אנדערע מיטגלידער פון דער גרופּע בלויז אַלס לעבעדיגע געצייג פאַר עקספּלואַטאַציע, און אָט די געצייג ווערט אַלץ ביליגער אין זיינע אויגען וואָס מער עס אנטוויקעלט זיך דער סיסטעמאַטישער מסחר מיט שקלאַפען. דער פּראָדוצענט ווערט פאַרוואַנדעלט ניט נאָר אין א געצייג נאָר אויך אין א סחורה.

בּיסלעכווייז ווערט די אָרגאַניזאַטאָרישע טעטיגקייט איבערגע־

א. באָגדאַנאָוו

געבען אין די הענט פון די מער פעהיגע און פארטרויענסווערטע שקלאַ־פען. דאָס פּאַסירט דערפאר וואָס עס איז ניט מעגליך פאר איין מענ־שען צו רעגולירען די גאַנצע פּראָדוקציע פון דער גרופּע, וועלכע איז שוין גאַנץ באַדייטענד אויסגעוואַקסען, און שפּעטער ווערט דאָס שוין געטאָן דערפאר וואָס הערשער ווילען פּשוט זיך באפרייען פון יעדער ארבייט בכלל.

די פּראָדוקציאָנס פארבינדונגען צווישען באַזונדערע גרופּען מאַ־כען אין דער עפּאָכע פון דער שקלאַפען־ווירטשאַפט א באַדייטענדען שריט פאָרוועטס. פון איין זייט נעמען יענע פארבינדונגען אַן די ניט אָרגאַניזירטע פאָרמע פון ארבייטס־צוטיילונג, און פון דער צוויי־טער זייט — די אָרגאַניזירטע פאָרמע פון שטאַטליכע פארבינדונגען.

די שטאַטליכע פארבינדונגען וואָס זיינען אנטשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון דעם באַדייטענד־אנטוויקעלטען אויסטויש האָבען אָנגענומען די פאָרמע פון אריסטאָקראַטישע רעפּובליקען; דאָרט וואו דער אויסטויש האָט געשפּילט א קלענערע ראָליע אין לעבען, און די באַדינגונגען פון דער אויסערליכער נאַטור האָבען דאך געפאָדערט א ברייטע געזעלשאַפטליכע פאראייניגונג, זיינען די שטאַטען אנטשטאַ־נען איבערהויפּט דורך מלחמות, דורך באַזיגען א צווייטען שבט, און פלעגען אָננעמען די פאָרמען פון אָריענטאַלישע דעספּאָטיעס.

3) די סיסטעם פון געזעלשאַפטליכע שיכות'ן וואָס האָט גע־הערשט אין יענער צייט האָט אוועקגענומען יעדע מעגליכקייט פאר דער אַנטוויקלונג פון דעם שקלאַפען־קלאַס. פאר די הערשענדע קלאַ־סען זיינען די באַדינגונגען געווען פארשיידען, אין די דעספּאָטיעס פון מזרח און אין די געזעלשאַפטען פון מערב, וואו עס האָט זיך שוין אנטוויקעלט דער אויסטויש. אין די ערשטע האָט דער יאָך פון דעם ביור־ראָקראַטישען מעכאַניזם פּאַראַליזירט יעדע אנטוויקלונג און האָט ביי די שקלאַפען־באַזיצער גופא געשאַפען אַן אַפּאַטישע און פאַטאַליסטישע פּסיכאָלאָגיע. אין דער צווייטער גרופּע פון געזעלשאַפטען זיינען פאר־קערט פאר די הערשענדע קלאַסען געווען אלע מעגליכקייטען זיך צו אַנטוויקלען.

אבער די אַנטוויקלונג פון דער פּסיכיק פון די הערשענדע קלאַסען

איז געווען געווענדט אויף דעם טעכנישען און עקאָנאָמישען פּראָגרעס בלויז אזוי לאנג ווי זיי האָבען זיך אליין פארנומען מיט פּראָדוקטיווע ארבייט. ווען אבער די הערשענדע קלאסען האָבען זיך באפרייט פון יעדער ארבייט בכלל, האט זיך זייער פּסיכאָלאָגיע אנגעהויבען אנט־וויקלען אין א פּסיכאָלאָגיע ניט פון פּראָדוצענטען, נאָר פון פארברוי־כער, אין א פּאַראַזיטישער ריכטונג. פון אָט דער צייט הערט דער טעכנישער פּראָגרעס באמת אויף, עס אנטוויקלען זיך נאָר די קונסט, די אבסטראַקטע וויסענשאַפטען, און די פילאָסאָפיע.

4) דער פונדאמענט פאר דעם פּראָדוקציאָנס־לעבען פון אלטער־טום איז געווען די מלחמה — די פּראָדוקציע פון שקלאַפען. די מלחמה־כחות אבער פון דער שקלאַפען געזעלשאַפט זיינען געווען ניט די רייכע שקלאַפען באַזיצער, נאָר די קליינע ערד־ארבייטער, ווען די מלחמות, וואָכער און קאָנקורענץ האָבען רואינירט יענע קליינע ערד־ארבייטער, און האָבען די מערהייט פון זיי פארוואַנדעלט אין א פּאַ־ראַזיטען־פּראָלעטאַריאַט, דאַן זיינען די מלחמה־כחות פון דער שקלאַ־פען געזעלשאַפט געפאַלען, און דערמיט איז אויך געפאַלען זייער גאַנצע פּראָדוקציע. די אלטע־קלאסישע וועלט, א קראַפטלאָזע און צופוילטע, האט זיך אויפגעלייזט אין דער באַרבאַרישער וועלט, וואס האט איר ארומגערינגעלט; און די באַרבאַרישע וועלט, וועלכע איז געשטאַנען קולטורעל נידעריגער פון איר, איז אבער געווען געזונט און פול מיט כחות פאר א ווייטערער אנטוויקלונג.

5) די אלטע־קלאסישע וועלט האט אלס ירושה פאר דער גער־מאניש־רוימישער וועלט פון מיטעל־אלטער איבערגעלאָזען פיל פאַל־קאָם אויסגעארבייטע ריין אידעאָלאָגישע מאַטעריאַלען: דאָס רוימישע רעכט, די גריכישע קונסט, די שענע ליטעראַטור, די וויסענשאַפט און די פילאָסאָפיע. מיט אָט דעם גרייטען מאַטעריאַל האט זיך די גער־מאניש רוימישע וועלט ערשט באַנוצט דעמאָלט, ווען זי איז געקומען צו דער שטופע פון אנטוויקלונג ווען זי האט זיי געקענט באגרייפען, ווען די אלטע אידעאָלאָגישע פאָרמען האָבען געקענט צוגעפּאסט ווערען צו די נייע שיכות׳ן וועלכע האָבען זיך געשאַפען.

פינפטער קאפיטעל

די פעאָדאַלע געזעלשאַפט.

1) די שיכות'ן צווישען געזעלשאַפט און נאַטור.

אויב די פאַטריאַרכאַלע געזעלשאַפט האָט זיך אַנטוויקעלט דורך דער אַנטשטעהונג פון נייע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, וועלכע האָבען זיכער געמאַכט דעם מענשליכען לעבען, איז די פעאָדאַלע געזעלשאַפט אַנ־שטאַנען דורך דער ווייטערער אַנטוויקלונג פון די דאָזיגע מיטלען.

די טעכנישע באַדינגונגען פון דעם פעאָדאַלען פעריאָד זיינען. דער איבערוואַג פון דער ערד־אַרבייט איבער דער פיה־צוכט און א באַשטענדיגער לעבען אויף א באַשטימטען באַגרענעצטען פּלאַץ.

ווען די וואַנדערענדע פיה־צוכט שבטים הויבען זיך אַן באַשעפ־טיגען מיט ערד אַרבייט, שפּילט דאָס ביי זיי אין אָנהויב בלויז די ראָליע פון א הילפס־מיטעל פאַר אַן אַנדער פּראָדוקציע. די ערד אַרבייט ווערט צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען פון פיה־צוכט, און דער אָרט פאַר פעלד־אַרבייט ווערט זעהר אָפט געביטען. ווען אָבער די באַ־פעלקערונג וואַקסט אויס, און דער שטח ערד ווערט באַגרענעצט, ווערט דאָס פעלד פאַר דעם וואַנדערער אויך באַגרענעצטער, און די ערד־אַרבייט הויבט אַלץ מער אָן שפּילען די ערשטע ראָליע, און ווערט בסדר, אַלץ א וויכטיגערער מיטעל אין דעם מענשענס קאַמף פאַר זיין לעבען. ווען די שבטים הערען אויף וואַנדערען, און הויבען אָן פירען א באַ־שטענדיגען לעבען אויף איין באַשטימטען פּלאַץ, ווערט די ערד אַרבייט דער הויפּט עלעמענט אין דעם קאַמף פאַר'ן לעבען, און די פיה־צוכט ווערט שוין דאָן א ביי־זאַך, און פּאַסט זיך צו צו די באַדינגונגען פון

דער ערד ארבייט. וואָס אַנבאַלאַנגט די שבטים וועלכע זיינען פון אָנהויב אַן געזעסען אויף איין פּלאַץ, ווערט ביי זיי שטופּענווייז אַנט־וויקעלט די ערד ארבייט און שליסט איין זיך ביסלעכווייז איין דעם אופן פון פיה־צוכט וואָס איז צוגעפּאַסט צו א באַשטענדיג באַזעצט לעבען.

די איבעריגע פּראָדוקציאָנס צווייגען (יאַגד, ארבייט און מעטאַל גרובען) זיינען אין דער פעאָדאַלער צייט זעהר שוואַך אַנטוויקעלט. דער קריג שפּילט אין דער צייט א גאַנץ באַדייטענדע ראָליע, סיי אַלס מיטעל אַפּצוהיטען די פּראָדוקציע אַלס א גאַנצע און סיי אַלס איינ־ציגער מיטעל פאַר דער אויסברייטונג פון דער טעריטאָריע פון דער געזעלשאַפט.

בכלל, איז די פאַרשיידענאַרטיגקייט פון די פּראָדוקטען נאָך זעהר אומבאַדייטענד (א צושטאַנד וואָס העלפט גאַנץ ווינציג דער אַנטוויק־לונג פון אויסטויש) אָבער די צאָל איבער־פּראָדוקטען שטעלט שוין מיט זיך פאַר א גאַנץ באַדייטענדען טייל פון דער פּראָדוקציע (א צושטאַנד וואָס העלפט באַדייטענד דער אַנטוויקלונג פון אויסטויש).

2) די פּראָדוקציאָנס און אויסטויש באַצי־הונגען אין דער פעאָדאַלער גרופּע.

דער גרויסער וואוקס פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט האָט געבראַכט דערצו, אַז די געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציע איז אַזוי אויסגעוואַקסען, אַז אירע מיטגלידער האָט מען שוין געדאַרפט צייל־ען ניט אין די הונדערטער, נאָר אין די טויזענטער. גלייכצייטיג האָבען די באַדינגונגען פון דער טעכניק אין דער ערד ארבייט ארויסגערופען א געוויסע צוטיילונג אין דער פּראָדוקציע, אין די גרענעצען פון דער גרופּע.

שוין אין דער פריהערדיגער, גרויסער פּאַטריאַרכאַלער גרופּע, האָט זיך געמערקט די פונאַנדערפאַלונג אויף באַזונדערע פאַמיליעס; דאָס איז געווען דער רעזולטאַט דערפון, ווי מיר האָבען אויבען אָנגעצייגט,

א. באַגדאַנאָוו

וואָס דער פּאַטריאַרך האָט ניט געקענט אַליין טאָן די גאַנצע אָרגאַ־ניזאַטאָרישע אַרבייט, און האָט געמוזט טיילען דערפון איבערגעבען צו אַנדערע, קלענערע אָרגאַניזאַטאָרען. אַט די קלענערע אָרגאַניזאַ־טאָרען זיינען אָבער געווען גאַנץ ווייניג זעלבסטשטענדיג, און די פּראָ־דוקציע פון דער גאַנצער גרופּע האָט זיך אויסגעצייכענט מיט איר איינהייטליכקייט. אונטער דער הערשאַפט אָבער פון דער באַזעצטער ערד־אַרבייט באַקומען די קליינע עקאָנאָמישע איינהייטען, די משפּחות, א באַדייטענדע מאָס אומאָפּהענגיגקייט אין דעם עקאָנאָמי־שען לעבען. פאַר דער ערד אַרבייט זיינען געוויינליך די אַרבייטס־כחות פון איין משפּחה גאַנץ גענוג — קיין נויטיגקייט פאַר דער קאָאָ־פּעראַציע פון דער גאַנצער גרופּע איז ניטאָ. נאָך מער, די קליינע פּראָדוקציע פון דער משפּחה איז אין דעם פאַל נאָך שפּאָרעוודיגער ווייל מיט די גראָבע פּרימיטיווע ווערקצייג, וואָס זיינען פאַר דער אַרבייט דעמאָלט באַנוצט געוואָרען, האָט א קליינע צאָל מענשען, אוועקגעבענדיג זייערע גאַנצע כחות אויף דער באַאַרבייטונג פון א באַשטימטען קליינעם חלק ערד, געקענט פיל מער דערגרייכען, איידער דורך דער בשותּפות'דיגע אַרבייט פון דער גאַנצער געזעלשאַפט אויף א גרויסען טייל ערד.

אויף דעם אופן איז די ערד־אַרבייטער געזעלשאַפט, אויפ'ן שוועל פון דעם פעאָדאַלען פּעריאָד, באַשטאַנען פון אַסך באַזונדערע משפּחות, וואָס זיינען צווישען זיך געווען פאַרוואַנדעט דורך געמיינזאַמע אָפּ־שטאַמונג, וועלכע פלעגען פירען, יעדע באַזונדער, זייערע באַזונדערע באַלעבאַטישקייטען. לויט זייער גרויס האָבען די דאָזיגע גרופּען מיט זיך פאַרגעשטעלט עפּוואָס צווישען דער פּאַטריאַרכאַלער משפּחה פון אַלטערטום און דער מאָדערנער פאַמיליע. מען קען זיי פאַרגלייכען מיט די סלאַווישע „גרויסע משפּחות", וועלכע באַשטעהען אָפט פון עטליכע צענדליג מענשען, און וועלכע מען קען נאָך וואו ניט וואו געפינען אויך היינט.

פונדעסטוועגען זיינען נאָך פאַרבליבען גענוג פּראָדוקציאָנס פאַר־בינדונגען צווישען די באַזונדערע משפּחות־גרופּען. גאַנץ אָפט, ווען די כחות פון איין משפּחה האָבען זיך פאַר א געוויסער אַרבייט אַרויס־

געוויזען פאר ניט גענוג, האבען אנדערע משפחות, און אפט אויך די גאנצע קהלה, איר ארויסגעהאלפען. דאס פלעגט אפט טרעפען, ווען די משפחה האט געדארפט פאר זיך בויען א וואוינונג, אפרייניגען פון וואלד א נייע שטיק ערד א. אז. וו. די נוצען פון שותפות זיינען פאר דער פיה־צוכט געווען אזוי באדייטענד, אז די פיה פון דער גאנצער געזעלשאפט איז פון פרילינג ביז הערבסט געווען פאראייניגט אין איין סטאדע און פלעגט זיך פאשען אויף דיזעלבע לאנקעס, וואס זיינען געווען דער קהל'שער אייגענטום פון אלעמען, און אפילו אונטער דער אויפזיכט פון דיזעלבע פאסטוכער. די פעלדער פון וועלכע די תבואה איז שוין געווען ארא‍פגענומען, פלעגען פארוואנדעלט ווערען אלס קהל'שער אייגענטום, אזוי אז דאס פעלד האט געהערט צו איין משפחה בלויז דאן, ווען עס איז פון דער משפחה באארבייט געווארען. די היי פון די לאנקעס פלעגט אפגעשניטען ווערען אין די מערסטע פאלען קאלעקטיוו און נאכער פלעגט עס צוטיילט ווערען צו די משפחות לויט דער פראפארציע פון די חלקים פעלד וואס זיי האבען געהאט.

אויסער דעם זיינען ביז א געוויסען גראד פון דער גרופע קאנט־ראלירט געווארען אויך די פעלדער וואס זיינען באנוצט געווארען פון פארשיידענע משפחות. די פראדוקציע פון דער משפחה איז ניט פארבליבען פארבונדען גראד מיט איין באשטימטען חלק פון ערד, פון צייט צו צייט פלעגען פארקומען נייע צוטיילונגען פון דער ערד צווי־שען די משפחות, דערביי האט יעדע משפחה באקומען, אדער פונקט אזא גרויסע שטיק ערד ווי זי האט פריהער געהאט נאר אין אן אנדער פלאץ, אדער עס פלעגט אויך געענדערט ווערען די גרויס פון איר ערד חלק, אין איינקלאנג מיט דער גרויס פון דער משפחה און אירע אר־בייטס־כחות א. אז. וו. אזוינע פונאנדערטיילונגען פלעגען אין אנהויב פארקומען אפשר יעדען יאר, שפעטער ווערען זיי זעלטענער. דער תכלית פון דעם איז געווען, וואס עס פלעגען אויסגעגליכען ווערען די נוצען און שאדען וואס זיינען געקומען אלס רעזולטאט פון די פאר־שיידענהייטען אין דעם כאראקטער פון דער ערד. אבער שוין גאר פריה געהען די שטיקער ערד, וואס זיינען אפגערייניגט געווארען

א. באָגדאַנאָוו

אויסשליסליך פון איין משפחה, ארוים פון אונטער דער גרופּעם קאנט־ראָל. די אַפּטע טיילונגען פון דער ערד צייגען אז די ערשטע ערד וואס די גרופּע האָט פאר זיך ערוואָרבען, איז געווען דער רעזולטאַט פון א געמיינזאַמער אנשטרענגונג, עס מאכט ניט אוים צי די אנ־שטרענגונג איז באַשטאַנען אין אַפּריינינגען די ערד פון וועלדער, אדער אוועקנעמען עס דורך קריג פון א צווייטער גרופּע.

אין פארשיידענע פאַלען זיינען די ארבייטס־פארבינדונגען צווי־שען די באַזונדערע משפחות געווען פארשיידען; דאס איז געווען אָפּ־הענגיג אָן די לאָקאַלע, נאַטירליכע און היסטאָרישע באַדינגונגען.

ביז דער לעצטער צייט זיינען נאָך פארבליבען סמנים פון דעם אמאָליגען קהל׳שען באַזיץ פון דער ערד, די סמנים געפינען זיך אין די אינסטיטוציעס פון „קהל׳שען ערד־באַזיץ" אין שווייצאַריע, דרום־דייטשלאַנד, אויף די פּירענייאישע האַלב־אינזלען, ביי די סלאַווען פון דרום אייראָפּע א. אז. וו.

דער קאָמוניזם פון די ערד־ארבייטער האָט זיך אממערסטענס אויפגעהאַלטען אין די ערטער וואו עס האָבען עקזיסטירט אזעלכע באַ־דינגונגען וואס האָבען נויטיג געמאַכט קאָלעקטיווע ארבייט, אזוי צ. ב. ש. איז די גאַנצע ערד־ארבייט אין געוויסע טיילען פון אָסט־אינדיע, אָפּהענגיג אָן קינסטליכע באַמיסטיגונג פון דער ערד, אָן דער דורכ־פירונג פון וואַסער קאַנאַלען, וועלכע מוזען פארשטעהט זיך זיין די ארבייט פון א גאַנץ ברייטער גרופּע א. אז. וו. אין יענע פּלעצער האָט מען נאָך ביז גאָר ניט לאַנג צוריק געקענט זעהן דעם ערד־ארבייטער־קאָמוניזם אין זיינע ריינסטע פאָרמען. אין אַט די קהלות, ווערט די ערד באַארבייט בשותפות און די פּראָדוקטען ווערען שפּעטער צוטיילט צווישען די באַזונדערע משפחות. די אזוי גערופענע היים ארבייטען, ווי שפּינען, וועבען און אנדערע, ווערען געטאָן פון יעדער משפחה באַזונדער. די קהלה האָט אירע בעלי מלאכות (א שמיד, א סטאָליאַר, א טעפּער, א שערער, א וואַשער א. אז. וו.) און אויך אירע באַאמטע (א ראש הקהל, א שרייבער, א וואַסער־אויפזעהער, גלחים א. אז. וו.) די ערשטע אזוי גוט ווי די צווייטע ווערען באַשטימט פון דער קהלה און ווערען פון איר אויסגעהאַלטען. די אָרגאַניזאַטאָרישע ארבייט

ווערט ניט נאר אפגעטיילט פון דער אויספירליכער ארבייט, נאר זי ווערט אויך צוטיילט צווישען פארשיידענע מענשען, פונדעסטוועגען איז זי נאך אלץ אפהענגיג פון דער גאנצער קהלה, דאס איז דערפאר ווייל די מיטגלידער זיינען זיך ענג פארבונדען דורך די באדינגונגען פון דער טעכניק פון זייער ערד־ארבייט. א דאנק אט דער ענגער פארבינדונג באהאלט נאך אלץ די גרופע איר כאראקטער פון א פרימיטיווען שטאם; די איינהייט פון אפשטאמונג באשטימט נאך אלץ די ראמען פון די עקאנאמישע פארבינדונגען.

אין דער קהלה פון ערד־ארבייטער אין אנפאנג פון מיטעל־אלטער זיינען אויך דא בעלי מלאכות, זיי אבער ספעציאליזירען זיך קיין מאל ניט, און פארבינדען אלע מאל זייער ארבייט מיט ערד־ארבייט, געוויסע מלאכות ווערען געטאן פון דער משפחה פאר זיך אליין, אזוינע צ.ב.ש. ווי שפינען, וועבען, נייהען. דארט וואו די איינצעלנע משפחה איז ניט בכח אליין צו טאן איר גאנצע ארבייט, גיט זי דאן מאנכע זאכען אוועק צו פראפעסיאנעלע בעלי מלאכות, דערביי גיט זי זיי געוויינליך דעם רויהען מאטעריאל פאר זייער ארבייט. ניט זעלטען טוט דער בעל־מלאכה זיין ארבייט אין דער הויז פון זיין קונד. די געזעלשאפטליכע צוטיילונג פון דער ארבייט איז בכלל זעהר שוואך אנטוויקעלט און ווערט אויסגעדריקט כמעט, אויסשליסליך אין שכנ׳ישע אויסטוישונגען און אין דער ארבייט פון דעם בעל־מלאכה. אין איינקלאנג מיט דעם צושטאנד זיינען די אומאנטוויקעלטע פארמען פון קרעדיט, דער געלט קרעדיט איז כמעט ווי אן אויסנאם.

מיט דער צייט הויבט אן די געזעלשאפטליכע צוטיילונג פון דער ארבייט, אננעמען א שארפערע, מער אויסגעשפראכענע פארמע, די ארבייט פון דעם בעל־מלאכה הויבט אן אפגעזונדערט צו ווערען פון דער ערד־ארבייט. אין אנפאנג טיילען זיך באזונדער אוים די שמידען, און אין אנדערע ערטער—די מילנער. שוין אפילו גאר פריה אין יענער עפאכע, זיינען דער שמיד און דער מילנער דיזעלבע פאר עטליכע שכנ׳ישע קהלות. דאס שאפט, הגם דערווייל אין א שוואכער פארמע, א פראדוקציאנס־פארבינדונג צווישען די באזונדערע קהלות.

דער וואוקס פון דער קהלה, און די אפזונדערונג פון די משפחה־

א. באָגדאַנאָוו

גרופּען האָבען געבראַכט דערצו, אַז ביסלעכווייז זאָל פאַרשווינדען און פאַרגעסען ווערען די אַמאָליגע קרובה'שאַפט צווישען די איינ־צעלנע משפחות, דער צעמענט וואָס האָלט צונויף די געזעלשאַפט אַלס אַ גאַנצע ווערט שוין איצט די ריינע פּראָדוקציאָנס־פאַרבינדונג אין די פּאָליטישע שיכות'ן וואָס זיינען דער רעזולטאַט פון זיי.

דאָרט וואו די אַנטוויקלונג פון דער פּעאָדאַלער גרופּע אין דער קהלה פון ערד־אַרבייטער, איז צוגעגאַנגען מער שטופּענווייז און טיפּיש, קען מען די אַנטוויקלונגס־אָרדנונג אויסדריקען אין אַזאַ פאָרמע:

אין אָנפאַנג צייכענט זיך אויס דער געבוי פון דער קהלה מיט אַ פאַרהעלטעניסמעסיג גרויסער איינ־אַרטיגקייט, דער אונטערשייד אין דער גרויס פון די איינצעלנע ווירטשאַפטען איז געווען ניט אַזוי באַ־דייטענד, אַז זי זאָל קענען פאַרזיכערען אַ באַשטימטען עקאָנאָמישען איבערוואָג פון איין ווירטשאַפט איבער דער צווייטער. אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שיכות צו דער גאַנצער געזעלשאַפט איז באַשלאָסען גע־וואָרען אויף דעם ראַט פון די עלטסטע באַלעבאַטים. פאַר די קאָ־לעקטיווע אונטערנעמונגען צו וועלכע עס פאָדערט זיך איין אָרגאַניזאַ־טאָר (איבערהויפּט אין פאַל פון אַ קריג) האָט דער ראַט פון די עלטסטע אויסגעקליבען איינעם פון זיי פאַר אַ פירער, וועלכער האָט געדאַרפט שפּילען יענע ראָליע בלויז צייטווייליג, אַזוי לאַנג ווי עס איז געווען נויטיג. ווען דער קריג איז געפירט געוואָרען ניט פון איין שבט נאָר פון עטליכע צוזאַמען (ווי דאָס פלעגט זעהר אָפט טרעפען) פלעגען די פירער פון די באַזונדערע שבטים פון זיך אויסקלייבען איין אַלגע־מיינעם פירער, אָבער אויך אַ צייטווייליגען.

פונדעסטוועגען זיינען שוין דאָ פאַראַן די ערשטע סמנים פון דער עקאָנאָמישער אומגלייכהייט. איינער פון אָט די סמנים איז וואָס דער אָרגאַניזאַטאָר ווערט אויסגעטיילט פון דער גאַנצער פּראָדוקציע, אפילו כאָטש עס איז בלויז אויף אַ צייט. דער צווייטער סמן איז וואָס אויס־סער קהל'שען באַזיץ פון דער ערד עקזיסטירט שוין אויך דער פּריוואַ־טער באַזיץ. די שטיק ערד וואָס איז אָפּגעריינינגט געוואָרען דורך דער אַרבייט פון איין פאַמיליע, איז דאָס באַזונדער אייגענטום פון

יענער פאַמיליע. דאָס זעלבע איז אויך מיט דער ערד, וואָס איז פאַר־כאַפּט געוואָרען, אין צייט פון קריג; ווען זי ווערט איין מאָל צוטיילט אין באַזונדערע חלקים צווישען די אנטייל נעמער אין קריג, ווערען זיי שוין שפּעטער מער ניט איבערגעטיילט.

עס איז גאַנץ קלאָר, אז די ווירטשאַפט וועלכע אונטערשיידט זיך פון אַלע אנדערע מיט איר גרעסערער ארבייטס־קראַפט, דאַרף אונטער אזוינע אומשטאַנדען אירע ארבייטס־כחות נאָך מער און שנעלער אנט־וויקלען ווי די איבעריגע. ערשטענס, איז פאַר אזוינע ווירטשאַפטען פיל לייכטער געווען אויסברייטערען זייערע חלקים ערד, דורך אפּריי־ניגען נייע נאָך ניט פאַרנומענע לענדערייען. צווייטענס, האָבען די מיטגלידער פון יענע שטאַרקערע ווירטשאַפטען פאַרנומען א בכבוד'־יגען פּלאַץ אין דער גרופּע בכלל און איבערהויפּט אין די מלחמות וואָס די גרופּע האָט אַנגעפירט. פאַלגליך פלעגען זיי פון דעם מלחמה־רויב, קריגען א גרעסערען חלק ווי די אנדערע. מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אז צו דעם רויב פלעגען צוגערעכענט ווערען אויך די שקלאַפען אלס באַוועגליכער אייגענטום, ווייל די געזעלשאַפט פון ערד־ארבייטער האָט בירושה, פון דער שקלאַפען־געזעלשאַפט איבערגענומען די סיסטעם פון שקלאַפען־ארבייט, הגם אין א פיל ווייכערער פאָרמע.

אויף אזא אופן איז די אומגלייכהייט צווישען די איינצעלנע משפחה־ווירטשאַפטען אַלץ מער געוואַקסען, און האָט פאַרניכטעט די פריהערדיגע איינאַרטיגקייט פון דער קהלה. דער איינפלוס פון די רייכערע משפחות אויף דעם גאַנג פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען האָט זיך אַלץ מער פאַרשטאַרקט דורך דעם, וואָס זייער עקאָנאָמישע שטאַרקייט האָט פאַר זיי מעגליך געמאַכט אוועקצושטעלען די איבע־ריגע אָרעמערע משפחות אין אָפּהענגיגקייט פון זיי. די גרויסע משפּחות האָבען אונטערנומען אזוינע ארבייטען, וועלכע די קלענערע האָבען בשום אופן ניט געקענט טאָן, ווי צ. ב. ש. די אויסבויאונג פון גרויסע מילען, בעקערייען א. אז. וו., האָבענדיג אונטער זיך א פעסטע־רען פונדאַמענט, האָבען זיי ווייניגער געליטען פון די פאַרשיידענע עקאָ־נאָמישע קריזיסען, הונגער און אנדערע נאַטירליכע אימגליקען, וואָס זיינען בכלל אָפטע געסט אין א געזעלשאַפט מיט אן אומאַנטוויקעל־

א. באָגדאַנאָוו

טער טעכניק. ניט זעלטען פלעגען די גרויסע משפחות דארפען ארויס־העלפען די קלענערע, אויסבאַרגענדיג זיי פּראָדוקטען, וועלכע זיי האָ־בען געהאט, די קלענערע ערד־ארבייטער פלעגען דערפאר באצאָלען מיט ארבייט, און דאָס האָט מעליך געמאַכט פאר די רייכע נאָך מער אויסצואַרבייטען זייער טעטיגקייט און זייער פּראָדוקציע.

מיט דער צייט איז די פּראַקטישע מאַכט פון די רייכערע משפחות דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די אָרגאַניזאַטאָרס פון מלחמה פלעגען בלויז פון זיי אויסגעקליבען ווערען. עס איז נאַטירליך, אַז יענע משפחות זאָלען זיך מיט זייער עקאָנאָמישען איינפלוס באַנוצען, כדי נאָך מער צו פארשטאַרקען דעם דאָזיגען צושטאַנד. זיי האָבען זעהר ענערגיש נעקעמפט געגען יעדער פּראָבע צו פאַרענדערען די דאָזיגע סיסטעם, און זיי האָבען ביסלעכווייז אויסגעפירט, אַז דאָס וואָס איז פריהער געווען בלויז א געוויינליכער פאַקט, זאָל ווערען א רעכט. די מאַכט פון דעם פירער האָט אָנגעהויבען איבערצוגעהן בירושה אין זיין משפחה. דער צייטווייליגער מלחמה אָרגאַניזאַטאָר איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין א שטענדיגען.

דעם אמת'ן אָנהויב פון דער פעאָדאַלער צייט קען מען ערשט רעכענען פון אָט דער צייט. דער גרויסער ערד־באַזיצער, וועלכער האָט זיך אויסגעטיילט פון דער גאַנצער גרופּע, און וועלכער האָט דעם אמט פון אָרגאַניזאַטאָר געמאַכט פאַר זיין אייגענטום, און האָט אויך מיט אַנדערע מיטלען געמאַכט אַלע אַנדערע מיטגלידער פון דער גרופּע עקאָנאָמיש אונטערטעניג צו זיך, איז דער טיפּישער פעאָדאַל.

אין אַנדערע גרופּען איז די אויסטיילונג פון דעם פעאָדאַל פון דער גאַנצער גרופּע געגאַנגען פיל שנעלער, נאָך אין דער צייט ווען די גרופּע איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען פון א וואַנדערענדער אין א באַזעצענער. דאָס האָט פּאַסירט דאָרט, וואו די עראָבערונג פון לאַנד פאַר א באַזעצען לעבען איז געווען פאַרבונדען מיט גרויסע שוועריגקייטען און מיט א שווערען קאַמף, די מלחמות האָבען נאָך גאַנץ פריה ארויפ־געלייגט זייער שטעמפּעל אויף דעם געבוי פון דער געזעלשאַפט.

די פעאָדאַלע שיכות'ן האָבען זיך שנעל אַנטוויקעלט. פון איין

פּאָליטישע עקאָנאָמיע

זייט איז געוואקסען די פּאָזיטיווע געזעלשאפטליך־נוצליכע ראָליע פון דעם פּעאָדאל אין דעם לעבען פון דער פויערשער קהלה, פון דער צווייטער זייט די געזעצליכע אונטערטעניגקייט פון די פויערים צום פּעאָדאל.

דער פּעאָדאל בויט באפעסטיגטע שלעסער, וואו די פויערים קענען זיך באשיצען בעת אן אָנפאל פון א שונא, דער פּעאָדאל זארגט וועגען בויען וועגען, בריקען א. אז. וו., וואָס זאָלען דינען דער גאנצער קהלה. ווען נאָר די פויערים קענען מיט זייערע אייגענע כחות זיך ניט ספּראַווען מיט זייער ווירטשאפט, קומט זיי דער פּעאָדאל צו הילף. ער אָרגאַניזירט פאר זיי סיסטעמאַטישע הילף אין פאל פון אן אומגערעטעניש, אָדער ווען זיי ווערען רואינירט דורך א מלחמה, א. אז. וו. אויף דאָס אלעס זיינען נויטיג געווען מיטלען. דער פּעאָדאל האָט גאַנץ ווייניג חשק געהאַט מקריב צו זיין זיין אייגענע האָב און גוטס פאר דעם וואָלזיין פון די פויערים. פאר זיין ארבייט און זארג פלעגען די פויערים אים גאַנץ גוט באַצאָלען.

די פּעאָדאַלע עקספּלואַטאַציע האָט געהאַט צוויי הויפּט פאָרמען: ערשטענס, דאָס ארבייטען פאר׳ן פּעאָדאל, דאָס איז געווען די פּריהסטע און מער אָנגענומענע פאָרמע, און צווייטענס, האָט מען אים געגעבען א געוויסען חלק פון די פאַרטיגע פּראָדוקטען. ווען דער פּעאָדאל איז נאָך געווען בלויז א רייכער פויער, פלעגט די געוויינליכע צאָלונג פאר חובות זיין ארבייט. ווען אבער די מאכט פון פּעאָדאל ווערט געגוג באפעסטיגט, ווערט די ארבייט פאר׳ן פּעאָדאל פארוואַנדעלט אין א פליכט, אין די אזוי גערופענע „בארשטשינע“. יעדער פויער איז מחויב צו ארבייטען פאר דעם פּעאָדאל צו וועלכען ער געהערט א באשטימטע צאָל טעג אין יאָר. אין אנדערע פאַלען האָט זיך פאר דעם פּעאָדאל בעסער געלוינט צו קריגען זיין חלק אין דער פאָרמע פון פאַרטיגע פּראָדוקטען, איבערהויפּט איז דאָס אָנגעוווענדעט געוואָרען אויף דער אינדוסטריעלער ארבייט פון די פויערים. די צאָל פון ארבייטס־טעג אָדער פאַרטיגע פּראָדוקטען, וואָס די פויערים האָבען געדאַרפט אוועקגעבען דעם פּעאָדאל, אזוי שנעל ווי עס איז נאָר פעסטגעשטעלט געוואָרען, פלעגט אָפּגעהיט ווערען דורך די געזעצען פון

דער קהלה. עס פאַרשטעהט זיך, אז דער הערשער האָט גאַנץ לייכט זיי געקענט פאַרגרעסערען, אויב דאָס איז פאַר אים געווען נויטיג. די עקספּלואַטאַציע, אין די דערמאָנטע פאָרמען, איז דאָ די סאַמע איינפאַכסטע און אָפענע. די פאַנשטשינע — דאָס איז דער פּשוט'סטער און אָפענסטער וועג פאַר דעם הערשער אוועקצונעמען פאַר זיך די איבער־ארבייט, אָדער דעם איבער־פּראָדוקט פון דעם פויערס ארבייט.

די ווירטשאַפט פון דעם פעאָדאַל, זייענדיג באַגרינדעט אויף די ארבייט פון די פויערים און אויף די פאָרמיגע פּראָדוקטען, וואָס פלעגען געגעבען ווערען אלס אָפּצאָלונגען, איז פאַרט פאַרבליבען בעצם, א נאַטוראַלע ווירטשאַפט. געוויס האָט דער פעאָדאַל זיך געקענט פיל מער און ברייטער באַנוצען מיט'ן אויסטויש, כדי צופרידענצושטעלען זיינע ראַפינירטע באַדערפעניסען. אבער אפילו פאַר'ן פעאָדאַל איז דער אויסטויש אין אָנפאַנג געווען בלויז אן אויסנאַם; אַזוי שוואַך איז נאָך דעמאָלט געווען דער אויסטויש בכלל. דער גרעסטער טייל פון אלץ וואָס ער האָט באַדאַרפט פלעגט דער פעאָדאַל באַקומען פון זיינע פויערים.

אויף וויפיל די ווירטשאַפט פון דעם פעאָדאַל איז פאַרבליבען א נאַטירליכע און זיינע באַדערפעניסען, פאַרברויכס־באַדערפעניסען, זיינען די ארבייטס־טעג און די אָפּצאָלונגען, וואָס די פויערים פלעגען דאַרפען אוועקגעבען דעם פעאָדאַל, געווען באַשרענקט דורך דער באַגרענעצטקייט פון דעם פעאָדאַלס באַדערפעניסען. דעם יאָך וואָס די אונטערטאַנען האָבען געטראָגען איז דערפאַר אין אָנהויב ניט געווען זעהר גרויס. מיט'ן ווייטערען פּראָגרעס פון אויסטויש זיינען זיי נאַטירליך געוואַקסען, ווייל די באַדערפעניסען פון פעאָדאַל זיינען געוואַקסען.

די באַציהונגען צווישען דעם פעאָדאַל און זיינע אונטערטאַנען זיינען ניט געווען קיין איינ־אַרטיגע. איין טייל פויערים איז געווען עקאָנאָמיש מער אָפּהענגיג פון פעאָדאַל, און האָט דערפאַר געטראָגען א שווערערען יאָך, און איז דורך דעם אויך געזעצליך געווען מער אונטערוואָרפען דעם פעאָדאַל; א צווייטער טייל איז געווען פאַר־

פּאָליטישע עקאָנאָמיע

העלטניסמעסיג מער אומאָפּהענגיג, און ווייניג אונטערדריקט. דער מנהג האָט אָט די פונאַנדערטיילונג אָפּגעהיט און זיי איבערגעטראָגן פון דור צו דור.

אָט די צוטיילונג איז אָפּט געווען אָפּהענגיג פון דעם אָרט פון די אָפּגאָבען וואָס דער פּויער האָט געדאַרפט צאָלען דעם פּעאָדאַל. אַ שמיד, וואָס האָט דעם פּעאָדאַל געדאַרפט צאָלען אַ באַשטימטען אָפּגאָב, און האָט מיט אים קיין אַנדער מגע ומשא ניט געהאַט, איז נאַטירליך געווען ווייניגער אָפּהענגיג אָן דעם פּעאָדאַל אין זיין עקאָנאָמישען און רעכטליכען לעבען, איידער דער פּויער וואָס האָט געדאַרפט פאַר'ן פּעאָדאַל אַרבייטען. און אויף דעם אופן אַ באַשטימטע צייט זיין אין דער לאַגע פון אַ שקלאַף. אָפּט ווערט דער כאַראַקטער פון די פליכטען וואָס די פּויערים דאַרפען נאָכקומען, באַשטימט דורך די היסטאָריש אויסגעוואַקסענע באַציהונגען. די שפּעטערדיגע איינוואוינער, וועמען דער פּעאָדאַל האָט צו זיך איינגעלאַדען, און זיי געגעבען געוויסע באַשטימטע פּריווילעגיעס, זיינען, פאַרשטעהט זיך, מערסטענס, פיל פרייער געווען איידער די פריהערדיגע.

מאַנכע פון די אונטערטאַנען פלעגען וואוינען אין דעם פּריצישען הויף, אַלס דינער; זיי פלעגען זיך שוין מיט קיין פּראָדוקטיווער אַרבייט בכלל ניט פאַרנעמען. זיי זיינען געווען אַממערסטענס פאַרשקלאַפּט, ווייל זיי פלעגען לעבען אויסשליסליך אַ דאַנק זייער הערשערס רחמנות. דאָס זיינען געווען הויז־שקלאַפען.

בלויז די אַממערסטענס פאַרשקלאַפּטע פון דעם פּעאָדאַלס אונטערטאַנען, האָבען קיין רעכט ניט געהאַט צו פאַרלאָזען זייער געבורטס־פּלאַץ, און אַוועקגעהן פון אונטער דעם פּעאָדאַלס הערשאַפט. די איבעריגע האָבען דאָס יאָ געמעגט טאָן, אויב זיי האָבען געוואָלט. זיי פלעגען אָבער דערביי מוזען פאַרלירען זייער חלק ערד און זייער גאַנצען אומבאַוועגליכען אייגענטום, כדי די לאָגיק פון אַזאַ פירונג זאָל ווערען פאַרשטענדליך, מוז מען האָבען אין זינען דאָס פאָלגענדע:

די קהלה איז געווען אָפּהענגיג אָן דעם פּעאָדאַל הויפּטזעכליך דערפאַר, ווייל ער האָט זיך גערעכענט פאַר'ן ב א ל ע ב א ס פ ו ן

א. באָגדאַנאָוו

דער גאַנצער ערד, אויף וועלכער זיינע אונטערטאַנען האָבען געוואוינט. אין דער צייט ווען די ערד־ארבייט האָט גע־שפּילט אזא גוואלדיגע ראָליע אין דעם פּראָדוקציאָנס־לעבען פון דער געזעלשאפט, איז געווען גאַנץ נאַטירליך, אז דער פּעאַדאַל זאָל זעהן פּאַרכאַפּען די גאנצע ערד אלס זיין אייגענטום, ווייל דאָס האָט גע־מיינט קריגען די גאַנצע מאכט איבער די מענשען. מיט זיין עקאָנאָ־מישען כח איז דעם פּעאַדאַל דאָס אויך געלונגען. אין יענע אומרו־היגע צייטען פלעגט זעהר אָפט טרעפען, אז א פרייער פויער זאָל מיט'ן גוטען ווילען פּאַרקויפען זיין ערד צום פּעאַדאַל, כדי באשיצט צו ווע־רען פון אים. ער פלעגט זיין ערד גלייך צוריק באקומען אויף צו באַ־ארבייטען, פאַר א געוויסע אָפּצאָלונג, וואָס ער פלעגט דאַרפען מאַ־כען דעם פּעאַדאַל. בכלל, האָט דאָס אייגענטום רעכט אויף דער ערד נאָך ניט געמיינט די הפקר'דיגע פאַרוואַלטונג פון איר. דער פּעאַדאַל פלעגט זיך אַליין פאקטיש אונטערוואַרפען אונטער די אָנגענומענע מנהגים.

די פּעאַדאַלע גרופּע האָט אַלזאָ געהאט דעם כאַראַקטער פון אַן אימעניע (מאַיאָנטעק) מיט א נאַטוראַלער ווירטשאַפט. דעם ערד־איי־גענטימער האָט געהערט די ראָליע פון אָרגאַניזאַטאָר אין אַלע קאָ־לעקטיווע אונטערנעמונגען פון דער קהלה. אין די איינצעלנע משפּחות האָט אָט די ראָליע געהערט צו דעם הויפּט פון דער משפּחה, אין די זאַכען וואָס האָבען געהאַט צו טאָן בלויז מיט דער ווירטשאַפט פון פויערים, אין די אָרגאַניזאַטאָרישע ראָליע פאַרבליבען פאַר דעם ראַט פון דער קהלה, פאַר דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, אָדער פאַר ספּע־ציעל דערוויילטע מענשען. אין איינקלאַנג דערמיט האָבען זיך אויס־געאַרבייט ענליכע רעכטליכע באַציהונגען. דער פּעאַדאַל פלעגט לויט דעם אָנגענומענעם מנהג, קריגען זיין אָפּגאַב אין אַרבייט פון די מיטגלידער פון דער גרופּע, ער איז אויך געווען זייער הויפּט ריכטער און געזעצגעבער. אין די פראַגען אַבער וואָס האָבען מיט'ן פּעאַדאַל קיין שייכות ניט געהאַט, ווי צ. ב. אין דער פראַגע ווי אזוי עס זאָל פּאַרטיילט ווערען די ערד צווישען די איינצעלנע פויערשע ווירט־שאַפטען, אָדער אין סכסוכים צווישען מיטגלידער פון דער גרופּע,

פאליטישע עקאנאמיע

פלעגט די קהלה האנדלען זעלבסטשטענדיג, און אירע באשלוסען פלעגען דורכגעפירט ווערען פון אירע דערוויילטע פארשטעהער*)

די באציהונגען צווישען די גרופען אין דער פעאדאלער געזעלשאפט.

די עקאנאמישע זעלבסטשטענדיגקייט פון דער פעאדאלער אימעניע (מאיאנטעק) איז געוועזן גאנץ באדייטענד, אבער ניט אבסאלוט. וואס אנבאלאנגט מלחמות, זיינען די כחות פון יעדער גרופע באזונדער ניט געוועזן גענוג כדי זיך פארטיידיגען קעגען די שונאים, ווי צ. ב. ש. קעגען די וואנדערענדע שבטים, וואס פלעגען אפט אנפאלען אויף דער פעאדאלער אייראפע, אדער אפילו פשוט, קעגען שכנ׳ישע פעאדאלען, וואס זיינען געוועזן שטארקער פון א וועלכער עס איז גרופע.

אויף אט דעם באדען האבען זיך אויסגעארבייט באציהונגען צווישען די איינצעלנע פעאדאלען, וואס זיינען געוועזן ענליך צו די, וואס האבען געהערשט צווישען יעדען פעאדאל באזונדער און זיינע פויערים. אויב די נויטווענדיגקייט צו פארטיידיגען זיך האט געבראכט דערצו, אז דער איינצעלנער פויער זאל זיך אונטערווארפען אונטער דער מאכט פון דעם פעאדאל, האט די זעלבע נויטווענדיגקייט געצוואונגען די שוואכערע פעאדאלען זיך אונטערווארפען אונטער דער מאכט פון די שטארקערע. אפט פרייוויליג און אפט נאך א פארלארענעם קריג, פלעגט דער פעאדאל אנערקענען די אויבערמאכט פון א צווייטען, א שטארקערען פון אים. צוזאמען מיט זיין חיל פלעגט ער קעמפען אונטער דער פירערשאפט פון זיין הערשער אין דער צייט

*) עס איז פאראן א מיינונג, אז די פעאדאלע ארדנונג איז אנטשטאנען דורך דעם וואס איין שבט האט באזיגט דעם צווייטען, אין מאנכע פאלען איז דאס טאקע אזוי געוועזן. דער פעאדאל איז געוועזן דער זיגער, און עס איז גאנץ פארשטענדליך, אז אונטער אזוינע אומשטאנדען, האט געמוזט פארקומען א צוטיילונג צווישען די זיגער און די באזיגטע, אבער כדי צו שאפען א פעאדאלע ארדנונג, אין דאס באזיגטע לאנד, האבען די פעאדאלען שוין אפריהער געמוזט אזא ארדנונג האבען ביי זיך, און אזוי איז דאס טאקע אין די מערסטע פאלען געוועזן.

א. באַנדראַנאָוו

פון קריג (אויך א באשטימטער אפּגאָב) און אפט פלעגט ער אויך צאָלען א באשטימטען אפּגאָב. אין געוויסע פאלען פלעגט ער זיך אונטערוואַרפען אונטער'ן משפט פון דעם אויבער־הערשער. אין די אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון דער אימעניע פלעגט אבער דער אויבער־הערשער זיך ניט מישען.

דער אויבער־הערשער אליין פלעגט זיך ווייטער אונטערוואַרפען אונטער נאָך א שטאַרקערען, און אזוי ווייטער ביז'ן קעניג. דער לעצטער, ווי עס וועט שפּעטער באוויזען ווערען, פלעגט אין מאנכע הינזיכטען, זיך אליין אונטערוואַרפען צו נאָך א שטאַרקערען פון אים, דעם שטאַרקסטען פעאָדאַל פון יענער צייט — צו דער קאַטוילישער קירכע.

דער קעניג איז געווען דאָס פאַר־לעצטע רינגעלע אין דער קייט פון הערשער. אין די אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון זיינע אונטער־טאַנען פלעגט ער זיך ניט אריינמישען, און אויך אפילו אין אויסער־ליכע — איז זיין איינפלוס ניט זעהר גרויס געווען. די פעאָדאַלען פלעגען פירען מלחמות גאנץ אומאפּהענגיג פון אים, און פלעגען זעלבסטשטענדיג אריינטרעטען אין געוויסע אפּמאַכען צווישען זיך. ניט זעלטען פלעגט טרעפען, אז די קעניגליכע מאַכט האָט עקזיסטירט בלויז אין נאָמען.

ביי אזא צוברעקעלטקייט און ניט פעסטקייט פון פאַרבינדונגען צווישען די באזונדערע טיילען פון דער געזעלשאַפטליכער אָרגאַני־זאַציע, און איבערהויפּט צוליב דער אומאַנטוויקעלטער טעכניק, וואָס האָט אימער געהאַלטען אין איין שאַפען אן אבסאָלוטע איבער־באַ־פעלקערונג, איז די פעאָדאַלע וועלט געווען פאַר'משפט צו שטענדיגע מלחמות. נאָך דער ערד־ארבייט האָט די מלחמה אָהן ספק פאַרנו־מען דעם וויכטיגסטען פּלאַץ אין די מענשליכע טעטיגקייטען.

רעדענדיג וועגען דער „אבסאָלוטער איבער־באַפעלקערונג" פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט, דאַרף מען האָבען אין זינען, אז דאָ האָט שוין דער אויסדרוק אן אנדער באַדייטונג. די איבער־באַפעלקערונג אין דער פעאָדאַלער צייט דריקט זיך אויס ניט בלויז אין דעם, וואָס א געוויסען טייל פון דער באַפעלקערונג פעלען אויס די נויטיגסטע

לעבענסמיטלען, און זי פארכאפט שוין ניט בלויז די נידעריגסטע שיכ־טען פון דער געזעלשאפט; דאָ איז אויך פאראן אן איבערבאפעלקע־רונג פון פעאָדאלען. אויב אפילו די משפחה פון דעם פעאָדאל זאָל ניט פונאנדערוואקסען, איז צוליב דעם, וואָס די טעכניק איז געשטאַנען אויף אן אָרט און די פויערשע געזעלשאפט איז געוואקסען, וואָלט רק פאר׳ן פעאָדאל אלץ שווערער געוואָרען צו באקומען די אלע נויטיגע זאכען כדי צופרידענצושטעלען זיינע ברייטע באדערפענישען. בלויז פון די פויערים וואָס האָבען געוואוינט אין זיין אימעניע, אָבער נאָך שווערער ווערט דאָס, ווען די צאָל פון די פעאָדאלען גופא וואקסט אויס. בעצם האנדעלט זיך דאָ פונקט ווי פריהער וועגען די אומגלייכ־הייט צווישען דעם סכום פון פארברויכס־מיטלען, וואָס מען קען פראָ־דוצירען מיט א באשטימטער טעכניק אויף א באשטימטען שטח ערד, און דער סכום פון די באדערפענישען פון דער אלץ מער וואקסענדער באפעלקערונג. מען דארף אבער דערביי האָבען אין זינען ניט בלויז די באדערפענישען פון דער באפעלקערונג, וועלכע זיינען פארהעלטנים־מעסיג ניט קיין גרויסע, נאָר אויך די הויך אנטוויקעלטע באדערפע־נישען פון דעם קלאס פון פעאָדאלען. היות, ווי די הויך־אנטוויקעלטע באדערפענישען פון די פעאָדאלען ווערען באשטימט דורך די סאָציאלע באציהונגען פון דער געגעבענער אָרדנונג, קען מען אָננעמען, אז די איבער־באפעלקערונג איז שוין דער רעזולטאט ניט בלויז פון דעם מענשענס שיכות צו דער נאטור, נאָר טיילווייז אויך פון די באציהונ־גען צווישען די מענשען גופא (דער איבערגאנג צו די רעלאטיווע אי־בער־באפעלקערונג פון די שפּעטערע צייטען איז אינגאנצען אָפּהענגיג אין דער צווייטער אורזאך).

די מיליטאריסטיש־פעאָדאלע ארגאניזאציע האָט אויף דעם אופן, ניט נאָר ניט געקענט פארלייכטערען פאר דער אייראָפּעאישער באַ־פעלקערונג דעם שווערען יאָך פון די מלחמות, וועלכער האָט שרעק־ליך געדריקט די פויערים, נאָר זי אליין איז טיילווייז געווען די אור־זאכע פון זיי. זי איז פונקט אזוי אומפעהיג געווען פאר דער צופרי־דענשטעלונג פון אנדערע נויטען פון דער פעאָדאלער וועלט. די אב־סאָלוטע איבער־באפעלקערונג אין אייניגע פלעצער און די אומצאָליגע

א. באָגדאַנאָוו

מלחמות, האָבען געשאַפען אַ מאַסע אָרעמע מענשען, וואָס האָבען פּשוט ניט געהאַט מיט וואָס צו לעבען, ווייל זיי האָבען ניט געהאַט ביי וואָס צו אַרבייטען, זאָרגען וועגען די דאָזיגע אומגליקליכע האָט זיך פאַר די פעאָדאַלען מערסטענס ניט געלוינט, ווייל זיי האָבען קיין שום נוצען דערפון ניט געקענט האָבען. אין דער פּראָגראַם פון די מיליטערישע פעאָדאַלען איז אויך ניט אַריין דאָס זאָרגען וועגען קאַליקעס. קראַנקע א. אַז. וו. אויסערדעם, זיינען זיי ניט געווען בכח צו פאַרזיכערען אויף וויפיל עס איז דעם אויסטויש, אָדער אַנדערע באַציהונגען, צווישען פאַרשיידענע גרופּען און לענדער, אַט די באַציהונגען, הגם זיי זיינען נאָך געווען זעהר שוואַך אַנטוויקעלט, האָבען פונדעסטוועגען דאָך עקזיסטירט און זיינען געווען אַן עקאָנאָמישע נויטווענדיגקייט, ווייל די פעאָדאַלע גרופּע האָט ניט געקענט פּראָדוצירען פאַר זיך אַליין אַלץ וואָס זי האָט געדאַרפט, שוין אפילו צוליב דער קליינער צאָל מענשען פון וועלכע זי איז צוזאַמענגעשטעלט. זי האָט זיך ניט געקענט באַגעהן אָהן וועלכע עס איז פאַרבינדונגען מיט אַנדערע גרופּען. מעטאַלען, געצייג, זאַלץ, ווייז און מאַנכע מאַטעריאַלען פאַר קליידער, קענען פּראָדוצירט ווערען בלויז אין באַשטימטע פּלעצער. מיט איין וואָרט, די פעאָדאַלע געזעלשאַפט האָט אַ גאַנצע רייהע באַדערפענישען ניט געקענט צופרידענשטעלען. דאָס האָט געשאַפען אַ באַדערפעניש פאַר אַן אַנדער סאָרט אָרגאַניזאַציע, אַן ענגערע און אַ מער איינהייטליכע, וואָס זאָל אַריינגעמען די גאַנצע פעאָדאַלע וועלט.

אַלס אַזאַ אָרגאַניזאַציע איז אַרויסגעטראָטען די קאַטוילישע קירכע.

זי איז אַנטשטאַנען אין אַן איבערגאַנגס־צייט, ווען די אַלטע קלאַסישע וועלט איז פונאַנדערגעפאַלען, און איבערגעלאָזען איר פּלאַץ פאַר אַ צווייטער, מיט נייע (מיטעל־אַלטערליכע) לעבענס־פאָרמען. אין דער צייט, ווען די רוימישע אימפּעריע איז געפאַלען, האָט דער אונטערגאַנג פון דער געזעלשאַפטליכער פּראָדוקציע, רואינירט אַ מאַסע מענשען; די קריסטליכע קירכע איז דאַן, גלייך אין אָנהויב אַרויסגעטראָטען אַלס אָרגאַניזאַציע צו העלפען די אומגליקליכע. אַט די

ראַליע איז געווען פאַר דעם קריסטענטום זעהר נאַטירליך, ווייל דאָס איז דאָך געווען די אידעאָלאָגיע פון די „אַרויסגעשטויסענע" פון דער אַלטער וועלט, די אידעאָלאָגיע פון די דאַמאָלסטדיגע פּראָלעטאַריער און אויך טיילווייז פון די שקלאַפען. (דערמיט דערקלערט זיך אויך דער פאַקט, וואָס דער קריסטענטום איז אין אָנפאַנג אַרויסגעטראָטען אין דער געשיכטע, אַלס קאָמוניסטישע סעקטע, וואָס איז געגען פּריוואַטען אייגענטום.) דער ענערגישער קאַמף פון דער אָפּגעלעבטער גע־צענ־דינערשער וועלט געגען דעם קריסטענטום, האָט אים נאָך שטאַר־קער געמאַכט, צוגעבענדיג אים מער פעסטקייט. וואָס טיפער עס איז געפאַלען די אַלטע שקלאַפען־וועלט, אַלץ ברייטער איז זיך פונאַנדער־געוואַקסען און אַלץ פעסטער האָט זיך אָרגאַניזירט די קאַטוילישע קירכע. איר אָרגאַניזאַציאָנס־פאָרמע איז געווען אַ שטרענג צענטראַ־ליזירטע, אויף דעם אופן ווי אַרמעען זיינען אָרגאַניזירט. דער פונדאַ־מענט פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע איז געווען די אונטערטעניג־קייט פון די נידעריגערע מיטגלידער צו די העכערע, די הויפּט מאַכט איז געווען קאָנצענטרירט אין איין מענשען — אין דעם פּאַפּסט. אַזאַ אָרגאַניזאַציע איז אַמבעסטענס צוגעפּאַסט צו אַ קאַמף. ניט אומזיסט איז זי געשאַפען געוואָרען אין אַן אומאויפהערליכען קריג, פריהער אין אַן אויסערליכען און שפּעטער איבערהויפּט אין אַן אינערליכען (געגען אַפּיקורסים).

אין מיטעלאַלטער האָט די געזעלשאַפטליכע ראָליע פון דער קיר־כע געהאַלטען אין איין וואַקסען אין פאַרלויף פון פילע יאָר־הונדערטער. די לאַגע איז געווען אַזאַ, אַז די קאַטוילישע קירכע איז געווען גע־צוואונגען צו נעמען אויף זיך די אָרגאַניזאַטאָרישע טעטיגקייט פאַר דער צופרידענשטעלונג פון די באַדערפעניסען, וועגען וועלכע עס איז אין יענער צייט ניט געווען ווער עס זאָל זאָרגען. אין מיטעל־אַלטער האָט די קירכע טיילווייז דורכגעפירט די געזעלשאַפטליך־עקאָנאָמישע אויפגאַבען, וועלכע זי האָט אויף זיך גענומען פריהער, אין דער צייט פון דער רוימישער אימפּעריע, און טיילווייז אויך גאַנץ נייע, וועלכע דאָס לעבען האָט געשאַפען. דאָס אַלעס איז געווען מעגליך און נויטיג, טאַקע דערפאַר ווייל די קירכע איז געווען די גרעסטע און די

א. באַגדאַנאָוו

ענג־צוזאַמענגעבונדענע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע פון יענער צייט.

ווי אַזוי איז אויסגעוואַקסען אַט דער גרויסער כח פון דער קירכע? די הויפּט אורזאַך איז געווען איר צדקה ארבייט פאַר די אָרעמע, עקאָנאָמיש אונטערדריקטע און אַפּשטאַרבענדע עלעמענטען פון דער באַפעלקערונג. אַט די צדקה האָט געגעבען דער קירכע א געוואַלדיגען איינפלוס אויף די פאָלקס־מאַסען, מיט וועלכען עס האָט זיך געמוזט רעכענען די הערשענדע מאַכט פון דעם רוימישען שטאַט — די ביוראָקראַטיע. — ווען די פראַגע צו דערטרינקען די מאַכט פון קריסטענטום אין טייכען בלוט האָט זיך ניט איינגעגעבען, האָט זיך די אימפּעריע אונטערגעגעבען און אָנגעהויבען זוכען א בונד מיט דער דאָזיגער מעכטיגער אָרגאַניזאַציע. ווען די קירכע איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען פון א פאַרפאָלגטער אין א הערשענדער, האָט זי זעהר שנעל אָנגעהויבען וואַקסען, און אירע אוצרות זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט גרויסע נדבות, וואָס פלעגען קומען פון פאַרשיידענע פאָלקס־שיכטען. די אימפּעראַטאָרס, און שפּעטער די גערמאַנישע קעניגען און הערצאָגען, וועלכע האָבען גוט פאַרשטאַנען דעם נוצען פון א פאַרבינדונג מיט דער קירכע, פלעגען איר געבען א סך ווערטפולע מתנות, צווישען זיי גאַנץ גרויסע שטיקער ערד. דאָס פלעגט געוויינליך זיין פאַר פאַרשיידענע טובות, וואָס די קירכע פלעגט זיי טאָן. די טובות זיינען באַשטאַנען ניט נאָר אין דעם, וואָס די קירכע פלעגט זאָרגען וועגען די אָרעמסטע שיכטען פון דער באַפעלקערונג, נאָר מער אין דעם, וואָס מיט דעם גאַנצען כאַראַקטער פון איר לערע, האָט די קירכע מיטגעהאָלפען אויפצוהאַלטען שלום און אָרדנונג אין דער געזעלשאַפט. שוין אין דער צייט ווען די אימפּעריע איז געפאַלען, האָט שוין די קירכע זיך באַטייליגט אין די פּאָליטישע סכסוכים פון דער צייט, און האָט מיטגעהאָלפען דעם זיג פון די, אויף וועמעס זייט זי האָט זיך געשטעלט. שוין דעמאָלט האָט זי מיט אירע כחות דורכגעפירט א באַדייטענדע צאָל געזעצגעבענדע ארבייטען און אַלגעמיינע מלוכה־ענינים. ווען אָבער די באַרבאַרען האָבען פאַרנומען דעם פּלאַץ פון דער אימפּעריע, איז עס פאַרבליבען פאַר די גלחים איינצופירען אָרדנונג אומעטום. די באַרבאַרען האָבען דאָס בשום אופן אליין ניט גע־

קענט טאָן. זייער פריהערדיגע געשיכטע, וואָס אירע הויפט כאַראַקטער־שטריכען זיינען געווען צוברעקעלטקייט און שטענדיגע מלחמות, האָט זיי ניט דערצויגען, אַז זיי זאָלען קענען אליין איינפירען אָרדנונג. די גלחים זיינען פון דער אַנדערער זייט געווען ערפאַרענע אָרגאַניזאַטאָרען, פאַר זיי איז די ראָליע פון אַ געזעלשאַפטליכען אָרגאַניזאַטאָר געווען אַ געוויינליכע זאַך. עס איז דערפאַר פאַרשטענדליך, אַז די אַרבייט פון געזעצגעבונג און אַדמיניסטראַציע זאָל איבערגענומען ווערען פון די גלחים.

די אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבייט, מיט וועלכער די קירכע האָט זיך פאַרנומען, האָט איר נאַטירליך פאַרשאַפט אַ גאַנץ באַדייטענדען חלק אין דער געזעלשאַפטליכער אַרבייטס־טיילונג. שוין אין אָנהויב פון מיטעל־אַלטער האָט די קירכע פאַרמאָגט גרויסע רייכטימער, וועלכע זיינען באַשטאַנען איבערהויפט אין לענדערייען. די קירכע איז געווען דער גרעסטער און רייכסטער פעאָדאַל פון יענער צייט, אַ פעאָדאַל, וועמעס באַזיץ איז געווען פאַרשפרייט אומעטום, איז אָבער געווען פאַראייניגט אונטער צענטראַליזירטער פאַרוואַלטונג. דאָס האָט געשאַפען די מעגליכקייטען פאַר דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג און אויסברייטונג פון דער אָרגאַניזאַטאָרישער טעטיגקייט פון די גלחים.

די לענדערייען, וואָס די קירכע האָט פאַרמאָגט, האָבען געטראָגען פיל מער פּראָדוקטען איידער די קירכע האָט געקענט פאַרברויכען. אונטער דער הערשאַפט פון דער נאַטוראַלער ווירטשאַפט האָט מען יענע איבעריגע פּראָדוקטען ניט געקענט פאַרוואַנדלען אין געלט און דאָס איינשפּאַרען אויף שפּעטער. פאַר דער קאַטוילישער קירכע האָט זיך בעסער געלוינט יענע איבעריגע פּראָדוקטען צו פאַרברויכען אַלס צדקה, אַלס הילף פאַר די אָרעמע, קראַנקע און אַלטע, ד. ה. אייגענטליך פאַרטזעצען נאָך אויף אַ גרעסערען מאַסשטאַב דאָס, וואָס זי האָט נאָך אָנגעהויבען אין דער צייט פון דער אימפּעריע.

אויסער דעם, האָט די קירכע געמוזט קעמפען מיט דער טיפער עקאָנאָמישער געזונקענקייט פון דער געזעלשאַפט, וואָס איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון די אומאָרדנונג און אומרוהיגקייט פון דער איבערגאַנגס־צייט. אויך אין דעם האָבען זיך די באַרבאַרען אין אָנהויב

א. באַגדאַנאָוו

ארויסגעוויזן פונקט אזוי אומפעהיג עפעס צו טאָן, ווי פריהער, צו אָרגאַניזירן דעם שטאַט. לויט דער אנטוויקלונג פון זייערע פּראָדוק־טיווע כחות זיינען זיי געשטאַנען פיל נידעריגער ווי די רוימער. די קלויסטערס הויבן אָן צו לערנען די באַרבאַרן ערד־אַרבייט און פאַר־שיידענע מלאכות, זיי ווערן די פאַרשפּרייטער פון טעכנישען ווי־סען, פון דער מאַטעריעלער קולטור.

די אומענדליכע מלחמות אינווענינ, אין דער פעאָדאלער וועלט, זיינען פאַר דער קירכע געווען גאַנץ אומבאַקוועם. שוין ניט רעדענ־דיג פון דעם וואָס די לענדער און אוצרות פון דער קירכע פלעגען אָפט ליידען דירעקט פון די מלחמות, פלעגען די מלחמות צווישען די פעאָדאַלען זיין פאַר דער קירכע שעדליך דערמיט, וואָס זיי פלעגען צו־שטערען דעם וואָלזיין פון דער באַפעלקערונג, און דערמיט אָפּשוואַ־כען דעם קוואַל פון די קירכליכע הכנסות. די קירכע, אלס א ל ג ע־מ י י נ ע אָרגאַניזאַציע פון דער פעאָדאַלער וועלט, האָט זיך בכלל געקענט אויפהויבען איבער דעם ענגען בליק פון דעם פעאָדאַל, און האָט געקענט פאַרטיידיגען די אינטערעסען פון דער געזעלשאַפטלי־כער אָרדענונג אפילו דאָרט וואו זי איז אַליין דעריין ניט געווען די־רעקט פאַראינטערעסירט. די קירכע האָט דעריבער מיט אַלע כחות געזוכט אמוועניגסטענס אוועקצושטעלען א געוויסען גרענעץ צו די מלחמות. ניט זעלטען פלעגט זי ארויסטרעטען אלס א פאַרמיטלערען צווישען די צדדים. אָט די ראָליע פלעגט איר אָפט ברענגען דירעקטע מאַטעריעלע נוצען, ווייל איר דינסט אלס שלום מאַכערין פלעגט ניט בלייבען אומבאַצאָלט. אויסער דעם האָט די קירכע באַשטימט גע־וויסע טעג פון „געטליכען פרידען,“ הגם יענע טעג פלעגען בכלל גע־רעדט, שלעכט אָפּגעהיט ווערען. פונדעסטוועגען פלעגען זיי אביסעל יאָ אָפּגעהיט ווערען, דאָס פלעגט לאָזען דער באַפעלקערונג זיך כאָטש אבי־סעל אָפּרוהען. זי האָט אויסגעקעמפּט א פאָרמאַלע און פאַקטישע אומבאַריהרבאַרקייט פון די קלויסטערס, און קירכליכען אייגענטום. דאָס אַלץ האָט ניט נאָר פאַרקלענערט די שרעקען פון די פעאָדאַלע מלחמות, נאָר דאָס האָט אויך באַשאַפען א געוויסע זיכערקייט פאַר די אויסטויש־באַציהונגען אין דער פעאָדאַלער וועלט. דער קלויסטער

איז געוואָרען דער טויש־צענטער, און „די טעג פון געטליכען פרידען" — האנדעלס־טעג.

די געזעלשאַפטליך עקאָנאָמישע ראָליע וואָס די קירכע האָט גע־שפּילט, האָט איר פאַרשאַפט א געוואַלדיגע מאַכט איבער די מחות פון די פאָלקס־מאַסען. די דאָזיגע מאַכט האָט איר געדינט כדי נאָך מער צו פאַרגרעסערען איר כח און רייכטום. די גלחים האָבען פאַר זייער אייגענעם נוצען איינגעפירט א שטייער אויף ערד־ארבייט — דעם „קירכליכען מעשר", זיי האָבען אָרגאַניזירט א ברייטע סיסטעם פון זאַמלונגען אויף פאַרשיידענע פילאַנטראָפּישע צוועקען, זאַמלונגען וואָס האָבען געהאַלטען אין איין וואַקסען. די נדבות וואָס פלעגען אָפט אָנטרעפען גאַנץ גרויסע סומען פלעגען אַלע אריינקומען אין די הענט פון די גלחים; די וויכטיגסטע צווישען די דאָזיגע נדבות זיינען גע־ווען די געשענקטע לענדערייען. א דאַנק זיי איז אם ענדע פון מיטעל־אַלטער ניט ווייניגער ווי א דריטעל פון דער גאַנצער ערד, געווען אין די הענט פון די גלחים, און דערצו זיינען דאָס געווען די בעסטע טיילען פון דער ערד.

בלויז די קירכע, פאַרשטאַרקענדיג איר איינפלוס דורך האַנדער־טער יאָרען טעטיגקייט, איז געווען בכח צו פאַראייניגען די גאַנצע פעאָדאַלע וועלט, פאַר איר קאַמף קעגען אירע אַלגעמיינע שונאים — די מזרח פעלקער (די קרייץ צוגען.) אין אַלע פאַלען, ווען עס איז אַנטשטאַנען א נויטווענדיגקייט צו אָרגאַניזירען א קהל'שע טעטיגקייט אין אזעלכע געגענדען, וואו די פעאָדאַלען פלעגען ניט קענען דער־גרייכען, אָדער וואָס זיינען פאַר די פעאָדאַלען געווען צו אויסערגע־וויינליך גרויס, איז ארויסגעטראָטען די קאַטוילישע קירכע — די אַל־געמיינע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון מיטעל־אַלטערליכען איירָאָפּע.

דעם עקאָנאָמישען בוי פון דער פעאָדאַלער איירָאָפּע דאַרף מען זיך בכלל פאָרשטעלען אזוי: אויפ'ן באָדען פון קליינער טעכניש־שוואַכער ערד־ארבייט, פון וועלכער עס האָבען זיך נאָך ניט אויסגע־טיילט די פאַרשיידענע מלאכות, זיינען אַנטשטאַנען קליינע, אָבער גאַנץ ענג פאַרבונדענע, נאַטוראַל ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס — די קהלות פון די ערד־ארבייטער. אויף די פעלדער פון דער געזעל־

א. באָגדאַנאָוו

שאַפּטליכער ארבייט וואו עס איז נויטיג געווען אן איינהייטליכער אָרגאַניזאַטאָרישער ווילען, איז ארויסגעטראָטען די מאַכט פון פּעאַדאַל, וועלכער האָט אין זיך פאַראייניגט די אָרגאַניזאַטאָרישע ראָליע פון דער פּראָדוקציע אין דער פונאַנדערטיילונג. די באַדערפעניש פאַר א ברייטערער מיליטערישער צוזאַמענווירקונג האָט באַשאַפען די קאַמפּ־ליצירטע אָבער שוואַכע אָרגאַניזאַציע פון אויבערהערשאַפט — דעם שטאַט, וואָס איז געווען געבויט אויף א באַשרענקטער אונטערטע־ניגקייט פון איין פּעאַדאַל צום צווייטען. א גאַנצע רייהע אַנדערע באַדערפענישען, וועלכע האָבען ניט געקענט באַפרידיגט ווערען פון דער פּעאַדאַלער אָרגאַניזאַציע, א דאַנק איר ספּעציעלען מיליטערישען כאַראַקטער און שוואַכער אָרגאַניזאַציע, האָבען ארויסגערופען די אָר־גאַניזאַטאָרישע טעטיגקייט פון דער קירכע, ניט בלויז אין דער פּראָ־דוקציע נאָר אויך אין דער פונאַנדערטיילונג. גלייכצייטיג האָבען געשפּילט א נויטווענדיגע ראָליע, הגם אומבאַמערקט, די אויסטויש־שיכות׳ן, מערסטענס נאָך דערוויל אין אָנפאַנגס־פאָרמע, אין דער פאָרמע פון בייטען עפּעס מיט א שכן, און אויך טיילווייז אין דער פאָרמע פון פּראָדוקטען־אויסטויש צווישען פאַרשיידענע גרופּען און אפילו פאַרשיידענע לענדער.

3) די גרונט־שטריכען פון דער געזעלשאַפטליכער פּסיכאָלאָגיע פון פּעאָדאַליזם.

די לאַגע פון דעם יחיד האָט זיך אין דער פּעאַדאַלער עפּאָכע ווייניג וואָס אונטערשיידט פון דער לאַגע אין וועלכער ער איז געווען אין דער צייט פון דער פּאַטריאַרכאַלער משפחה. אין דער פויערשער משפחה זיינען די פּאַטריאַרכאַלע שיכות׳ן פאַרבליבען אין זייער גאַנ־צער ריינקייט. איבער דעם פויערס פּערזענליכקייט — דעם הויפּט פון דער משפחה, איז געשטאַנען די אויטאָריטעט פון קהל, ווייטער — די אויטאָריטעט פון פּעאַדאַל און אם ענדע — די אויטאָריטעט פון דער קאַטוילישער קירכע. די מאַכט פון די דאָזיגע אויטאָריטעטען

איז געווען אן אומגעהויערע, און זייער ווירקונג האט געהאט א טי־פען קאנסערוואטיווען כאראקטער.

די קהלה איז געווען די אפהיטערין פון די מנהגים וואס זיינען פארבליבען פון אלטע צייטען, פון אלע אלטע פארמען, טעכנישע, עקאנאמישע און אידעאלאגישע. יעדע נייע איינפירונג האט ארויס־גערופען אין איר א העפטיגען ווידערשטאנד, ווייל דאס האט געמיינט, דער צוזאמענברוך פון די אלטע לעבענס־פונדאמענטען און פון דער איינהייטליכקייט פון דעם כלל, וועלכע מען האט אינסטינקטיוו אפ־געהיט מיט אלע כחות. דער גרעסטער קאנסערוואטיזם איז דער טעכניק פון דער ערד ארבייט איז פריהער פון אלץ געווען דער רע־זולטאט פון דער נידעריגער פראדוקטיוויטעט פון דער פויערשער אר־בייט; זיין גאנצע ארבייטס־ענערגיע איז ביי אים אוועקגעגאנגען אויף דער באפרידיגונג פון זיינע איינענע נויטיגסטע באדערפענישען, און צו שאפען די צאל פראדוקטען וואס ער האט געדארפט אוועקגעבען דעם פעאדאל, קיין איבעריגע ארבייטס־ענערגיע וואס ער זאל קענען אוועק־געבען פאר דער אנטוויקלונג פון זיינע פראדוקציאנס מעטאדען, האט דער פויער ניט געהאט. ווייטער, די גאנצע סיסטעם פון דער קהל'־שער אויסנוצונג פון דער ערד, האט אפילו ניט דערלאזען דעם געדאנק פון טעכנישע פארבעסערונגען, די נאהענטקייט פון די איינצעלנע פעלדער, און די מאדע צו פארוואנדלען די פעלדער, נאך דעם ווי די תבואה איז פון זיי אראפגענומען געווארען אין אלגעמיינע פאשע־פעל־דער, האט געצוואונגען יעדען איינעם אינגאנצען נאכצוטאן אלץ וואס אלע אנדערע פלעגען טאן; די אפטע איבערטיילונגען פון די פעלדער הא־בען אוממעגליך געמאכט פאר דעם איינצעלנעם פויער צו זארגען ווע־גען דער פרוכטבארקייט פון א באשטימטער שטיק ערד. די ערד האט דאך נאר געהערט דעם פויער אויף א ווייל'ע. דער קאנסער־וואטיזם אין דער טעכניק האט געמיינט אויך קאנסערוואטיזם אין אלע ספערען פון לעבען, ווייל דער טעכנישער פראגרעס איז דער אנהויב פון יעדען אנדערען פראגרעס.

די אפגעניינטקייט, וואס די ציווילע און רעליגיעזע ארגאניזאציע פון דער פעאדאלער צייט האט ארויסגעוויזען צו יעדער ענדערונג אין

א. באַנדאַנאָוו

די אַלטע לעבענס־פאַרמען, איז געווען איבערהויפּט דער רעזולטאַט פון זייער שרעק, אַז אַזעלכע ענדערונגען קענען שטאַרקער מאַכען די איבעריגע קלאַסען. די ביידע דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס האָבען גע־קענט שפּילען אַ וועלכע עס איז פּראָגרעסיווע ראָליע, בלויז אין דער צייט ווען זייער מאַכט איז נאָך ניט געווען שטאַרק גענוג באַפעס־טיגט; ביז יענער צייט האָט די פּסיכאָלאָגיע פון ביידע גרופּען גע־קענט זיין ניט גאַנץ קאָנסערוואַטיוו. פון דער צייט אָן אָבער, ווען די פעאָדאַלע אָרדנונג האָט זיך שטאַרק באַפעסטיגט, און האָט גע־געבען דעם לעבען אַלץ וואָס זי האָט געקענט, פון יענער צייט אָן, ווערען די הערשענדע גרופּען, אין איינקלאַנג מיט זייערע אייגענע אינטערעסען, די שטאַרקסטע געגנער פון יעדער ווייטערער אַנטוויק־לונג.

דער פּויער פון יענער צייט, טראָגענדיג אויף זיך די שווערע לאַסט פון די לעבענס־באַדינגונגען, ווערענדיג שיעור דערשטיקט אונ־טער די פאַרשיידענע מאַכטען, האָט זיך אויסגעצייכענט מיט דער אומבאַוועגליכקייט פון זיין גייסט און בלינדער אונטערטעניגקייט צו אַלץ וואָס איז געוואָרען אַ מנהג. די פּסיכאָלאָגיע פון די פּויערים איז געווען אַ שטאַרקע שטערונג פאַר דער ווייטערער אַנטוויקלונג.

אין אַן עטוואָס בעסערען צושטאַנד האָט זיך געפונען דער בעל־מלאכה. אין זיין פּראָדוקטיווער טעטיגקייט איז ער געווען פריי פון די געזעלשאַפטליכע פאַרמען, און די מלאכות זיינען ניט געווען אַזוינע שטערונגען פאַר׳ן פּראָגרעס ווי אין דער ערד ארבייט. פאַרנעמענדיג, אַ דאַנק זיין ארבייט, אַ באַזונדערען אָרט אין דער געזעלשאַפט, האָט דער בעל־מלאכה געקענט מיט גאַנץ ווייניג אָנשטרענגונג ענדערען זיינע ארבייטס מעטאָדען, און אפילו די פעאָדאַלע הערשער פלעגען זיך געגען דעם ניט שטעלען, ווייל דער בעל־מלאכה פלעגט בכלל ווייני־גער האָבען צו טאָן מיט׳ן פעאָדאַל ווי דער ערד ארבייטער. אויסער דעם פלעגט די קונסט פון דעם בעל־מלאכה בכלל, דערמוטיגט ווערען פון די העכערע קלאַסען, ווייל וואָס מער קינסטלער דער בעל־מלאכה איז, אַלץ בעסערע און פאָלקאָמענערע פּראָדוקטען האָט ער געקענט שאַפען פאַר זיינע באַלעבאַטים. אַ דאַנק אָט די אומשטאַנדען, איז

פאָליטישע עקאָנאָמיע

די פּסיכיק פון די בעלי מלאכות געווען מער צוגעפּאסט פאר דער ווייטערער אנטוויקלונג ווי די פּסיכיק פון דעם פּויער.

דער אלגעמיינער טיף פון דער וועלט אנשויאונג פון יענער צייט האט איז זיך א סך, וואס איז גאנץ ענליך צו דער צייט פון דער פּאטרי־ארכאלער משפּחה, און קען צוריקגעפירט ווערען צו אן עטוואס פארענדערטער פארמע פון פעטישיזם. די דערקענטעניש פון אור־זאכען שטעלט זיך אויך דא אפּ אויף עפּעס „א געהיימער קראפט" וואס איז באהאלטען ערגעץ הינטער די רעאלע זאכען.

די דאזיגע פארמען פון דענקען האבען געהערשט, צוזאמען מיט נאך עלטערע, איבערגעבליבענע פארמען, ביי אלע געזעלשאפטליכע קלאסען. די קאטוילישע פיל־געטהייט וואס איז אויפגעבויט געווארען לויט'ן פעאדאלען טיפּ, האט מיט זיך פארפאלקאמט די וועלט אנשוי־אונג פון יענער צייט. „אפּיקורסות" איז אנטשטאנען בלויז אויף וויפיל עס זיינען שוין אין לעבען ארייגעטראטען די עלעמענטען פון א נייער ארדנונג.

אויך דא איז דער בעל־מלאכה לויט זיין פּסיכיק העכער פון דעם פּויער. זיין באשעפטיגונג צווינגט אים אפּט ארויסצוגעהן אויסער די גרענעצען פון זיין דארף, בפרט, ווען ער ארבייט ניט פאר איינעם נאר פאר מער דערפער, אדער ווען ער נויטיגט זיך אין מאטעריאלען און געצייג וועלכע מען קען ניט באקומען אין דעם דארף וואו ער וואוינט. בכלל, איז ער ווייניגער צוגעבונדען צו דער ערד, און געהט לייכטער איבער פון פּלאץ צו פּלאץ; פון א קלענערער קהלה צו א גרעסערער, ווייל אין דער גרעסערער קהלה איז מערסטענס דא א גרעסערע נאכפראגע אויף זיין ארבייט. א דאנק די אויסגערעבענטע אורזאכען איז זיין פּסיכיק ניט אזוי באגרענעצט ווי די פּסיכיק פון דעם פּויער.

די פעאדאלען, די ציווילע אזוי גוט ווי קירכליכע האבען זיך געפונען אין א פיל גינסטיגערער לאגע. זייער לעבען איז געווען ברייטער און פארשיידענארטיגער, דער מאטעריאל פאר זייער דענ־קען איז קוואנטיטאטיוו געווען א פיל גרעסערער. די ציווילע פעא־דאלען פלעגען, מערסטענס צוליב דער באגרענעצטקייט פון זייערע

א. באָגדאַנאָוו

לעבענס־אינטערעסען, און זייער אינטעליגענץ שטעהן פיל נידעריגער ווי די קירכליכע. מען קען זאגען, אז אין פארלויף פון עטליכע יאָר־הונדערטער, ווען די אנטוויקלונג פון דער פעאָדאלער ארדנונג איז אָנגעגאנגען, איז דער גאנצער גייסטיגער לעבען געווען קאָנצענטרירט ביי די גלחים. בלויז פון זיי איז ארויסגעקומען יעדע בילדונגס־טעטיגקייט. די גלחים האבען זיך געניטיגט אין וויסען און גייסטיגער אנטוויקלונג פאר דער קאָמפּליצירטער אָרגאניזאטארישער טעטיגקייט, וואָס זיי האָבען אויף זיך גענומען. דאָס דערקלערט אויך ווארום זיי זיינען פארבליבען די היטער פון דער איבערבלייבעכץ, פון דער אל־טער קולטור. פאר די גלחים פון יענער צייט איז וויכטיג געווען פריהער פון אלץ ניט די וויסענשאפט, נאָר די תורה וועלכע האט פאר דער קירכע געוואונען די סימפּאטיע פון די ברייטע מאסען, וועלכע האט געקענט אידעאל פאראייניגען די קירכע. די וויסענשאפט איז געווען די נאטירליכע דינסט פון דער רעליגיע, א פשוט'ער מיטעל פאר דער קירכע צו דערגרייכען אירע צילען. אזוי האבען אויף דעם געקוקט ניט נאָר די גלחים, נאָר אויך די גאנצע געזעלשאפט, פאר וועמען די גוטע און נוצליכע ארבייט פון דער קירכע איז געווען דער בעסטער באווייז אז איר תורה איז אמת.

אויב אָבער עס איז שוין פאראן אן אבסאָלוטער אמת, האט דאָך קיין זין ניט צו שטרעבען צו נייע אמת'ן; עס פאָדערט זיך בלויז אן אנשטרענגונג וואָס פאָלקאָמענער ארייצודרינגען אין יענעם אמת. די פעאָדאלע וועלט שטרעבט טאקי גאָר ניט צו דערגרייכען נייע אמת'ן, צו דער אויפקלערונג פון די נאטירליכע ערשיינונגען, דאָס האלט זי פאר גאָרניט וויכטיג. דערפאר אָבער בליהט דאן אויף די פאָרמאלע לאָגיק, וויל זי איז די פּאָזיטיווע מעטאָדע, דורך וועלכער מען קען אמבעסטען ארייגדרינגען אין דעם אמת, וועלכער איז אין זיין אל־געמיינער פאָרמע שוין געגעבען געוואָרען, און וועלכען מען דאַרף בלויז אנטוויקלען. דערמיט דערקלערען זיך די אומענדליכע סכאָלאַס־טישע וכוחים פון די געלערנטע מאנאכען, און בכלל פון אלע פאָר־שטעהער פון דער וויסענשאפט פון יענער צייט; דאָס דערקלערט אונז אויך די אייגענארטיגע ערציהונגס־פראגראם פון דער קירכע, א פראָג־

דאָס וועלכע קען צוריקגעפירט ווערען בלויז צו גאָט־פּאַרכטיגקייט. פּאַרמאַלע לאָגיק און קירכליכען לאַטיין; דאָס דערקלערט אונז אויך. די אויסערגעוויינליכע באַדייטונג וואָס עס האָט אין יענער צייט גע־האַט דער באַשאַפער פון דער פאָרמאַלער לאָגיק — אַריסטאָטעל, וועל־כען מען האָט געשטעלט אין איין רייהע מיט די אבות פון דער קירכע.

דער געדאַנק האָט זיך פריי־ווילליג און אין אַלץ אונטערוואָרפען אונטער דער אויטאָריטעט. אויב עס איז ערגעץ געשאַפען געוואָרען אַ באָדען פאַר'ן קריטישען געדאַנק, און עס איז אַנטשטאַנען אַ באַווע־גונג אַרויסצורייסען זיך פון די ענגע ראָמקעס פון דער קאַטוילישער דאָגמע, האָט זיך די גאַנצע געזעלשאַפט אויפגעשטעלט געגען דער „אַפּיקורסות“ און איר אונטערדריקט.

מאַכענדיג דעם סך הכל, מוז מען זאָגען אַז די פּסיכאָלאָגיע פון דער פעאָדאַלער צייט האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט ערשטענס, אַ זעהר אָרעמען מאַטעריאַל פאַר דער ווייטערער אַנטוויקלונג. צווייטענס, אַ ריין סטיכישע שטערונג אין דער פאָרמע פון דער הערשאַפט פון מ נ ה ג, און דריטענס, די געגנערשאַפט פון די קאָנסער־וואַטיווע אינטערעסען פון די הערשענדע קלאַסען. אונטער אַזוינע אומשטאַנדען, האָט די אַנטוויקלונג געקענט אָנגעהן בלויז מיט דער נאַטור, פון זיך אַליין, על כן זעהר לאַנגזאַם.

4) די אַנטוויקלונגס־כחות און זייער ריכטונג אין דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט.

דער קאָנסערוואַטיזם פון דער פּסיכאָלאָגיע אין דער פעאָדאַלער צייט, איז ענליך צו דעם קאָנסערוואַטיזם פון דער פּרימיטיווער משפּחה, ער איז אָבער שוואַכער און וועניגער באַשטענדיג. ער האָט געקענט אָפּטרעטען זיין פּלאַץ פאַר דער אַנטוויקלונג בלויז אונטער'ן דרוק פון נאַטירליכע כחות. אַזאַ כח איז געווען די אַבסאָלוטע איבער־באַפעלקערונג ד.ה. דאָס אויספעלען פון לעבענס־מיטלען פאַר דער

א. באַגדאַנאָוו

אויסגעוואַקסענער באַפעלקערונג, דורך דעם וואָס די פּראָדוקציאָנס־מעטאָדען האָבען זיך ניט געענדערט.

פריהער פון אַלץ האָט זיך די אַבסאָלוטע איבערבאַפעלקערונג אויסגעדריקט אין די אומצאָליגע מלחמות פון דער פעאָדאַלער צייט. ווי עס איז שוין דערקלערט געוואָרען זיינען דורך יענע מלחמות די פרייע קהלות פון ערד־אַרבייטער פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין פעאָדאַלע גרו־פּען, און האָבען געשאַפען די פעאָדאַלע געזעלשאַפט.

יעדענפאַלס, זיינען די אינערליכע מלחמות בשום אופן ניט געווען דער בעסטער מיטעל פאַר דער פעאָדאַלער וועלט פּטור צו ווערען פון דער איבערבאַפעלקערונג, ווייל צושטערענדיג די פּראָדוקטיווע כחות פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט האָבען זיי דערמיט גופא געשאַפען אַן איבערבאַפעלקערונג, אויב ניט צווישען די זיגער, איז צווישען די באַזיגטע. דעריבער, אַזוי גיך ווי די פעאָדאַלע וועלט האָט זיך נאָר פאַראייניגט אין דער קאַטוילישער קירכע, האָבען זיך אָנגע־הויבען אַ רייהע אויסערליכע מלחמות, מלחמות פון קאַטאָליקען געגען ניט קאַטאָליקען. די „מסעי הצלב" זיינען געווען אַ שטרעבונג אויס־צוברייטערען די טעריטאָריע פון דער פעאָדאַלער וועלט, און דערמיט אָפּשאַפען דעם ערד־דוחק, און די דאַרפישע איבערבאַפעלקערונג. אויף דער עראָבערטער ערד זיינען אַנטשטאַנען פעאָדאַלע קעניגרייכען.

גלייכצייטיג איז פאָרגעקומען, הגם זעהר לאַנגזאַם, אַ טעכנישער פּראָגרעס. אין דער ערד־אַרבייט איז אָט דער פּראָגרעס, ביז דער ענדע פון מיטעל־אַלטער געווען כמעט אומבאַמערקבאַר, די געזעלשאַפט־ליכע פּסיכאָלאָגיע איז דאָ געווען אַ צו שטאַרקע שטערונג פאַר דער אַנטוויקלונג. גאַנץ אַנדערש איז עס אָבער געווען מיט די אינדוסט־ריעלע אַרבייטען וואו די באַדינגונגען פאַר אַנטוויקלונג זיינען געווען פיל גינסטיגער. דאָרט איז דער פּראָגרעס געגאַנגען פיל שנעלער, עס האָבען זיך אויסגעאַרבייט בעסערע, טעכנישע אַרבייטס־מעטאָ־דען, וועלכע זיינען נאָר מעגליך געווען אונטער די אומשטאַנדען. די האַנט־ווערק האָט זיך ביסלעכווייז אָפּגעטיילט פון דער ערד־אַרבייט און האָט זיך ספּעציאַליזירט, און אויף אָט דעם אופן איז די געזעל־שאַפטליכע צוטיילונג פון דער אַרבייט פאַרשטאַרקט געוואָרען, און אַלס

רעזולטאַט דערפון איז אויך פאַרשטאַרקט געוואָרען דער אויסטויש. דער בעל־מלאכה האָט אַלעמאָל געשטרעבט צו געפינען זיך וואָס נעהענטער צום פּלאַץ וואו עס איז דא אַ אַנפראַגע אויף זיין ארבייט. ביסלעכווייז ציהען זיך דערפאר די בעלי מלאכות איבער פון די דערפער אין די שטעט, וועלכע אַנטוויקלען זיך אין צענטרען פון אויסטויש. דאָס האָט געבראַכט זעהר וויכטיגע עקאָנאָמישע ענדערונגען וועגען וועלכע מיר וועלען רעדען שפּעטער.

מאַכענדיג אַ קורצען סך הכל פון דער אַלגעמיינער ריכטונג אין וועלכער די ענדערונגען פון דעם פעאָדאַלען לעבען זיינען געגאַנגען דאַרף מען זאָגען, אַז די אַבסאָלוטע איבערבאַפעלקערונג, ווירקענדיג אויף צוויי באַזונדערע אופנים, האָט געפירט די מיטעל־אַלטערליכע וועלט צו איין ציל — צו דער אַנטוויקלונג פון דער אומאָרגאַניזירטער צוטיילונג פון דער ארבייט, וועלכע איז אויסגעדריקט געוואָרען אין דעם אויסטויש.

אפילו די אינערליכע מלחמות פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט האָבען געפירט צו דעם וואוקס פון געגענזייטיגע באַציהונגען, און פּאַלגליך צו פּראָדוקציאָנס און אויסטויש פאַרבינדונגען צווישען באַזונדערע גרופּען. דאָס זעלבע קען אויך געזאָגט ווערען וועגען די אויסערליכע מלחמות. די באַקאַנטשאַפט מיט די אַראַבער, נאַכער מיט די סאַראַצינער און טערקען, מיט די קולטור פעלקער פון מזרח און מיט דער ביזאַנטישער אימפּעריע, וואָס איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון די קרייץ־צוגען — האָט געגעבען אַ מעכטיגען אנשטויס פאַר דער געזעלשאַפטליכער צוטיילונג פון דער ארבייט, ערשטענס, דורך דעם וואָס דער קרייז פון אויסטויש פאַרבינדונגען איז באַדייטענד אויסגעברייטערט געוואָרען, און צווייטענס, אומדירעקט, דורך דעם וואָס די אייראָפּעער האָבען איבערגענומען מאַנכע נייע טעכנישע מיטלען און אויסבעסערונגען פון זייערע נייע באַקאַנטע. דאָס האָט אין יענער צייט געפירט צו אַ גרעסערען פּראָגרעס פון אויסטויש, ווייל אַ בעסערע טעכניק מאַכט אומבאַדינגט נויטיג אַ גרעסערע ארבייטס־צוטיילונג און ספּעציאַליזאַציע.

אזוי צ.ב.ש. האָבען זיי פון די אַראַבער איבערגענומען פיל אויס־

א. באָגדאַנאָוו

בעסערונגען אין די מעטאָדען פון ערד־ארבייט, פיה־צוכט און פלאַנצונגען. אויסער דעם האָבען זיי דאָרט פיל געלערענט אין דער אינזשיניערען־קונסט, האָבען געקראָגען וויכטיגע ידיעות אין טעכנישער כעמיע, אין דער טעכניק פון ים־רייזען א. אז. וו.

די אנטוויקלונג פון דער ארבייטס־טעכניק, זייענדיג פארבונדען מיט דער צושיידונג צווישען אינדוסטריעלער ארבייט און ערד־ארבייט און מיט אינדוסטריעלער ספּעציאַליזאציע, ברענגט די אנטוויקלונג פון אויסטויש, שוין דערפאר אליין וואָס קיין בעל־מלאכה קען ניט לעבען בלויז מיט די פּראָדוקטען וועלכע ער אליין שאַפט, ווייל ער פּראָדוצירט פיל מער פּראָדוקטען ווי ער אליין קען פארברויכען. מוז ער זיי אויסבייטען אויף אנדערע, אדער פארקויפען פאר געלט, כדי פאר זיך צו קויפען די זאכען אין וועלכע ער נויטיגט זיך.

די נאַטירליכע ווירטשאַפט פון דער פעאָדאַלער וועלט איז אזוי ביסלעכווייז אריבער אין א טויש־ווירטשאַפט.

די פעאָדאַלע באַציהונגען האָבען זיך אנטוויקעלט אין מערב אייראָפּע פאַרהעלטענסמעסיג פון פינפטען ביז׳ן נייינטען יאָרהונדערט. פון דער ענדע פון דער רוימישער אימפּעריע ביז דער צופאַלונג פון דער אימפּעריע פון קאַרל דעם גרויסען. די הויפּט בליהונגס־צייט פון דער פעאָדאַלער סיסטעם זיינען דער צענטער און עלפטער יאָרהונדערט, נאָכדעם הויבט זיך אָן איר אונטערגאַנג, און עס קומט אָן די טויש־ווירטשאַפט.

אַן אלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פון די נאַטוראַלע־ווירטשאַפטליכע געזעלשאַפטען פון דער פאַרגאַנגענהייט.

1) די נאַטור־ווירטשאַפטליכע געזעלשאַפטען פון דער פאַרגאַנגענהייט צייכענען זיך אויס, אויף דעם פעלד פון זייער פּראָדוקציאָנס־טעכניק מיט דער גרעסערער מאַכט פון דער אויסערליכער נאַטור אי־

בער די מענשען, און מיט דער אומבאַדייטענדער מאַכט פון מענשען איבער דער אויסערליכער נאַטור. דאָס איז בפרט אמת בנוגע די פּרימיטיווע קאָמוניסטישע געזעלשאַפטען, און עטוואָס ווייניגער — בנוגע דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט.

2) אין זייערע פּראָדוקציאָנס־באַציהונגען צייכענען זיך אָט די געזעלשאַפטען אויס ערשטענס, מיט זייער ענגקייט און צווייטענס דורך דעם אָרגאַניזירטען כאַראַקטער פון זייערע פּראָדוקציאָנס־פאַר־בינדונגען. שוין פון די גאַר אַלטע צייטען האָבען אין זיי פונדעסט־וועגען עקזיסטירט אויך ניט אָרגאַניזירטע פּראָדוקציאָנס־באַציהונגען, וועלכע האָבען געשאַפען געוויסע פאַרבינדונגען צווישען די באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס. די פּרימיטיווע געזעלשאַפט איז געווען אַן ענגע אָר־גאַניזאַציע פון עטליכע צענדליג מענשען, וואָס איז געווען כמעט אָפּ־געשלאָסען אין זיך; קיין ניט־אָרגאַניזירטע אויסטויש פאַרבינדונגען זיינען אין איהר כמעט ניט געווען. די פעאָדאַלע געזעלשאַפט איז שוין ניט אַזוי ענג און נעמט אין זיך אריין פיל הונדערטער און טויזענטער מענשען, און אָפט אפילו מיליאָנען, וועלכע זיינען פאַראייניגט ניט בלויז דורך אָרגאַניזירטע, נאָר אויך אָפט דורך די ניט־אָרגאַניזירטע פאַרבינדונגען אין זייער קאַמף פאַר'ן לעבען.

3) דאָס כאַראַקטעריסטישסטע אין זייער פאַרטיילונגס־סיסטעם איז די הערשאַפט פון דער אָרגאַניזירטער פונאַנדערטיילונג פון די פּראָדוקטען, און דאָס וואָס עס זיינען ניטאָ קיין שאַרפע היפּוכים צווי־שען אָרעם און רייך. בפרט איז דאָס טיפּיש פאַר דער פּרימיטיווער געזעלשאַפט, די פעאָדאַלע שטעהט שוין אויפ'ן גרעניץ פון די נייע לעבענס־פאָרמען.

4) די געזעלשאַפטליכע פּסיכאָלאָגיע פון די נאַטוראַלע געזעל־שאַפטען צייכענט זיך אויס מיט זייער נאַטירליכען קאָנסערוואַטיזם, מיט דער הערשאַפט פון מנהג און מיט דער אָרעמקייט פון זייערע אידעען־מאַטעריאַל. עס וואָלט כמעט זיין ריכטיג צו זאָגען, אַז די פּרימיטיווע געזעלשאַפט האָט קיין וועלט אַנשויאונג לחלוטין ניט גע־האַט. די צוויי שפּעטערע געזעלשאַפטליכע פאָרמען קענען באַצייכענט

א. באָגדאַנאָוו

ווערען אלס נאַטוראַל־פעטישיסטישע. דאָס איז די אפשפיגלונג פון דער מאַכט פון דער נאַטור איבער דער געזעלשאַפט. דאָס איז שוין אָבער א מאַכט וואָס וואַקעלט זיך, און איז שוין ניט אזוי שטרענג.

5) אין איינקלאַנג מיט דעם כאַראַקטער פון זייער געזעלשאַפט־ליכער פסיכאָלאָגיע, זיינען די אנטוויקלונגס־כחות אין יענע געזעל־שאַפטען ניט באַוואוסטזיניגע. די אבסאָלוטע איבערבאַפעלקערונג טרעט דאָ ארוים אלס הויפּט־באַוועגענדע קראַפט פון דער געזעלשאַפט־ליכער אנטוויקלונג.

זעקסטער קאפיטעל

די קליין בירגערליכע געזעלשאפט.

1) די באציהונגען פון דער געזעלשאפט צו דער נאטור.

די פעאדאלע געזעלשאפט האט אירע פראדוקטיווע כחות אנטוויקעלט פיל שנעלער איידער די פרימיטיווע. דערפאר טאקע האט זי געדויערט פיל ווייניגער. די פארוואנדלונג פון דער פעאדאלער געזעלשאפט אין א קליין בירגערליכער האט זיך אנגעהויבען במעט פון איר אנטשטעהונג. די הויפט אורזאכען פון דער דאזיגער פארוואנדלונג זיינען געווען די פאלגענדע ענדערונגען אין דעם קאמף פון דער געזעלשאפט מיט דער אויסערליכער נאטור.

דער אלגעמיינער סכום פון דער פראדוקציע איז פילפאך אויסגעוואקסען. ערשטענס איז די ארבייט גופא געווארען א סך פראדוקטיווער, צווייטענס, האט זיך באדייטענד פארגרעסערט דער סכום פון די ארבייטס־כחות, ווייל די געזעלשאפט, איז אויסגעוואקסען. א דאנק דער פארשיידענארטיגקייט פון די פראדוקטען האט זיך שטארק אנטוויקעלט דער סארט ארבייט, וואס פארנעמט זיך מיט אריבערפירען פראדוקטען פון איין פלאץ אויף א צווייטען, די טראנספארטאציע. אן אלץ גרעסערע צאל פראדוקטען פלעגען פארברויכט ווערען ניט אויף די פלעצער וואו זיי פלעגען געשאפען ווערען. עס האט זיך אויסגעטיילט א גאנצער באזונדערער קלאס מענשען וואס האט זיך פארנומען מיט אריבערפירען די פראדוקטען פון איין פלאץ אויף א צווייטען: דער קלאס פון סוחרים. די טעכניק גופא פון דער אריבערפירונג און צוזאמען דערמיט אויך פון די פארבינדונגען צווישען די מענשען, האט זיך פיל פארבעסערט; עס זיינען געשאפען געווארען וועגען, עס זיינען געבויט געווארען בריקען, עס זיינען געשאפען געווארען שטארקערע און גרעסערע שיפען, וואס זיינען געווען צוגעפאסט פאר ווייטע

א. באָגדאַנאָוו

ים רייזעס. די מיליטערישע קראפט איז אנגעווענדעט געווארען צו באשיצען די רייזענדע און די קאמערציעלע זאמעל־פונקטען.

מיט׳ן וואוקס פון דער גרויס און פארשיידענארטיגקייט פון דער געזעלשאפטליכער פראדוקציע, מיט דער אנטוויקלונג פון דעם טראנס־פארט, און פון די פארבינדונגען צווישען מענשען פון פארשיידענע פלעצער, איז שוואכער געווארען די מאכט פון דער נאטור איבער דעם געזעלשאפטליכען מענשען. די מאטעריעלע סביבה פון דעם געזעל־שאפטליכען מענשען האט אויפגעהערט צו זיין אינגאנצען אפהענגיג פון די נאטור באדינגונגען פון איין באשטימטען ארט. אויב די נאַ־טור באדינגונגען האבען אין א געוויסען ארט ניט געגעבען דעם מענש גענוג מיטלען איר צו באזיגען, האט ער דאס געקענט, מיט דער הילף פון אנדערע מענשען געפינען אין א צווייטען ארט. יעדע נייע ערא־בערונג אין דעם קאמף מיט דער נאטור האט זיך פארשפרייט אין דער געזעלשאפט פיל ברייטער ווי פריהער און האט אלץ מער אונטערגע־גראבען די הערשאפט פון די נאטירליכע כחות פון דער אויסערער וועלט, אומעטום וואו עס האבען זיך נאר פארשפרייט די געזעלשאפט־ליך־עקאנאמישע פארבינדונגען צווישען מענשען. די הארטע מאכט פון דער נאטור האט געמוזט אפטרעטען פאר דער וואקסענדער גע־זעלשאפטליכער איינהייט, וועלכע איז פונדעסטוועגען נאך קיין זעהר ענגע דאן ניט געווען.

2) די פראדוקציאנס און פונאנדערטיילונגס באציהונגען אין דער קליין־בירגערליכער געזעלשאפט.

א) די ניט־ארגאניזירטע פארבינדונגען צווישען די ווירטשאפטען.

היות ווי די קליין־בירגערליכע אויסטויש־געזעלשאפט כאראקטע־ריזירט זיך דורך אומארגאניזירטע פארבינדונגען צווישען די באזונ־דערע ווירטשאפטען איז, ווען מיר שטודירען איר געבוי, אמבעסטען אנצוהויבען פון די דאזיגע פארבינדונגען.

פאליטישע עקאנאמיע

ווי עס איז שוין פריהער געזאגט געווארען, האט פון גאנץ אלטע צייטען עקזיסטירט אויסטויש צווישען באזונדערעווירטשאפטען. די הערשענדע ראליע אבער האט אין יענער צייט געהערט ניט צו דעם אויסטויש. ער האט ארומגעכאפט בלויז אן אומבאדייטענדען טייל פון דער פראדוקציע, איבערהויפט די איבעריגע פראדוקטען, די וויכטיגסטע טיילען אבער פון דער פראדוקציע, די פראדוקטען, וואס זיינען דורכאויס נויטיג פאר'ן לעבען, זיינען געוועזן ארגאניזירט כמעט אויסשליסליך אין די גרענעצען פון יעדער גרופע באזונדער. די גרופע האט געקענט פארטזעצען איר עקזיסטענץ אפילו אין דעם פאל, ווען אלע אירע אויסטויש־באציהונגען מיט אנדערע גרופען זאלען איינגאנצען איבערגעריסען ווערען. זי האט פארמאגטווירקליכע אומאפהענגיגקייט. יעדע גרופע איז דערפאר פאר זיך אליין באמת געוועזן א „געזעלשאפט“.

מיט דער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפטליכער צוטיילונג פון דער ארבייט, הויבט די גרופע אן פארלירען איר אומאפהענגיגקייט. אין דעם פעלד פון אויסטויש ווערען אלץ מער אריינגעצויגען, אויסער די איבעריגע פראדוקטען, אויך די סאמע נויטיגסטע, די גרופע הערט אויף ביסלעכווייז צו פראדוצירען אלץ פאר איר אייגענעם געברויך און הויבט אן צו באפרידיגען אפילו אירע נויטיגסטע באדערפענישען דורכ'ן אויסטויש. די באזונדערע ווירטשאפטען הערען אויף ביסלעכווייז צו פראדוצירען בלויז פאר זיך אליין. דער בעל מלאכה, אפרייסענדיג זיינע פארבינדונגען מיט דער ערד־ארבייט, קען בלויז דעם אומבאדייטענטסטען טייל פון זיינע פראדוקטען פארברויכען אליין, אדער מיט זיין משפחה; דער שוסטער צ. ב. ש. קען פארברויכען בלויז איין הונדערט־חלק פון זיינע פראדוקטען, און דער זייד־וועבער — בכלל גאר ניט. פונקט אזוי הויבט אן די פעאדאלע געזעלשאפט צו פארברויכען אלץ ווייניגער פון דעם ברויט, פלייש א. אז. וו., וועלכע ווערען ביי איר פראדוצירט.

אויף דעם אופן וואקסט אויס די מאטעריעלע אפהענגיגקייט פון יעדער באזונדערער ווירטשאפט אן אלע אנדערע. פארמאל איז זי אבער אומאפהענגיג, אירע אינערליכע אנגעלעגענהייטען ווערען

אַ. באָגדאַנאָוו

אָרגאַניזירט דורך איר ב אַ ז ו נ ד ע ר ע ן װ י ל ע ן, און אירע אויסערליכע אַנגעלעגענהײטען זײנען ניט אָרגאַניזירט. דאָס איז דער געבוי פון יעדער געזעלשאַפט, װאָס איז באַגרינדעט אויפ'ן אויסטויש, און פריהער פון אַלץ איז דאָס ריכטיג בנוגע דער קלײן־בירגערליכער געזעלשאַפט.

פון קײן רײנעם, פאַרענדיגטען טיפּ פון דער קלײן־בירגערליכער געזעלשאַפט װײס די געשיכטע ניט, װי זי װײס בכלל ניט פון קײן פאָלקאָם אײגענאַרטיגער סיסטעם פון באַציהונגען. יעדע געזעלשאַפט שליסט אין זיך אײן אויסער אירע גרונט־עלעמענטען אויך איבערבלײ־בעכצען פון אַמאָל, און קערנער פון דער צוקונפט. זײ אַלע זײנען צװישען זיך ענג פאַרבונדען. בפרט איז דאָס ריכטיג בנוגע דער קלײן־בירגערליכער געזעלשאַפט. זי האָט געדויערט זעהר װעניג און איז די איבערגאַנגס־שטופע פון דער פעאָדאַלער צו דער קאַפּיטאַליסטי־שער געזעלשאַפט. דערפאַר זײנען מאַנכע שטריכען װעלכע זי האָט געזוכט צו אַנטװיקלען, ערשט גענוג קלאָר אַרויסגעקומען אין דער קומענדער אַנטװיקלונגס שטופע, װײל דאַן װערען אָט די שטריכען קאָמפּליצירט, פאַרפּלאָנטערט און פאַרענדערט אונטער'ן דרוק פון נײע אײנפלוסען. דאַרפען זײ צוליב דער אײנפאַכקײט פון אַנאַליז אויסגע־פאַרשט װערען אין פאַרבינדונג מיט דער עקאָנאָמיק פון דער קלײן־בירגערליכער געזעלשאַפט. אונז װעט דערפאַר, אין מאַנכע פאַלען אויסקומען זיך אַרײנצולאָזען אין זעהר אַבסטראַקטע אידעאַליזירטע שילדערונגען פון די געזעלשאַפטליכע שיכות'ן פון דער קלײן־בירגער־ליכער געזעלשאַפט, כדי פון זײ קענען שטופּענװײז איבערגעהן צו דער היסטאָרישער װירקליכקײט װי זי איז באמת געװען.

אין אַ געזעלשאַפט װאָס איז געבויט אויפ'ן אויסטויש, איז די פּראָדוקציע צוטײלט צװישען אַסך װירטשאַפטען, און עס איז אין איר ניטאָ קײן אײנהײטליכער װילען, װאָס זאָל צװעקמעסיג אײנטײלען די אַרבײט פון די פאַרשײדענע פּראָדוקציאָנס־צװײגען. די פאַרבינדונג צװישען די באַזונדערע װירטשאַפטען װערט אויסגעדריקט אין דעם, װאָס די פּראָדוקטען און פּראָדוקציאָנס־מיטלען געהען איבער פון אײן װירטשאַפט צו אַ צװײטער. דער דאָזיגער איבערגאַנג קומט פאָר דורך

דעם אויסטויש, ד. ה. דורך דער אומאָרגאַניזירטער צוטיילונג פון די געזעלשאַפטליך־נוצליכע פּראָדוקטען.

בלויז ביי אַן אָרגאַניזירטער פּראָדוקציע איז מעגליך אַ פּאָלקאָם צילבאַוואוסטע ארבייטס־טיילונג. בלויז ווען די פּראָדוקציע איז גוט אָרגאַניזירט, קען די ארבייט באמת באפרידיגן די באדערפענישען פון דער געזעלשאַפט. נאָר דעמאָלט ווען עס זיינען גוט באקאַנט די באדערפענישען פון דער געזעלשאַפט און אירע ארבייטס־כחות, וועלכע זי קען אויסברעגנגען אויף זייער צופרידענשטעלונג, קען דער אָרגאַני־זאַטאָרישער ווילען איינטיילען די ארבייט אין איינקלאַנג מיט די באַ־דערפענישען. אין אַ טויש־געזעלשאַפט ווערען די באדערפענישען פון יעדער ווירטשאַפט באפרידיגט פון דער ארבייט, וואָס איז דורך איר אָרגאַניזירט געוואָרען, און איר אָרגאַניזירטע ארבייט געהט אויף צו־פרידענצושטעלען די באדערפענישען פון עפּעס אַן אַנדער ווירט־שאַפט, וועלכע האָט אויך ניט קיין דירעקטען איינפלוס אויף דער אָרגאַניזירונג פון דער ארבייט.

בלויז אויף די ערשטע שטופען פון דער טויש־געזעלשאַפט, ווען די ארבייט ווערט געמאַכט נאָר אויף באשטעלונג, האָט דער פּראָדו־צענט אַ וועלכען עס איז באגריף וועגען די באדערפענישען וואָס זיין ארבייט דאַרף באפרידיגען. וואָס מער אבער עס וואַקסט די געזעל־שאַפטליכע צוטיילונג פון דער ארבייט און עס ווערען אויסגעברייי־טערט די ראַמען פון די אויסטויש־באַציהונגען, ווערט די ארבייט אויף באשטעלונג פארביטען אויף ארבייט פאַר'ן מאַרק, מיט אַנדערע ווער־טער, דעם פּלאַץ פון דעם ענגען באשטימטען, אין פאָראויס באַקאַנ־טען קרייז פון קונדען פארנעמט דער ברייטער, אומבאשטימטער, זיך שטענדיג ענדערענדער מאַרק, וואו דער פארקויפער באגעגענט זיך מיט דעם קויפער. דער פּראָדוצענט קען שוין מער ניט אויסרעכענען ווי גרויס אַן ערך קען זיין די נאָכפראַגע אויף זיינע פּראָדוקטען. דער־פון קומען אַרויס זעהר וויכטיגע רעזולטאַטען. כדי זיך דאָס פאָרצו־שטעלען קלאָרער לאָמיר זיך באנוצען מיט'ן פאָלגענדען איינפאַכען ביישפּיל:

1,000 שוסטער פון אַ געוויסער געזעלשאַפט האָבען געשאַפען

א. באַגדאַנאָוו

200,000 פּאַר שטיוועל, די נאָכפראַגע אָבער אויפ'ן מאַרק, וואָס איז דער אויסדרוק פון די געזעלשאַפטליכע באַדערפעגישען, איז בלויז פאַר 150,000 פּאַר; די ארבייט אַלזאָ פון 250 שוסטער באַפרידיגט דאָן ניט קיין שום געזעלשאַפטליכע באַדערפעניש, אָדער אין אַנדערע ווערטער, זייער ארבייט איז געזעלשאַפטליך נוצלאָז. פאַרקערט קען זיין צ. ב. ש. אזוי: 50,000 ערד־ארבייטער האָבען געשאַפען 10,000,000 פוד ברויט, די געזעלשאַפט נויטיגט זיך אבער אין 10,500,000 מיליאָן פוד ברויט, כדי צו באַפרידיגען אירע באַדערפע־נישען, איז אַלזאָ נויטיג די ארבייט פון נאָך 2,500 ערד־ארבייטער. א טייל פון דער געזעלשאַפטליכער ארבייט איז געגאַנגען לאיבוד, ווי מיר האָבען פריהער געזעהן, ווייל זייערע פּראָדוקטען זיינען ניט נויטיג געווען, א צווייטער טייל געהט פאַרלאָרען ווייל די געזעלשאַפטלי־כע באַדערפענישען ווערען ניט פאָלקאָם צופרידענגעשטעלט. די אור־זאַכע דערפון איז וואָס זיי אַלע האָבען געארבייט אומאָפּהענגיג איי־נער פון צווייטען, ווייל עס איז ניט געווען קיין איינהייטליכער אָרגאַ־ניזאַטאָרישער ווילען, מעג עס זיין א פּערזענליכער אָדער פון א גרופּע, דאָס איז קיין נפקא־מינה ניט. אזא אָרגאַניזאַטאָרישער ווילען וואָלט איינגעטיילט די ארבייטען אין בעלי־מלאכות און ערד־ארבייטער צוועקמעסיג, וואָלט א טייל פון די שוסטער געמאַכט פאַר ערד־ארביי־טער, מיט איין וואָרט ער וואָלט אָרגאַניזירט די געגענזייטיגע באַצי־הונגען פון דער ווירטשאַפט.

אַ טייל ארבייט פון די בעלי־מלאכות האָט זיך ארויסגעוויזען פאַר אומנוצליך, די געזעלשאַפט, ד. ה. דער מאַרק, וועט זיי דערפאַר גאָר ניט באַצאָלען. א דאַנק דעם וועלען זייערע באַדערפענישען ניט קענען אינגאַנצען צופרידענגעשטעלט ווערען, דאָס וועט ביי זיי אַרויסרופען א גאַנצע רייהע לײדען. אין דעם אקערבוי איז ניט גענוג ארבייט אריינגעלעגט געוואָרען, וועט ניט זיין גענוג ברויט פאַר אַלעמען — וועלען ווייטער זיין צרות, די מענשען ווייזען זיך ארויס פאַר ניט צו־געפּאַסט צו זייערע אייגענע געגענזייטיגע באַציהונגען, פּונקט ווי דער פּאַרצייטיגער מענש איז געווען ניט צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען פון דער אויסערער נאַטור.

פּאָליטישע עקאָנאָמיע

אין דער ווירקליכקייט האָט מען אַזאַ שאַרפען ביישפּיל פון ניט־צוגעפּאַסטקייט קיין מאָל ניט געזעהען אין דער קליין־בירגערליכער געזעלשאַפט. בכלל האָט זי אירע גרענעצען, וועלכע זיינען אָפּהענגיג אַן די געזעלשאַפטליכע באַציהונגען. כדי קלאָר צו מאַכען וואו די דאָזיגע גרענעצען ליגען, דאַרפען מיר איבערגעהן צו דער פראַגע וועגען מאַרק און קאָנקורענץ.

דער פּראָדוצענט בייט אויס זיין פּראָדוקט — זיין ס ח ו ר ה — אויף עמיצען אַנדערש'ס סחורה. פריהער בייט ער דאָס אויס אויף געלט, נאָכהער קויפט ער פאַר'ן געלט די פּראָדוקטען אין וועלכע ער נויטיגט זיך. אָבער געלט גופא איז אויך אַ סחורה. ווי גרויס אָבער איז דער סכום סחורות וועלכע דער פּראָדוצענט קריגט פאַר זיינע פּראָדוקטען? אָדער אין אַנדערע ווערטער, ווי גרויס איז דער טויש־ווערט פון זיין סחורה?

לאָמיר אַננעמען, אַז די געזעלשאַפט איז פאָלשטענדיג איינאַרטיג, אַז די פאַרשיידענע ווירטשאַפטען זיינען אַלע גלייך צווישען זיך, סיי אין זייערע באַדערפעונישען, סיי אין דעם סכום פון זייערע אַרבייטס־כחות, סיי אין דעם סכום אַרבייטס ענערגיע וואָס זיי ברענגען אויס אויף זייער פּראָדוקציע. אויב צ. ב. ש. עס זיינען פאַראַן אַ מיליאָן אַזוינע ווירטשאַפטען, וועלען די באַדערפעונישען פון יעדערער פון זיי זיין איין מיליאָנט־חלק פון די געזעלשאַפטליכע באַדערפעונישען און די אַרבייט פון יעדערער פון זיי, איין מיליאָנט־חלק פון דער גאַנצער אַרבייטס־ענערגיע וואָס די געזעלשאַפט ברענגט אויס. אויב די גאַנצע געזעלשאַפטליכע פּראָדוקציע באַפרידיגט פאָלקאָם דעם גאַנצען סכום פון די געזעלשאַפטליכע באַדערפעונישען דאַרף יעדע ווירטשאַפט, פאַר דער באַפרידיגונג פון אירע באַדערפעונישען באַקומען איין מיליאָנט־חלק פון דער גאַנצער געזעלשאַפטליכער פּראָדוקציע. אויב אַ געוויסע ווירטשאַפט וועט באַקומען וועניגער, וועט זי אָפּגעשוואַכט און רואינירט ווערען; זי וועט דאַן ניט זיין אימשטאַנד אויסצופירען איר געזעלשאַפטליכע ראָליע, ד. ה. בייטראַגען איר גלייכען חלק צו דעם קאַמף פון דער געזעלשאַפט מיט דער נאַטור. אויב וועלכע עס איז ווירטשאַפט וועט, פאַרקערט, קריגען אַ גרעסערען חלק פון די געזעל־

א. באַגדאַנאָוו

שאַפּטליכע פּראָדוקטען, וועלען דערפון ליידען און אַפּגעשוואַכט ווע־
רען אנדערע ווירטשאַפטען, וועמען עס וועט מוזען אָנקומען וועניגער.

דער סכום פון ארבייטס־ענערגיע וואָס איז נויטיג פאַר דער גע־
זעלשאַפט צו שאַפען א געוויסען פּראָדוקט, ווערט אָנגערופען דער גע־
זעלשאַפטליכער ווערט פון דעם פּראָדוקט, אָדער פשוט דער ווערט פון
דעם פּראָדוקט. באַנוצענדיג זיך מיט די דאָזיגע אויסדרוקען קענען
די פריהערדיגע ביישפּילען פאַרגעשטעלט ווערען אויפ'ן פאָלגענדען
אופן:

אויף אויפצוהאַלטען דעם גאַנג פון דער פּראָדוקציע אין אַן
איינאַרטיגער געזעלשאַפט, אין וועלכער עס הערשט א צוטיילונג פון
ארבייט, איז נויטיג, אַז יעדע ווירטשאַפט, זאָל אויסטוישענדיג אירע
פּראָדוקטען באַקומען פאַר איר פאַרברויך א סכום פון אנדערע פּראָ־
דוקטען וואָס האָבען דעם זעלבען ווערט. אין דעם געבראַכטען ביי־
שפּיל איז דער ווערט פון די פּראָדוקטען פון יעדער ווירטשאַפט איין
מיליאָנט־חלק פון דעם ווערט פון דעם גאַנצען סכום פון די געזעל־
שאַפטליכע פּראָדוקטען; דער ווערט פון די פּראָדוקטען וואָס די ווירט־
שאַפט דאַרף פאַר איר פאַרברויך, מוז דעריבער פאַרקערפּערען אין זיך
איין מיליאָנט־חלק פון דער גאַנצער געזעלשאַפטליכער ארבייטס־
ענערגיע.

ווי עס איז שוין באַוויזען געוואָרען אין דער איינלייטונג, דאַרף
פאַר דער מאָס פון ווערט גענומען ווערען א שעה פשוט'ע ארבייט
פון דורכשניטליכער אָנשטרענגונג. אויב א סחורה קאָסט לאָמיר זאָ־
גען 12 אזוינע שטונדען, דאַרף זי אויסגעטוישט ווערען אויף אַזאַ
סחורה, וואָס קאָסט אויך 12 שטונדען. אויב אבער דער אויסטויש
קומט פאַר אנדערש, מוזען דעריבי מאַנכע ווירטשאַפטען ליידען און
אונטערגעהן. אויפ'ן מאַרק מוזען געשאַפען ווערען פּרייזען, וואָס זיי־
נען בדרך כלל אין איינקלאַנג מיט דעם ווערט פון די סחורות, אנדערש
וואָלט די גאַנצע געזעלשאַפטליכע עקזיסטענץ געווען זעהר שאַקעלדיג.

די ווירקליכע געזעלשאַפט וואָס איז באַגרינדעט אויפ'ן אויס־
טויש, האָט פונדעסטוועגען יאָ אונטער זיך א געוויסען פונדאַמענט. די
פּרייזען פון די סחורות טרעטען אָפט אָפּ אין א קלענערער אָדער

פּאָליטישע עקאָנאָמיע

גרעסערער מאָס פון דעם ווירקליכען ווערט פון די סחורות, ווייל אין דעם אויסטויש איז ניטאָ קיין אָרגאַניזאַטאָרישער ווילען. עס איז אָבער אין דעם געבוי פון דער געזעלשאַפט גופא, פאַראַן אַזאַ מעכאַניזם, וועלכער רעגולירט די פּרייז־באַוועגונגען. דער דאָזיגער מעכאַניזם באַזיצט אַ געוואַלדיגע קראַפט, אַ גראָבע און סטיכישע; דער דאָזיגער מעכאַניזם ווערט אָנגערופען ד י ק אָ נ ק ו ר ע נ ץ פ ו ן מ אַ ר ק.

אויב דער פּראָדוצענט איז מסכים צו פאַרקויפען זיין סחורה פאַר ווייניגער ווי זי איז ווערט, ווערט זיין ווירטשאַפט רואינירט, אויב אַנדערע קויפען זיין סחורה און באַצאָלען דערפאַר מער ווי עס איז ווערט, ווערט זייער מאַטעריעלע לאַגע ערגער. עס אַנטשטעהט אַן אינטערעסען־קאַמף צווישען דעם קויפער און פאַרקויפער. אין דעם דאָזיגען קאַמף געוואוינען זיך אַלע איין, צו פאָדערען פאַר זייערע סחורות נ י ט ו ו ע נ י ג ע ר פון דער סומע, וואָס זיי זיינען ווערט, און ניט צאָלען מער, ווי זיי זיינען ווערט. אויף דעם אופן אַנטשטעהט אין דער געזעלשאַפט אַ פאָרשטעלונג וועגען דעם ווערט פון סחורות, וועלכער איז פאַרהעלטענסמעסיג אין איינקלאַנג מיט דעם אמת'ן ווערט פון די סחורות.

אָבער נ י ט אַלע מאָל געלינגט דעם פּראָדוצענט צו פאַרקויפען זיין סחורה פאַר איר ווערט. אָפטמאָל מוז ער זי אוועקגעבען פאַר ביליגער. אין דעם פריהער געבראַכטען ביישפּיל ווען 1,000 שוסטער ברענגען אויפ'ן מאַרק 200,000 פּאָר שיך, און די געזעלשאַפט נויטיגט זיך בלויז אין 150,000, געפינען זיך די שוסטער אין אַ זעהר ניט אַנגענעמער לאַגע. דער אָ נ ב אָ ט פון זייער סחורה איז אין דעם פאַל גרעסער ווי די נ אָ כ פ ר אַ ג ע. אַ טייל פון דער סחורה קען ניט פאַרקויפט ווערען, יעדער איינער פון די פאַרקויפער ריזיקירט צו פאַרבלייבען אינגאַנצען אָהן אַ קויפער. דעמאָלט פאַנגט זיך אָן אַ ביטערער קאַמף צווישען די פאַרקויפער. יעדער איינער פון זיי איז גרייט מקריב צו זיין, אַ טייל פון דעם ווערט פון זיין סחורה אבי זי צו פאַרקויפען, און ניט אומקערען זיך צוריק אַהיים מיט זיין סחורה. דער פּרייז פון די סחורות פאַלט דאַן. אַ פּאָר שטיוועל וואָס האָבען גע־

א. באַגראַנג

קאָסט „50 שעה פּשוט'ע אַרבייט". ווערען פאַרקויפט פאַר אַזאַ סו־
מע געלט וואָס שליסט אין זיך איין בלויז 35 אָדער 40 אַזוינע שטונ־
דען. די ווירטשאַפטען פון די שוסטער ווערען אָפּגעשוואַכט, מאַנכע
ווערען אינגאַנצען רואינירט, א טייל שוסטער זיינען געצוואונגען צו
פערקלענערען זייער פּראָדוקציע. א צווייטער טייל גיבען אינגאַנצען
אויף זייער ארבייט און נעמען זיך צו עטוואָס אנדערעס. דער מאַרק
איז נאָכער מער נים איבערפילט מיט שטיוועל, פאַרקערט עס פעלען
נאָר אוים שטיוועל. די נאָכפראַגע צ.ב.ש. אויף 160,000 פּאָר שטי־
וועל און דער אַנבאָט בלויז אויף 120,000. דאַן ווערט שוין א קאַמף
צווישען די קויפער, כדי אינגאַנצען נים פארבלייבען אָהן שטיוועל.
צאָלען זיי א גרעסערען פּרייז ווי די שטיוועל זיינען ווערט. די גוטע
פרייזען מאַכען מעגליך פאר די ווירטשאַפטען זיך אויפצוהויבען, און
אויסברייטערען זיך. עס קאָן אפילו פון דאָס ניי פארמערט ווערען די
צאָל פון די שוך פאַבריקען, און דאַן וועט זיך די לאַגע ווייטער ענ־
דערען. דער אַנבאָט וועט ווערען גרעסער פאר דער נאָכפראַגע, די פּריי־
זען וועלען פאַלען, און עס וועט זיך איבערחזר'ן דער פריהערדיגער
פּראָצעס.

די קאָנקורענץ אין מאַרק, ד.ה. דער קאַמף פון איין זייט, צווישען
דעם פאַרקויפער און קויפער און פון דער צווייטער זייט צווישען די
פאַרקויפער פון דעם זעלבען מין סחורה, פירט אויף דעם אופן דערצו,
אַז די פּרייזען האַלטען זיך פאַרהעלטניסמעסיג אַרום דעם ווערט פון
די סחורות; די קאָנקורענץ דריקט אַראָפּ די פּרייזען וואָס זיינען גע־
שטויגען צו הויך און העכערט יענע וואָס זיינען געפאַלען צו נידעריג.
אויב די פּראָדוקציע פון געוויסע ארטיקלען שטייגט איבער דעם גרע־
נעץ פון די געזעלשאַפטליכע באַדערפעניסען, ווערען די פּראָדוקטען
פאַרקויפט אונטער זייער ווערט, און די פּראָדוקציע ווערט דעריבער
פאַרקלענערט. אויב פאַרקערט, די פּראָדוקציע באַפרידיגט נים די גע־
זעלשאַפטליכע באַדערפעניסען, ווערען די פּראָדוקטען פאַרקויפט פאַר
מער ווי זיי זיינען ווערט, און די פּראָדוקציע ווערט דעריבער גרעסער.
אויף דעם אופן א דאַנק דער קאָנקורענץ אין מאַרק הערשט דער ווערט־
געזעץ אין דער געזעלשאַפטליכער פּראָדוקציע.

פאליטישע עקאנאמיע

אט דאס צופאסען זיך קומט פאר דורך אומאויפהערליכע ענדער־רונגען, אין יעדען געגעבענעם מאמענט איז עס ווייט ניט פאל־שטענדיג. גאנץ אפט שאפט עס פיל ליידען פאר די פראדוצענטען. און פאראורזאכט אז אומזיסטע פארשווענדונג פון געזעלשאפטליכער ענערגיע. אין יעדען געגעבענעם מאמענט ריזיקירט דער פראדוצענט אויסצוגעפינען אז ער האט זיך ניט צוגעפאסט צו זיין געזעלשאפט־ליכער סביבה. פאר דעם בעל מלאכה, וואס איז רואינירט געווארען ווייל זיין סחורה האט ניט געקענט פארקויפט ווערען, איז דאס א גאנץ קנאפער טרייסט, וואס מיט דער צייט וועט דער גלייך־געוויכט צווי־שען דעם אנבאט און דער נאכפראגע זיך אויסגלייכען. אויף דעם אופן הערשען די געזעלשאפטליכע באציהונגען איבער דעם מענשען אין א טויש־געזעלשאפט. הגם, ניט אזוי שטרענג און אומברחמנות׳דיג, ווי די נאטור האט געהערשט איבער דער נאטוראלער געזעלשאפט.

אט די אנשויאונגען וועגען פרייז און ווערט אין א טויש־גע־זעלשאפט זיינען באקאנט אונטער׳ן אלגעמיינעם נאמען „די טעאריע פון ארבייטס־ווערט.“ אלס איבערבלייבעכץ פון דעם אומאנטוויקעל־טען באוואוסטזיין, און אונטערשטיצט פון די קלאסען אינטערעסען פון געוויסע גרופען אין דער געזעלשאפט, הערשען נאך ביז איצט אין וויסענשאפטליכע טראקטאטען געוויסע אנדערע אנשויאונגען, מער אדער ווייניגער פארפלאנטערטע טעאריעס וואס זוכען אויף אז אנדער אופן צו דערקלערען די פירונגען פון דער טויש־געזעלשאפט. לאמיר זעהן, צי א וועלכע עס איז פון אט די טעאריעס קען בכלל זיין אמת.

אין אויסטויש טרעטען אריין די סאמע פארשיידענסטע סחורות, — א האק, ברויט, ביכער, צירונג א. אז. וו. ווען מען וויל פאר־גלייכען צווישען זיך פ א ר ש י י ד ע נ ע זאכען, מוזען זיי האבען עפעס אלגעמיינעס אין זיך, עפעס וואס מען זאל קענען אפמעסטען. דער מענש באזיצט וואג, דאסזעלבע אויך א שטיין, מען קען דערפאר פארגלייכען דעם מענשען און דעם שטיין נאך זייער וואג. וואס־זשע איז דאס געמיינשאפטליכע וואס מען קען געפינען

א. באָגדאַנאָוו

אין אלע סחורות, וואָס צוליב דעם קענען זיי אויסגעטוישט ווערן? אפילו פאַר דעם אויבערפלעכליכסטען באַאָבאַכטער איז קלאָר, אז דאָס קען ניט זיין זייער וואָג, ניט זייער גרויס, ניט זייער הארטקייט, און בכלל, קיינע פון זייערע נאַטירליכע אייגענשאַפטען. הייסט דאָס אז דאָס דאַרפען זיין זייערע געזעלשאַפטליכע אייגענשאַפטען. אָבער וועלכע? ווי מיר האָבען שוין פריהער אָנגעוויזען זיינען אזוינע אייגענשאַפטען פאַראַן בלויז צוויי: זייער געזעלשאַפטליכע נוצליכקייט און זייער געזעלשאַפטליכער ווערט. קען די געזעלשאַפטליכע נוצליכקייט דינען פאַר אַט דעם צוועק? ניין! די האַק איז נוצליך אלס פּראָדוקציאָנס מיטעל, דאָס ברויט — אלס מיטעל צו דערהאַלטען די כחות פון דעם פּראָדוצענט א.אז.וו. קיין פאַרגלייך פון צאָל (כמות'דיגער, קוואַנטיטאַטיווער) איז דאָ ניט מעגליך, און ביים אויסטויש שפּילט דאָך אָבער טאַקי די הויפּט ראָליע דער פאַרגלייך אין כחות. עס איז דערפאַר קלאָר אז דאָ האַנדעלט זיך וועגען זייער געזעלשאַפטליכען ווערט; ד.ה. וועגען דער סומע פון געזעלשאַפטליכער ארבייטס-ענערגיע וואָס די האַק קאָסט. פון אַט דעם שטאַנדפּונקט ווערט גלייך קלאָר די מעגליכקייט קוואַנטיטאַטיוו צו פאַרגלייכען די פאַרשיידענסטע זאַכען, אפילו מאַטעריעלע מיט ניט מאַטעריעלע פּראָדוקטען.

לאָמיר אָננעמען אז דאָס אויבען געזאָגטע איז פאַלש, אז דער פונדאַמענט פון אויסטויש איז ניט דער ווערט, נאָר עפּעס אַנדערש, עפּעס וועגען וואָס מיר ווייסען נאָך דערוויל ניט. לאָמיר אָננעמען אז אין א האַק און א פּאָר שטיוועל געפינט זיך דיזעלבע סומע פון אַט דעם „עפּעס". און די ביידע זאַכען דאַרפען דערפאַר פאַרקויפט ווערען פאַר'ן זעלבען פּרייז. גלייכצייטיג אָבער קאָסט די האַק 12 שטונדען פּשוט'ע ארבייט און די פּאָר שטיוועל — 8 אזוינע שטונדען. ווען דאָס זאָל זיין דער פאַל, וואָלט זיך דאָן קיינער ניט פאַרנומען מיט פּראָדוצירען העק, ווייל עס וואָלט זיך ניט געלוינט. אלע וואָלטען בעסער געוואָלט מאַכען שטיוועל. די אנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפטליכער צוטיילונג פון ארבייט וואָלט געווארען אוממעגליך. די טויש געזעלשאַפט בכלל, וואָלט אוממעגליך געווארען. על כן, אויב

פּאָליטישע עקאָנאָמיע

מען נעמט אָן עפּעס אַנאַנדער פונדאַמענט פאַר טויש, אויסער דעם ווערט, ברענגט דאָס צו אן אבסורד.

הגם דער פּרייז פון סחורה איז דורכשניטליך גלייך צום ווערט, טרעפט עס אָפט אז זיי אונטערשיידען זיך צווישען זיך. בלויז דאָרט וואו די קאָנקורענץ קען ווירקען פריי, בלויז דאָרט וואו די סחורה פּראָדוקציע קען זיך פונאַנדערוואַקסען און זיך אויסברייטען אונטער'ן איינפלוס פון מאַרק נאָכפראַגע — בלויז דאָרטען האַלט דער פּרייז שטענדיג אין אויסגלייכען זיך מיט'ן ווערט, דאָרט וואו די פּראָדוקציע איז אמוועניגסטענס עלאַסטיש, זעהט זיך דער געזעץ פון דעם ארבייטס ווערט אמוועניגסטענס אָן.

אזוי צ. ב. ש. איז דאָס אין דער ערד־ארבייט. אויף א געוויסען שטח ערד, איז גאַנץ שווער באדייטענד צו פאַרגרעסערען די פּראָ־דוקציע, ווען די געזעלשאַפטליכע באדערפעניש אין ברויט וואַקסט אוים, קענען די הויכע פּרייזען, וואָס וועלען זיין דער רעזולטאַט פון דער פאַרגרעסערטער נאָכפראַגע, זיך האַלטען עקשנות'דיג פאַר א גאַנץ לאַנגער צייט; ווייל דער אָנבאָט קען דאָ זיך ניט אויסגלייכען מיט דער נאָכפראַגע.

אויסער דעם ווערט די פרייהייט פון דער קאָנקורענץ גאַנץ אָפט געשטערט דורך פאַרשיידענע אָ ר ג אַ נ י ז י ר ט ע באַציהונגען צווישען מענשען. אזוי איז דאָס אויך געווען אין די היסטאָריש באַקאַנטע קליין בירגערליכע געזעלשאַפטען. (די צעכען־אָרגאַניזאַ־ציעס, אדער די פעאָדאַלע, זייער איינפלוס אויף דער קאָנקורענץ וועלען מיר שפּעטער באַהאַנדלען ברייטער).

צום סוף, טרעט ארוים אויף דער סצענע, גאַנץ אָפט, אין פאַר־בינדונג מיט די פריהער אָנגעוויזענע באַדינגונגען — דער מאָנאָפּאָל. אונטער'ן וואָרט מאָנאָפּאָל פאַרשטעהען מיר איינגענטליך ניט בלויז אז די קאָנקורענץ ווערט פאַרקלענערט, נאָר טאַקע אז זי איז לחלוטין ניטאָ. געוויינליך אבער ווערט מיט דעם וואָרט באַצייכענט יעדע באַדייטענדע פאַרקלענערונג פון דער קאָנקורענץ. אויב מיט דער פּראָדוקציע פון א געוויסער סחורה פאַרנעמט זיך בלויז איין אונ־טערנעמער, אדער אפילו עטליכע וואָס זיינען צווישען זיך פאַראייניגט,

א. באָגדאַנאָוו

קענען די קויפער זיין געצוואונגען צו צאָלען פאר דעם פּראָדוקט **אומ־** געהויערע פּרייזען. אין דעם פאַל האָבען מיר פאר זיך איין גרופּע, וועלכע באַנוצט זיך מיט איר אויסנאַמס לאַגע און עקספּלואַטירט די גאַנצע געזעלשאַפט.

דורך דער מאָנאָפּאָל קען דערקלערט ווערען דער פאַקט, וואָס אין א טויש־געזעלשאַפט קענען אויך אַזוינע זאכען האָבען א פּרייז, וועלכע זיינען בכלל ניט געשאַפען געוואָרען דורך מענשליכע ארבייט, וועלכע האָבען דערפאר בכלל ניט קיין אַרבייטס־ווערט, צ.ב.ש. ערד, וואַסער קראַפט, אַן ערען־טיטול, א.אז.וו.

דאָס טרעפט אין דעם פאַל, ווען די זאכען וואָס זיינען ניט גע־שאַפען געוואָרען דורך מענשליכער ארבייט, זיינען אָבער נוצליך, און גלייכצייטיג באַשרענקט אין צאָל, ווערען פון עמיצען פאַרכאַפּט, ווע־רען עמיצענס פּריוואַט אייגענטום, דאַן ווילען די באַלעבאַטים פון יענע זאכען קיינעם ניט לאָזען זיי באַנוצען, סיידען מען באַצאָלט זיי דער־פאר. די פּרייזען פון אַזעלכע זאכען קענען שוין ניט באַשטימט ווערען דורך זייער ארבייטס־ווערט, ווייל זיי האָבען דאָס ניט. פּונקט ווי ביי יעדע אַנדער פאָרמע פון עקספּלואַטאַציע, ווערען די פּרייזען אויף אַזעלכע זאכען רעגולירט דורך די כחות־פאַרהעלטענישען פון די פאַרשיידענע געזעלשאַפטליכע קלאַסען — אין דעם פאַל פון די קויפער און פאַרקויפער. פאַרשטעהט זיך זיינען די כחות־פאַרהעל־טענישען גופא אָפּהענגיג פון היסטאָרישע באַדינגונגען, און סוף כל סוף פון דער אַנטוויקלונג פון דעם שיכות צווישען דעם מענשען און דער נאַטור.

אין דער קליין בירגערליכער טויש־געזעלשאַפט איז שוין דאָ א גאַנץ אַנטוויקעלטע פאָרמע פון געלט אויסטויש. אָהן געלט איז א ברייטע צירקולאַציע פון סחורות ניט מעגליך. געלט שפּילט א גרויסע און פאַרשיידענאַרטיגע ראָליע אין דעם לעבען פון א טויש־געזעלשאַפט. די טויש־געזעלשאַפט ווייס בלויז פון א געלט אויסטויש, ווייל געלט איז דער פּרייז פון יעדער סחורה, און דערפאר איז געלט אויך די שטענדיגע מאָס פון דעם ווערט פון סחורות. א דאַנק דער קאָנקורענץ אין מאַרק זוכט דער פּראָדוצענט צו קריגען פאר זיין סחורה ניט

ווייניגער ווי איר ארבייטס־ווערט, אבער יענער ווערט שטעלט זיך אים פאַר ניט אין דער פאָרמע פון אַ געוויסער סומע ארבייטס־ענער־גיע, נאָר אין דער פאָרמע פון אַ געוויסער סומע געלט.

אין אַלע קרעדיט אָפּמאַכען, וועלכע ווערען אין דער טויש־געזעלשאַפט אַ גאַנץ געוויינליכע זאַך, ווערט דאָס געלט דער ג ע־ז ע צ ל י כ ע ר צ א ל ו נ ג ס מ י ט ע ל, מיט דעם סחורה־מאַרק איז אומצוטיילבאַר פאַרבונדען דער געלט־מאַרק, צוזאַמען שטעלען זיי פאָר דעם מאַרק בכלל.

פאַר דעם נאָרמאַלען גאַנג פון דעם לעבען פון דער טויש־געזעל־שאַפט איז דורכאויס נויטיג, אַז די טויש־מיטלען און צאלונגס־מיטלען זאָלען זיך געפינען אין אַ געניגענדער צאָל אויף'ן מאַרק. לאָמיר זעהן ווי גרויס אַזאַ געניגענדע צאָל דאַרף זיין.

עס איז קלאָר אַז ווען די סחורות ווערען צו דערזעלבער צייט פאַרקויפט פאַר מזומן, איז נויטיג פּונקט אַזוי פיל געלט, ווי פיל עס באַטרעפט דער ווערט פון די סחורות. אבער פאַר אַ גאַנצער רייהע אָפּמאַכען פאַר מזומן, וואָס פאַרציהען זיך אויף אַ געוויסער צייט, קען די סומע געלט זיין קלענער ווי דער סך הכל פון דעם ווערט פון די סחורות.

דער בעל־מלאכה האָט געקויפט ביים פויער ברויט פאַר 10 רובעל. פאַר די צען רובעל האָט דער פויער געקויפט געצייג ביים שמיד, דער שמיד קויפט פאַר דאָסזעלבע געלט אַ טיש ביים סטאָליאַר. אַט די אַלע דריי אָפּמאַכען זיינען פאָרגעקומען אין פאַרלויף פון איין וואָך. פאַר זיי איז נויטיג געווען בלויז 10 רובעל, הגם די אַלע אויס־גערעכענטע סחורות באַטרעפען 30 רובעל, דאָס דערקלערט זיך דער־מיט וואָס דורך דער וואָך האָבען די צען רובעל דורכגעמאַכט דריי גלגולים. בכלל אבער, ווען דער פאַרקויף איז פאַר מזומנים, ווערט די סומע וואָס איז נויטיג פאַר'ן מאַרק באַשטימט אַזוי: די גאַנצע סומע וויפיל עס זיינען ווערט די סחורות וואָס ווערען פאַרקויפט, ווערט צוטיילט אויף וויפיל מאָל דורכשניטליך דאָס געלט קערעוועט זיך אויס אין דער צייט ווען די סחורות ווערען פאַרקויפט.

די סחורות וואָס ווערען פאַרקויפט אויף באָרג, געהען איבער־

א. באָגדאַנאָוו

פון האַנט צו האַנט איינגאַנצען אַהן דער הילף פון געלט. שפּעטער אָבער מוז מען פאַר זיי באַצאָלען. כדי זיך קלאָר צו מאַכען די סומע געלט אין וועלכער עס נויטיגט זיך דער קרעדיט מאַרק, דאַרף מען נעמען אין אַנבאַטראַכט ניט נאָר ווי שנעל די געלט קערעוועט זיך אויס, נאָר אויך נאָך אַן אַנדער אומשטאַנד.

דער סטאָליאַר האָט געקויפט ביים פּויער פאַר 10 רובעל ברויט אויף באָרג, דער פּויער האָט ביים סטאָליאַר געקויפט אַ טיש, אויך אויף באָרג, פאַר 9 רובעל. ווען זיי רעכענען זיך אויס דאַרף דער סטאָליאַר אויסצאָלען דעם פּויער בלויז 1 רובעל, הגם די אַלגעמיינע סומע פון זייערע חובות איז געווען 19 רובעל. אברהם איז שולדיג ברוך'ן 100 רובעל, ברוך איז שולדיג גדליה'ן הונדערט רובעל, גדליה קויפט ביי אברהם'ן פאַר 100 רובעל סחורה אויף באָרג. מאַכען מיר דעם סך הכל, קומט אויס אַז קיין איינער פון די דריי דאַרף גאָרניט צאָלען. אויף אַזאַ'ן אופן ווערען די נויטיגע צאָלונגס-מיטלען פאַרקלענערט אויף דער גאַנצער סומע פון צאָלונגען, וועלכע דעקען איינס דאָס צווייטע. דאָס איבעריגע ווערט אויסגעצאָלט דורך אַזאַ סומע געלט, וועלכע ווערט באַשטימט לויט דער שנעלקייט פון דער געלד צירקולאַציע.

בכלל, ווערט דער סכום פון געלט אין וועלכע דער מאַרק נויטיגט זיך — ד.ה. די געלט-נאָכפראַגע — באַשטימט אויף'ן פאָלגענדען אופן: צו דער סומע פון דעם ווערט פון די סחורות, אויסער די וואָס ווערען פאַרקויפט אויף באָרג, ווערט צוגעלעגט די סומע פון צייט-צאָלונגען, אויסער יענע וועלכע ווערען איינס פון דאָס צווייטע געדעקט, און דער רעזולטאַט פון דעם דאָזיגען חיבור ווערט צוטיילט אויף דער דורכשניטליכער צאָל פון דער געלט צירקולאַציע פון יענער צייט.

די ווירקליכע סומע געלט איז בכלל גערעדט, ניט ווענינער פון דער מאַרק-נאָכפראַגע. פאַרקערט, אויסער דאָס געלט וועלכע צירקולירט אין מאַרק, איז אימער נאָך דאָ אַ געוויסער איבערפלוס, וואָס ליגט באַהאַלטען ערגעץ אַלס „אוצר", אַלס געלט זאַפּאַס, כדי דאָס זאָל קענען פאַרברויכט ווערען דעמאָלט ווען אויף'ן מאַרק וועט די נאָכפראַגע אויף געלט פאַרגרעסערט ווערען.

פּאָליטישע עקאָנאָמיע

די גרויסע געזעלשאַפטליכע ראָליע וואָס דאָס געלט שפּילט אַלס מיטעל פאַר דער סחורה צירקולאַציע, העלפט זעהר פיל דאָס וואָס עס האָט זיך אויסגעטיילט אַ גאַנץ באַזונדערער קלאַס מענשען וואָס פאַרנעמען זיך ספּעציעל מיט דער צירקולאַציע פון סחורה. דער סוחרים־קלאַס. זייער טעטיגקייט באַשטעהט אָבער ניט אויסשליסליך אין קויפען און פאַרקויפען סחורות, זיי אָרגאַניזירען אויך די טראַנס־פּאָרטירונג פון סחורות, דאָס אַריבערפירען פון סחורות פון איין פּלאַץ אויף אַ צווייטען, פון מאַרק צו מאַרק, און אָפט אויך פון מאַרק צום פּלאַץ וואו די סחורות דאַרפען פאַרברויכט ווערען. די דאָזיגע אַרבייט פון איבערפירען סחורות פון פּלאַץ צו פּלאַץ דאַרף באמת באַטראַכט ווערען אַלס די לעצטע מדרגה אין זייער פּראָדוקציע, אויב אַ געוויסער פּראָדוקט קען ניט צופרידענשטעלען קיין שום געזעלשאַפטליכע באַ־דערפעניש אין דעם פּלאַץ וואו ער איז געשאַפען געוואָרען, איז ער נאָך פאַקטיש ניט קיין פאַרענדיגטער פּראָדוקט, ד. ה. ער איז נאָך ניט קיין געברויכס אַרטיקעל. די פּראָדוקציע פון אַזאַ סחורה ווערט ערשט דאַן פאַרענדיגט, ווען זי ווערט אַריבערגעטראָגען אין דעם פּלאַץ וואו זי קען פאַרברויכט ווערען און וואו זי האָט דערפאַר אַ געזעלשאַפטליכע נוצבאַרקייט.

דער געלט־קרעדיט שאַפט אויך אַ באַזונדערען קלאַס, וועמעס ספּעציאַליטעט עס ווערט דער קרעדיט. דאָס איז דער קלאַס פון מלוים.

די איבעריגע מאַסע פּראָדוצענטען פון דער קליין בירגערליכער געזעלשאַפט איז אויך ווייט ניט איינאַרטיג. זי ווערט פונאַנדער־געטיילט אין פאַרשיידענע קלאַסען לויט די באַזונדערע ראָליעס וואָס די פאַרשיידענע געזעלשאַפטליכע גרופּען שפּילען אין דער פּראָדוקציע, ווי צ. ב. ש. ערד אַרבייטער, שוסטער, שמידען, א. אז. וו.

דאָ וועט זיין אַם פּלאַץ צו דערקלערען דעם אונטערשייד צווישען „שטאַנד“ און „קלאַס“. אַ קלאַס רופט מען אַ גרופּע מענשען וואָס זיינען פאַראייניגט דורך זייער ענליכער לאַגע אין דער פּראָדוקציע און האָבען אַ דאַנק דעם געמיינשאַפטליכע עקאָנאָמישע אינטערעסען: סוחרים, הענדלער, ערד־אַרבייטער; די אָרגאַניזאַטאָרען פון איין זייט און די אָרגאַניזירטע פון דער צווייטער. אַ שטאַנד רופט

א. באַגראַנאַוו

מען א גרופּע מענשען וועלכע געפינען זיך אין דערזעלבער רעכט־ליכער לאגע. די פּעאַדאַלען פון איין זייט, די אפּהענגיגע פויע־רים פון דער צווייטער, זיינען צוויי שטאַנדען, וואָס אונטערשיידען זיך אין זייער רעכטליכער לאגע. היות אָבער ווי די רעכטליכע אונ־טערשיידען זיינען די רעזולטאַטען פון די עקאָנאָמישע, זיינען די שטאַנדען מערסטענס אויך גלייכצייטיג קלאַסען.

ב) די איינוועניגסטע באַציהונגען צווישען די באַזונדערע ווירטשאַפטען אין דער קליינבירגערליכער געזעלשאַפט.

די שטאַטישע בעלי מלאכות, אין דער צווייטער העלפט פון מיטעל־אַלטער, שטעלען מיט זיך פאר די טיפּישסטע קליינבירגערליכע גרופּע. איבערלאָזענדיג פאר דעם לעצטען קאַפּיטעל די פראגע ווי אזוי עס האָבען זיך געבילדעט שטעט און ווי אזוי עס האָבען זיך באַפרייט די קלאַסען פון בעלי מלאכות און פון סוחרים, דארפען מיר דערווייל האָבען אין זינען בלויז דעם פאַקט אז דער דאַמאַלסדיגער בעל מלאכה איז געווען א פרייער פּראָדוצענט פון סחורה.

אין איר ריינער פאָרמע שטעלט פאָר די ווירטשאַפט פון דעם בעל מלאכה א קליינע משפחה, וועלכע איז דער רעזולטאַט פון דער צוטיילונג פון די גרויסע משפחות פון דער פריהערדיגער פעאָדאַלער צייט, וועלכע זיינען אליין געווען אן איבערבלייבעכץ פון דער אמאָלי־גער פּאַטריאַרכאַלער ווירטשאַפט־אָרגאַניזאַציע. די קליינקייט פון דעם בעל מלאכה׳ס משפחה איז דער רעזולטאַט פון דעם כאַראַקטער פון דער דאַמאַלסדיגער פּראָדוקציע. די געצייג וואָס זיינען געברויכט געוואָרען אין דער פּראָדוקציע, האָבען ניט געפאָדערט קיין פאַראיי־ניגונג פון א סך ארבייט׳ס כחות, איינער, אָדער צוויי מענשען, האָבען גאַנץ לייכט זיך געקענט ספּראַווען מיט זיי.

די קליינבירגערליכע משפּחה, זייענדיג אליין אן איבערבלייבעכץ פון די פּאַטריאַרכאַלע משפּחה־באַציהונגען, האט אין איר איגנרליכען געבוי רעפּראָדוצירט אין מיניאַטור די דאָזיגע באַציהונגען. דער

פאטער פון דער פאמיליע איז ניט נאר דער הויפט אין דעם ארבייט'ס כח פון דער משפחה, נאר אויך דער אלמעכטיגער ארגאניזאטאר פון אירע פראדוקציאנס און פארטיילונגס באציהונגען. די איבעריגע מיטגלידער פון דער משפחה געפינען זיך אין דער פולסטער אונטערטעניגקייט צו אים, שוין צוליב דעם אליין, וואס אויף דעם פאטערס פלייצעס ליגט דער גרעסטער חלק אין דער ארבייט צו פארזארגען די משפחה מיט אלע נויטיגע לעבענס מיטלען. מיט דער הילף פון זיינע מינדער־יעריגע זין, און ניט זעלטען אויך מיט דער הילף פון פרעמדע לערן־אינגלעך, פירט דער באלעבאס אן די פראדוקציע און פארקויפט די פארטיגע פראדוקטען. ער איז אויך דער אויפזעהער איבער דעם איינקויף פון די אלע זאכען אין וועלכע די משפחה נויטיגט זיך.

געוויינליך קריגט מען די פארשיידענע לעבענס מיטלען ניט אין דער פארענדיגטער פארמע אין וועלכער מען זאל זיי קענען גלייך פארברויכען. די לעצטע פראדוקציאנס פראצעסען מוזען דורכגעפיהרט ווערען שוין פון די, וואס דארפען דאס פארברויכען (צ. ב. ש. צוגרייטען שפייז פון דער געקויפטער פראוויזיע, נייהען בגדים פון געקויפטען געוועב און אז. וו.) אט די ארבייט ווערט הויפטזעכליך אויסגעפירט פון די פרויען וואס געהערען צו דער משפחה.

די פרויען שטעלען מיט זיך פאר, אויף דעם אופן, דעם „נאטור־ראל ווירטשאפטליכען" טייל פון דער משפחה. זיי פירען א היימישע פראדוקציע פאר'ן דירעקטען געברויך, די מיטלען אבער פאר דער דאזיגער פראדוקציע ווערען צוגעשטעלט פון דעם הויפט פון דער משפחה. פאר דער פרוי ווערט אלזא אנגעצייכענט א זעהר ענגער קרייז פון טעטיגקייט, וואס איז נאך דערצו זעהר אן אפהענגיגער. די מאטעריעלע באדינגונגען שטעלען אויף דעם אופן אוועק דעם מאן אלס הערשער איבער דער פרוי. דערפון איז לייכט צו פארשטעהן, ווי אזוי עס איז אנטשטאנען אט די נידעריגע לאגע, וועלכע די פרוי פארנעמט אין דער משפחה.

די היסטארישע שיקזאלען פון דער פרוי אין די לעצטע עטליכע יארהונדערטער ווערען טאקי באשטימט איבערהויפט דורך דעם, וואס

א. באַגדאַנאָוו

אין דער טויש־געזעלשאַפט קומט אויס דער פרוי צו שפּילן די נאַטוראַל־ווירטשאַפטליכע ראָליע, פאַרקערפּערן אין זיך די איבער־בלייבעכץ פון אונזער פּרימיטיווסטער פּראָדוקציאָנס־פאָרמירונג. די הויז ווירטשאַפט וואָס איז אָפּגעשלאָסן אין זיך, אין דער קיך און אין דער קינדער שטוב, איז די פאַרשקלאַפונג פון דער פרוי.

די לאַגע פון דעם פרעמדען מענשען, וועלכען דער מייסטער פלעגט אריינעמען פריהער אלס לערן־אינגעל און שפּעטער אלס אונטער־מייסטער, פלעגט זיך וועניג וואָס אונטערשיידען פון דער לאַגע פון די אנדערע מיטגלידער פון דער משפּחה. ער פלעגט וואוינען צוזאַמען מיט דעם מייסטער'ס משפּחה, עסען און טרינקען צוזאַמען מיט זיי, און באַנוצען בכלל, גלייך מיט אלעמען די אלע פאַרטיגע לעבענס־מיטלען וואָס די משפּחה האָט געהאַט. אויסער דעם, ווייל ער האָט דאָך געדאַרפט פריהער אָדער שפּעטער אליין ווערן א מייסטער, פלעגט ער קריגען פון זיין באַלעבאָס שבירות פון וועלכע ער האָט געדאַרפט צונויפקלייבען די נויטיגע סומע כדי אליין צו ווערן א באַלעבאָס. ארבייטען פלעגט ער גלייכצייטיג מיט'ן באַלעבאָס, אנהויבענדיג און ענדיגענדיג די ארבייט גלייך מיט'ן באַלעבאָס, דער באַלעבאָס פלעגט אים באַטראַכטען פאַר א שותף אין דער פּראָדוקציע און ניט אלס א געגענשטאַנד פון עקס־פּלואַטאַציע. בכלל איז די לאַגע פון דעם אונטער־מייסטער אין דער ערשטער צייט פון דער טויש־געזעלשאַפט געווען אזא, אז אויב זי האָט זיך יאָ אונטערשיידט פון דער לאַגע פון דעם מייסטער'ס קרובים, איז דאָס גיכער געווען אן אונטערשייד צום גוטען ווי צום שלעכטען, ווייל דער פרעמדער ארבייטער איז געווען פיל מער זעלבסטשטענדיג ווי דער קרוב.

וואָס אנבאַלאַנגט דער פויערשער משפּחה, טו אויף וויפיל דער שטראָם פון דער טויש־געזעלשאַפט האָט איר בכלל פאַרכאַפּט, האָט זי זיך פאַרוואַנדעלט פון דער פּאַטריאַרכאַלער „גרויסער משפּחה" אין א פּשוט'ער קליינבירגערליכער. אין פאַרלויף פון דעם מיטעל־אלטער האָט נאָך אבער דער דאָזיגער איבערגאַנג זיך ניט פאַר־ענדיגט. בכלל דאַרף מען די פויערשע משפּחה פון יענער צייט

ניט באטראכטעט אלס א זעלבסטשטענדיגע פראָדוקציאָנס גרופּע; זי ווערט נאָך איינגעשלאָסען אין דער אלגעמיינער פעאָדאלער גרופּע.

די פעאָדאלע נאטוראל־ווירטשאפט האָט אויפ'ן ערשטען בליק גאנץ ווייניג געביטען איר אויסזעהן, ווען זי איז פארוואנדעלט גע־ווארען אין א פעאָדאלער טויש־ווירטשאפט, בפרט נאָך ווייל דער איבערגאנג איז געווען זעהר א לאנגזאמער. אויך אין דער קליינ־בירגערליכער געזעלשאפט איז נאָך יענער איבערגאנג ניט אינגאנצען פארענדיגט געווארען. פונקט ווי פריהער בלייבט נאָך דער פעאָדאל דער אָרגאניזאטאר פון די געזעלשאפטליכע אונטערנעמונגען, ווען די באזונדערע משפחות פון דער פויערשער פעאָדאלער גרופּע קענען עס אליין ניט דורכפירען; פונקט ווי פריהער פארבלייבט ער דער אָרגאניזאטאר פון דער פארטיילונג, דערמיט וואָס אין דער פארמע פון „פאנשטשינע“ און שטייערען נעמט ער פאר זיך צו א טייל פון דער פויערשער ארבייט. פונקט ווי פריהער לאָזט ער פאר זיך די אָרגאניזאטארישע ראָליע אין דעם רעכטליכען לעבען פון דער גרופּע, אָבער אין דעם פארנעם און דעם כאראקטער פון זיין טעטיג־קייט, קומט פאר ביסלעכווייז א באדייטענדע ענדערונג.

די אָרגאניזאטארישע ראָליע פון דעם פעאָדאל אויף דעם פעלד פון דער פראָדוקציע פארקלענערט זיך שנעל. די ברייטע אויסטויש־פארבינדונגען שאפען ברייטע שטאטליכע אָרגאניזאציעס וועלכע נעמען אויף זיך די פליכט אפצוהיטען די געזעלשאפט פון געפאר. דער פעאָדאל פארלירט אויף דעם אופן זיין געזעלשאפטליך־נוציליכע ראָליע אלס מיליטערישער פארטיידיגער פון זיינע אונטערטעניגטע פויערים. צוליב זיינע מיליטערישע נייגונגען טרעט ער אפט אפילו ארויס ניט אלס באשיצער, נאָר אלס צושטערער פון דעם נארמאלען גאנג פון דער פראָדוקציע.

אויב דער פעאָדאל איז פריהער געווען נוציליך דערמיט וואָס ער האָט אָרגאניזירט אזוינע אלגעמיינע אונטערנעמונגען, וועלכע די באזונדערע משפחות זיינען ניט געווען בכח אליין צו אונטער־

א באַגדאַנאָוו

נעמען, פאַרשווינדט, איצט זייער נויטיגקייט. ביי דער אַלגעמיינער צוטיילונג פון דער אַרבייט, קענען די גרעסערע פּויערשע אָער אַר־בייטער־ווירטשאַפטען יענע אַרבייטען אַליין אונטערנעמען, דער פּעאָדאַל דערלאָזט דאָס אָבער ניט. ער פאַרוואַנדעלט די קהל׳שע אונטערנעמונגען אין אַ מאָנאָפּאָל פאַר זיך, און פאָדערענדיג גאַנץ הויכע אָפּצאָלונגען פאַר דאָס רעכט צו באַנוצען זיך מיט זיי, שאַפט ער פאַר זיך אַ גאַנץ באַקוועמען און זיכערען קוואַל פון הכנסה אין דאגה׳ט גאַר ניט וועגען דעם פּאָלק. עס פלעגט אָפט טרעפען, אַז דער פּעאָדאַל ניט האָבענדיג קיין אייגענע מילען פלעגט צווינגען די פּויערים צו צאָלען אים פאַר דאָס רעכט צו פירען די תבואה אין אַנדערע מילען, אַ באַרעכטיגטען תירוץ האָט ער געפונען אין דער טענה, אַז אַרויספירענדיג די תבואות אין אַן אַנדער פּלאַץ צו מאָלען, איז מען עובר אויף זיינע גרופּען פּריווילעגיעס.

ביסלעכווייז פאַרמינדערט ער אויך זיין טעטיגקייט אַלס אָרגאַ־ניזאַטאָר פון הילף פאַר די פּויערים אין פּאַל פון סטיכישע אומ־גליקען; ער געפינט אַז דאָס זיינען פּשוט איבעריגע אויסגאַבען.

די הויפּטזאַך איז וואָס די טויש־געזעלשאַפט אַנטוויקעלט דעם חשק צו געלט, דעם חשק צו קלייבען אוצרות. אין דער עפּאָכע פון דער נאַטוראַלער ווירטשאַפט האָט דער חשק צו קלייבען אוצרות געהאַט אַ גרענעץ אין די באַשטענדיגע באַדערפעניסען פון דעם פּעאָדאַל. ביים אומאַנטוויקעלטען אויסטויש, קען אַפילו דער מעכ־טיגסטער פּעאָדאַל, ניט אויסברייטערען זיינע באַדערפענישען אויף מער ווי די פּראָדוקציע פון זיינע אייגענע לענדער קען אים געבען. עס האָט פאַר אים פּשוט קיין רעכענונג ניט צו פאַרגרעסערען די אָפּצאָלונגען פון זיינע אונטערטאַנען אויף 10,000 פּוד ברויט, ער און זיין גאַנץ דאָרף זיינען ניט ביכולת אויפצועסען אַזוי פיל ברויט. די ברויט וואָלט פּשוט געלעגען און געפוילט אין זיינע שפּייכלערס. גאַנץ אַנדערש איז דאָס אין אַ געזעלשאַפט מיט אַ ברייטער צוטיילונג פון אַרבייט און מיט אַ געלט־ווירטשאַפט. די באַדערפענישען קענען זיך אין אַזאַ געזעלשאַפט אַנטוויקלען אומענדליך, אַבי עס זאָל נאָר זיין גענוג געלט כדי זיי צו באַפרידיגען. בכלל, קען געלט אַלץ

אויפטאָן; אָבער יעדע באַשטימטע סומע געלט קען פאַרשאַפן דעם מענשען בלויז אַ באַגרענעצטע סומע פאַרגעניגענס. די ראַליע וואָס געלט שפּילט אין לעבען, שאַפט ביי מענשען אַ שטרעבען צו אַן אומענדליכער פאַרגרעסערונג פון זייער געלט־רייכטום, אַ שטרעבען וואָס האָט פאַרכאַפּט די פעאָדלע וועלט, אַלץ מער, וואָס מער זייער ווירטשאַפט איז געוואָרען אַ טויש־ווירטשאַפט. (דער אַנטוויקלונג פון דעם שטרעבען העלפט, פאַרשטעהט זיך, אויך דאָס, וואָס געלט קען מען אַנזאַמלען און היטען אַ לאַנגע צייט, און עס זאָל ניט קאַליע ווערען, אַזוי ווי אַנדערע פּראָדוקטען.)

דערמיט דערקלערען זיך די ענדערונגען אין דעם כאַראַקטער פון דער פאַרטיילונגס־טעטיגקייט פון דעם פעאָדאַל. די פאַנקשטשינע און די אָפּצאָלונגען וואַקסען אויס אומגעהויער. דער פעאָדאַל וויל אַרויסרייסען פון פּויער וויפיל עס איז נאָר מעגליך.

די אָרגאַניזאַטאָרישע מאַכט פון פעאָדאַל אין דעם רעכטליכען לעבען ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַ מיטעל פון אונטערדריקונג. דער פּריצישער געריכט און זיינע אַדמיניסטראַטיווע פונקציעס ווערען פאַר'ן פעאָדאַל אַ וויכטיגער מקור פון איינקונפט.

שטרעבענדיג צו פאַרגרעסערען זיין אייגענע ווירטשאַפט, נעמט דער פעאָדאַל פאַר זיך אַוועק די ערד, וועלכע ער האָט געהאַט פאַר דער געמיינשאַפטליכער באַנוצונג מיט די פּויערים, פאַרקלענערט וויפיל ער קען נאָר די לענדערייען פון די פּויערים, און דאָס רופט אַרויס אַ שרעקליכען ערד־מאַנגעל אין די פּויערשע ווירטשאַפטען.

ווערענדיג דערשטיקט פון די אַלע שוועריגקייטען אַנטלויפען די פּויערים גאַנץ אָפט פון דער ערד. דער פעאָדאַל מוז זיי צו דער ערד צובינדען, באַנוצעניג זיך מיט זיין פּאָליטישער מאַכט און זיין איינפלוס אויף דער רעגירונג. פון אַ האַלב־פרייען מענשען, ווי דער פּויער איז ביז דער צייט געווען, ווערט ער אַ לייב־אייגענער, אָדער פּשוט אַ שקלאַף.

אויף אַזאַ אופן האָט דער כח פון די טויש־באַציהונגען מיטגעבראַכט דעם איבערגאַנג פון דער פעאָדאַלער אָרדנונג אין לייב־אייגענטום.

א. באַגדאַנאָוו

די פויערשע ערד־געמיינשאַפט האָט ביז א געוויסען באַדיי־טענדען גראַד, זיך דאָך כסדר אויפגעהאַלטען. אמת, דער פּעאָדאַל פאַרקלענערט ביסלעכווייז אַלץ מער די זעלבסטשטענדיגקייט פון דער פויערשער קהלה; אויף דעם פּלאַץ פון דערוויילטע פאָרשטעהער און ריכטער שטעלט דער פּעאָדאַל אַן זיינע אייגענע מענשען, יעדע באַ־שטימונג פון דער קהלה, וואָס האָט נאָר א וועלכע עס איז ווירקונג מוז פון דעם פּעאָדאַל גוט געהייסען ווערען. בכלל, אָבער האָבען די פּעאָ־דאַלען ניט שטאַרק באַרירט די פויערשע קהלה, אַמוועניגסטענס אויף וויפיל עס איז ניט געווען געגען זייערע אינטערעסען. די דאָ־זיגע אָרדנונג איז איבערהויפּט אין דער צייט ווען די פויערים זיינען אַמהעכסטענס אונטערדריקט געוואָרען, זעהר גינסטיג געווען פאַר דעם פּעאָדאַל. ניט נאָר האָט ער דאָס מיט אַלע כחות אויפגעהאַל־טען, נאָר אין מאַנכע פאַלען האָט ער זיי פּשוט קינסטליך געשאַפען. דערצו איז בלויז נויטיג געווען צו מאַכען די קהלה פאַראַנטוואָרטליך פאַר יעדען פויער באַזונדער. דאַן מוז שוין די קהלה זאָרגען אַז קיין ווירטשאַפט זאָל ניט אונטערגעהן, ווייל דער אונטערגאַנג פון איינער וועט זיך שלעכט אָפּרופען אויף די איבעריגע; די קהלה איז שוין אויך געווען פאַראינטערעסירט אַז קיינער זאָל פון דער ערד ניט אַנטלויפען. בקצור, הגם די נייע אַדמיניסטראַטיווע קהלה דערמאַנט לויט איר פאָרמע די אַלטע פּעאָדאַלע קהלה, איז אָבער די ראַליע וואָס זי שפּילט גאָר אַן אַנדערע. די אַלטע קהלה האָט געשטרעבט צו דער גלייכהייט פון אַלע פויערשע ווירטשאַפטען, די נייע — צו א גלייכער פונאַנדערטיילונג פון דער אונטערדריקונג.

אין גאַנצען צו דעם באַפרייטען קלאַס בעלי מלאכות אָדער סוחרים, פאַלען די ערד־אַרבייטער אַריין אין שקלאַפעריי אין דער ערשטער צייט פון דער אַנטוויקלונג פון דער טויש־ווירטשאַפט. די הויפּט אורזאַך פאַר דעם אונטערשייד באַשטעהט אין דעם, וואָס די פּראָדוקציאָנס מיטלען פון דעם ערד אַרבייטער בלייבען ריקשטענדיג אין פאַרגלייך מיט דעם שנעלען פאָרטשריט פון דער טעכניק אויף די אַנדערע פעלדער פון דער געזעלשאַפטליכער אַרבייט.

פּאָליטישע עקאָנאָמיע

ג) די אָרגאַניזירטע באַציהונגען צווישען די גרופּען פון דער קליין־בורזשואזער געזעלשאַפט.

די פונאנדערשיידונג פון שטאט און דארף, וואס די צענטרען פון האנדווערק און האנדעל ווערען אפגעטיילט פון דער דארפ'ס ווירטשאפט, דארף פאררעכענט ווערען פאר דעם אויסגאנגס פונקט פאר דער אנטוויקלונג פון די נייע אָרגאניזירטע באציהונגען צווישען גרופּען.

די דאזיגע פונאנדערשיידונג, חוץ יענע שטעט וועלכע דער מיטעלאלטער האט איבערגענומען בירושה, פון דער צייט פון דער רוימישער וועלט־הערשאפט, איז פארגעקומען גאנץ לאנגזאם. מערסטענס האבען זיך די שטעדט אנטוויקעלט פון די גרויסע האנדעלס דערפער. די דערפער וועלכע האבען זיך געפונען נעהענטער צו די וועגען, ביי טייכען אויף וועלכע עס זיינען געגאנגען שיפען, אדער ביי א בארג־דורכגאנג, אדער וואו עס צוטיילען זיך פארשיידענע וועגען א. אז. וו. זיינען ביסלעכווייז געווארען גרויסע שטעט, וואו עס פלעגען אפגעהאלטען ווערען פעריאדישע ירידים. אויף דעם אופן זיינען זיי געווארען צענטרען פון אויסטויש. דאס רייכטום וואס האט זיך אין זיי אנגעזאמעלט א דאנק דעם, פלעגט דערוועקען די הנאה פון זייערע שכנים, און כדי זיך צו פארטיידיגען געגען אפטע אנפאלען, זיינען זיי געוועזען געצוואונגען, צו באפעסטיגען זייערע שטעט מיט ווענט. (דער סמן פון א שטאט אין מיטעלאלטער זיינען געוועזען די דאזיגע ווענט.) א דאנק דער לייכטקייט מיט וועלכער סחורות האבען זיך פארקויפט אין די שטעט, האבען זיך דארט שטארק אנטוויקעלט פארשיידענע מלאכות. דער אפּהענגיגער בעל מלאכה פון דער פעאדאלער גרופּע האט געשטרעבט אוועקצוגעהן אין שטאט, כדי צו זיין וואס נעהענטער צום מארק; די פעאדאלע באציהונגען האבען אין דעם גאנץ ווייניג געשטערט דעם בעל מלאכה, ווייל געוויינליך פלעגט ער צאלען א געלט צינז, אנשטאט צו ליפערען ארבייט, און זייענדיג אין שטאט האט ער זיינע

א. באָגדאַנאָוו

פליכטעו נאָך לייכטער געקענט ערפילעו, ווי זייענדיג אין דאָרף. אין דער ערשטער צייט פירט נאָך פונדעסטוועגעו דער בעל מלאכה א שטיקעל לאַנד ווירטשאַפט. די מיטעל אַלטערליכע שטאָט איז אין די ערשטע צייטעו ארומגערינגעלט מיט פעלדער און לאַנקעס, און לויט דעם כאַראַקטער פון דעם שטאָטישעו לעבעו, איז קיין גרויסער אונטערשייד ניטאָ צווישעו שטאָט און דאָרף. אַזוי אָבער ווי מיט׳ן פאָרטשריט פון דעם אויסטויש באַצאָלט זיך האַנטווערק אַלץ בעסער, פאַר די שטאָט איינוואוינער, ווערט די ערד ארבייט אַלץ מער און מער אוועקגערוקט אין א זייט. די ספּעציאַליזאַציע פון די שטאָטישע בעלי מלאכות פירט דערצו אַז זייער קונסט ווערט פאַרפאָלקאָמט צו אַזאַ גראַד, אַז די פּויערים וועלכע פאַרנעמען זיך מיט די זעלבע ארבייטעו אין דאָרף קענעו זיך אפילו ניט פאַרגלייכעו מיט זיי. אפילו די פּעאָדאַלעו ווילעו שוין דאָן קויפעו די אַלע פּראָדוקטעו פון די שטאָטישע בעלי מלאכות. די פּויערים דאַרפעו שוין דאָן אַליין ניט פּראָדוצירעו אַלצדינג פאַר׳ן פעאָדאַל, זיי דאַרפעו נאָר שאַפעו פאַר אים די מיטלעו ער זאָל אַלץ קענעו קויפעו. אַט אַזוי איז פאַרגעקומעו די פונאַנדערשיידונג פון שטאָט און דאָרף. ווי לאַנגזאַם אָט דער פּראָצעס האָט זיך געצויגעו, קען מען באַגרייפעו פון דעם פאַקט וואָס נאָך אין יאָהר 1589 האָבעו די בירגער פון מינכעו ניט געקענט עקזיסטירעו, לויט די ווערטער פון בייערשעו הערצאָג, אָהן פעלדער און לאַנקעס.

אנטשטעהענדיג אויף׳ן באָדעו פון אומאָרגאַניזירטע אויסטויש שיכות׳ן צווישעו מענשעו, איז די שטאָט דער ערשטער סימן פון א מין אָרגאַניזירטער פאַרבינדונג צווישעו מענשעו. די שטאָט פאָדערט אַן אַלגעמיינע מיליטערישע באַשיצונג און פאָלגליך אַן אַלגעמיינע ארגאַניזאַציע פאַר דעם צוועק, פונקט ווי עס ווערט נויטיג אַן אַלגעמיינע ארגאַניזאַציע פון רעכטליכע באַציהונגעו. בלויז אונטער אַזעלכע באַדינגונגעו קען די שטאָט ווערעו א ווירקליכער צענטער פון ארבייט און האַנדעל.

היות ווי די עקאָנאָמישע ווידערשפּרוכעו און אומגלייכהייט אין אייגענטום, זיינעו שוואַך אַנטוויקעלט, נעמט אָן די אָרגאַניזאַציע

פאָליטישע עקאָנאָמיע

פון אַלע געזעלשאַפטליכע עסקים אַ רעפּובליקאַנישע פאָרמע, גאַנץ ענליך צו דעם געבוי פון די מאָדערנע רעפּובליקען, הגם שוין פון אָנ־פאַנג אָן מערקט זיך די אַריסטאָקראַטישע ריכטונג, די אויבערהער־שאַפט פון דער רייכער און באַריהמטער מינדערהייט זעהט זיך שוין אין די סאַמע אַלטע צייטען. דאָס ווערט נאָך שטאַרקער, ווען דער אונטערשייד צווישען אָרעם און רייך ברייטערט זיך אויס. מיט׳ן גאַנג פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, ווי מיר וועלען דאָס שפּע־טער באַווייזען, ווערט די מאַכט פון די רייכע אַלץ שטאַרקער, און עס קומט דערצו אַז די מער אַנטוויקעלטע רעפּובליקען, ווי צ. ב. ש. אין איטאַליע, זיינען גלייכצייטיג אויך די אַריסטאָקראַטישסטע.

וואָס מער עס וואַקסען די מאַטעריעלע כחות פון דער שטאָ־טישער באַפעלקערונג, אַלץ ווייניגער אָפּהענגיג ווערט די שטאָט פון דעם פעאָדאַל אויף וועמעס ערד זי געפינט זיך. אַמאָל דורך געלט־אָפּצאָלונגען, און אָפט דורך אַ דירעקטען קאַמף, באַקומען די שטעט אַלץ מער און מער זעלבסטשטענדיגקייט. די שטענדיגע צוזאַמענ־שטויסען פון די פעאָדאַלען צווישען זיך האָבען באַדייטענד אָפּגע־שוואַכט זייער מאַכט, און דערמיט פלעגען זיך באַנוצען די שטעט. שטיצענדיג זיך אויף אירע מיליטערישע כחות און פעסטע ווענט, האָט די שטאָט אין פילע פאַלען געקענט שפּילען אַן אַנטשיידענע ראָליע אין אַ קאַמף, אָבער די שטאָט האָט איר הילף ניט געגעבען דעם פעאָדאַל אומזיסט, ער האָט געמוזט דערפאַר צאָלען מיט געוויסע פּריווילעגיעס און רעכטען, וועלכע זיינען גינסטיג געווען פאַר דער שטאָט. אין דער צייט פון די קרייץ־צוגען, ווען די גרעסטע צאָל פון די פעאָדאַלען זיינען געוואָרען גרויסע בעלי חובות, האָבען פיל שטעט אָפּגעקויפט ביי די פעאָדאַלען די ערד און דערמיט אויך זייער זעלבסטשטענדיגקייט, און אויף דעם אופן האָבען זיי זיך אינגאַנצען באַפרייט פון דער אויבערהערשאַפט פון די פעאָדאַלען.

דורך דער גאַנצער צווייטער העלפט פון מיטעל־אַלטער ציט זיך דער קאַמף פון די שטעט געגען די פעאָדאַלען, וועלכע האָבען אונטער אַלע אומשטאַנדען געוואָלט אָנהאַלטען זייער אויבערהער־שאַפט איבער די שטעט. אין פראַנט פון דעם דאָזיגען קאַמף איז

א. באָגדאַנאָוו

געשטאַנען דער סוחרים קלאַס, דורך דעם וואָס זייער געשעפט האָט ביי זיי אַנטוויקעלט אַ שטאַרקע ענערגיע, אַ קאַמפּס־לוסטיגקייט און אָרגאַניזאַטאָרישע פעהיגקייטען. אַרום די עלטסטע און רייכסטע משפחות פון שטאַט, האָבען זיך די שטאַט׳ס לייט אָרגאַניזירט אין גילדיעס, דאָס זיינען געווען חברות וואָס האָבען געוויינליך געהאַט אַ רעליגיעזע פאָרמע, אָבער פאַקטיש זיינען זיי געווען אָרגאַניזאַציעס פאַר דער געמיינשאַפטליכער פאַרטיידיגונג פון זייערע געמיינשאַפט־ליכע עקאָנאָמישע אינטערעסען. אונטער דער פאָן פון די דאָזיגע גילדיעס איז פאַר אַ לאַנגער צייט אָנגעפירט געוואָרען דער קאַמף פאַר דער זעלבסטשטענדיגקייט פון די שטעט. אין דעם געבוי פון די גילדיעס, און אין די באַציהונגען צווישען די רייכע משפחות וואָס זיינען געשטאַנען אין דער שפּיץ און די פּשוט׳ע מיטגלידער, האָבען זיך גאָר גאַנץ שטאַרק געפילט די באַציהונגען פון פריער צו זיינע פּויערים.

מיט דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פון האַנטווערק, מיט דעם וואוקס פון די כחות פון דעם האַנטווערקער קלאַס, הויבט זיך אָן אין די שטעט אַ נייע גרופּירונג — עס אַנטשטעהען די גילדיעס פון בעלי מלאכות, אָדער די צעך־אָרגאַניזאַציעס.

בעצם, זיינען די גילדיעס אַן איבערבלייבעכץ פון די פּאַטריאַר־כאַלע באַציהונגען, וואו דער יחיד איז אינגאַנצען געשטאַנען אונטער׳ן אויפזיכט פון דער געזעלשאַפט, ווי דאָס איז צ. ב. ש. געווען אין דער פעאָדאַלער קהלה פון ערד־אַרבייטער. עס פרעגט זיך, וואָס זשע זיינען געווען די כחות דורך וועלכע דאָס דאָזיגע איבערבלייבעכץ פון פריהערדיגע שיכות׳ן האָט געקענט ווידער אַנטשטעהן און זיך אַנטוויק־לען אויף דער נייער געזעלשאַפטליכער מדרגה?

ביי דער קליין־פּראָדוקציע איז די געגענזייטיגע הילף צווישען די פּראָדוצענטען אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיגקייט צו פאַרזיכערען און באַפעסטיגען זייער לאַגע. אָהן דער דאָזיגער הילף איז דער קליינער פּראָדוצענט ביי זיין עקאָנאָמישער שוואַכקייט, שטענדיג אין געפאַר אַלץ צו פאַרלירען, ביי דער ערשטער אומגינסטיגער געלעגענהייט.

א. באָגדאַנאָוו

ווי צ. ב. ש. ווען עס פאַלען די פּרייזען פון זיין סחורה, אָדער אין פאַל פון אַ פייער אָדער אַ גנבה און אַז. וו.

באַזונדערס ווערט די לאַגע פון בעל מלאכה ניט זיכער דורך דער קאָנקורענץ. אַזאַ קאָנקורענץ־קאַמף רואינירט אומפאַרמיידליך די שוואַכערע, ד. ה. אייגענטליך די מערהייט. כדי צו פאַרמיידען אַט די קאָנקורענץ איז נויטיג אַ פאַראייניגונג פון אַלע פּראָדוצענטען פון דעמזעלבען פאַך.

עס איז גאַנץ וואַרשיינליך אַז דעם אָנהויב פון די צעך־אָרגאַניזאַציעס דאַרף מען זוכען אין די קהלה־שיכות'ן פון דער פּעאָדאַלער ערד־אַרבייטער וועלט. היסטאָרישע באַווייזען וועגען דער אַנטשטעהונג פון צעכען קען מען געפינען פון דעם עלפטען ביז דעם דרייצעגטען יאָרהונדערט. אָפטמאָל פלעגען די צעכען אַנט־שטעהן בלויז אַלס צייטווייליגע פאַראייניגונגען, פון בעלי מלאכות פון איין פאַך, וואָס האָבען געוואוינט אין דערזעלבער שטאָט. אַזוינע צייטווייליגע פאַראייניגונגען פלעגען באַנייט ווערען און פלעגען שטאַרקער ווערען, אַ דאַנק די נוצען וועלכע זיי פלעגען ברענגען פאַר זייערע מיטגלידער, און מיט דער צייט זיינען זיי פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין שטענדיגע אָרגאַניזאַציעס.

די שטאַרקע צעך־אָרגאַניזאַציעס זיינען אַנטשטאַנען און האָ־בען זיך אַנטוויקעלט אין קאַמף, ניט בלויז דערפאַר ווייל די צעכען האָבען אויף זיך געמוזט נעמען די אָנפירענדע און אָרגאַניזאַטאָרישע ראָליע אין דעם קאַמף געגען די פּעאָדאַלען, נאָר אויך דערפאַר ווייל די אַלטע אַריסטאָקראַטיע פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, האָט זיך ניט אַזוי לייכט געוואָלט אַנטזאָגען פון איר הערשענדער ראָליע אין פּאָליטישען לעבען. די צעכען האָבען געמוזט פירען אַ ביטערען קאַמף געגען דער איינגעשפּאַרטקייט פון דער אַריסטאָקראַטיע.

הגם עס זיינען געווען געגנוג און וויכטיגע אונטערשיידען צווי־שען די באַזונדערע צעכען, האָבען זיי אָבער אַלע פאַרגעשטעלט מיט זיך איין באַשטימטען טיפּ, אין זייערע הויפּט־שטריכען. דאָס דער־קלערט זיך דערמיט וואָס זיי זיינען אַלע אויסגעוואַקסען פון די זעלבע געזעלשאַפטליכע באַדינגונגען.

א. באַגדאַנאָוו

יעדער צעך האט געהאט זיין דערוויילטע פארוואלטונג און זיין סטאטוט. די סטאטוטען פון די צעכען זיינען געווען גאנץ פאר־שיידענארטיג, לויט זייער אלגעמיינעם כאראקטער זיינען זיי געווען דעמאקראטיש, הגם זיי אלע האבען פארמאגט געוויסע אריסטאקראַ־טישע שאטירונגען. אין דער ערשטער צייט, ווען די צעכען האבען געפירט זייער קאמף קעגען דער אלטער שטאטישער אריסטאקראטיע און קעגען די פעאדאלען, זיינען די דאזיגע שאטירונגען געווען, אומ־באדייטענד און אומבאמערקבאר. אפילו אן אומפרייער מענש, האט געקענט ווערען א פול־בארעכטיגטער בירגער, אויב אים איז נאר געלונגען אפצו־וואוינען א יאר מיט א טאג אין שטאט. שפעטער אבער, ווען די צעכען פארכאפען באמת די הערשאפט, אין אלע געזעלשאפטליכע ענינים, און באקומען די מעגליכקייט אליין צו ווערען די שטאט אריסטאקראטיע, הויבט זייער דעמאקראטיזם אן שוואכער צו ווערען. די צעכען הויבען אן אויסצוטיילען פון זיך גרופען בעלי מלאכות, וועלכע זיינען ניט פול־בארעכטיגט. דאס זיינען די וואס האבען נאך ניט קיין אייגענעווירטשאפט, אדער וואס האבען נאך ניט געענדיגט זייער לערען טערמין — די געהילפען און לערען־איינגלעך. (די ערשטע באוויזען זיך אין דייטשלאנד אין 13טען, און די צווייטע אין 14טען יארהונדערט.)

פון יענער צייט אן זיינען בלויז די מייסטערס גלייכבארעכטיג־טע מיטגלידער פון די צעכען, ד. ה. אזעלכע בעלי מלאכות וואס זייען בעלי בתים פאר זיך. דאס איז א סארט אייגענארטיגע אריסטאקראטיע פון דער ארבייט. אין די ערשטע צייטען שטיצט זי זיך אבער ניט אויף אפשטאמונג, און אפילו ניט אויף רייכטום, נאר אויף דער ארבייט׳ס קונסט. יעדער בעל מלאכה, אויב ער האט נאר ענערגיע און פעהיגקייטען קען זיך דערשלאגען צום נאמען מייסטער. פאר דעם צוועק דארף ער עטליכע יאר זיך צולערנען ביי א מייסטער. דאן גיט ער אפ עקזאמען אין זיין ארבייט און ווערט א „געזעל" (אן אונטער־מייסטער). דאס אבער גיט אים נאך ניט דאס רעכט צו עפענען אן אייגענעם ווארקשטאט; ער איז מחויב א געוויסע צאל יארען זיין א לוין־ארבייטער. ערשט דאן קען

ער אפגעבען עקזאמען אויף א מייסטער, און אויב ער האלט אויס דעם עקזאמען, קריגט ער דאס רעכט זעלבסטשטענדיג צו טאָן זיין ארבייט. זיינע רעכטען אין דער געזעלשאפט וואקסען צוזאמען מיט דער דערהויבונג פון זיין עקאָנאָמישער לאגע.

דער עצם פון אט דער סיסטעם באשטעהט, ווארשיינליך, אין דעם, וואס אויף דעם אופן ווערט פארמידען א צו גרויסע קאָנקורענץ צווישען די ארבייטער. דורך דעם שנעלען וואוקס פון דער צאָל אונ־טערנעמונגען.

אויף דער אפשוואכונג פון דער קאָנקורענץ צווישען בעלי מלאכות זיינען אויך געצילט א סך פון די רעגלען פון די צעכען. אזוי צ. ב. ש. ווערט דאס רעכט אויף באשעפטיגען לוין ארבייטער אדער לערנער באשרענקט, מערסטענס אויף 2—3 אדער העכסטענס אויף 5 מענשען. דער בעל מלאכה קען ניט שטארק פארגרעסערען די פראדוקטיוויטעט פון דער ארבייט דורך באשעפטיגען מער מענשען און איינפירען א גרעסערע צוטיילונג פון דער ארבייט. ער קען פאלגליך אויף דעם אופן ניט פארטרייבען פון מארק, און רואינירען א צווייטען בעל מלאכה, זיין אונטערנעמונג איז באשטימט צו פאר־בלייבען קליין, דער מארק איז א דאנק דעם גענוג פאר אלעמען.

היות, ווי די צאָל לוין־ארבייטער איז זעהר קליין, זיינען די פראפיטען וואס די מייסטערס מאכען, ניט גענוג אז דער מייסטער זאָל זיך קענען באגרענעצען בלויז מיט זיין ארגאניזאטארישער ראָליע. ער איז געצוואונגען צו ארבייטען צוזאמען מיט זיינע אר־בייטער. א דאנק דעם זיינען אין דער ערשטער צייט, די באציהונ־גען פון מייסטער צו זיינע ארבייטער חבר׳שע און פאמיליארע ביז וואנען עס טרעטען ארויס אויף׳ן סצענע נייע פארמען, אן וועלכע די אלטע ווערען צושלאגען.

כדי צו פארמיידען אומגלייכהייט, באשטימען די צעכען די ארבייטס שטונדען און די ארבייטס טעג פון יאר. דערביי מאכט מען קיין אונטערשייד ניט צווישען דעם באלעבאס און זיינע ארביי־טער, ווייל זיי אלע ארבייטען כסדר צוזאמען. לויט די פארשיידענע סטאטוטען פון די צעכען זיינען די ארבייטס שטונדען אויך פאר־

א. באָנדאָנאָן

שיידען, מערסטענס, באַטרעפֿען זיי פֿון 50 ביז 60 ארבייטס שטונ־דען א וואָך. (אין ענגלאַנד אין 15טען יאָרהונדערט, בלויז אַכט שטונדען א טאָג.) אויסער דעם פֿלעגט צוקומען, יעדע וואָך א יום טוב, א דאנק דעם וואָס דער קאַטאַליציזם איז רייך אין ימים טובים.

אין די סטאַטוטען ווערען געוויינליך אויך באַשטימט די שכירות פֿון די ארבייטער און די פּרייזען פֿון די סחורות, ווי אויך די אייגענ־שאַפֿטען וועלכע די סחורה מוז באַזיצען כדי דער מייסטער זאָל איר מעגען פֿארקויפֿען.

די פּראָדוקציע איז אין די סטאַטוטען באַשטימט און רעגולירט ביז דער קלענסטער קליינינקייט. דער גאַנצער זין פֿון דער דאָזיגער רעגולירונג איז געצילט דאַרויף, אז אלע מייסטערס זאָלען אָנפֿירען זייער פּראָדוקציע אונטער די זעלבע באַדינגונגען. עס ווערט ניט דערלאָזען אז איינער זאָל פּראָדוצירען בעסערע סחורה אדער מערער ווי די אנדערע. פֿארשטעהט זיך, אז די אלע כללים זיינען אויס־געוואַקסען שטופֿענווייז, לויט נאָך דעם, ווי די אומבאַקוועמליכקייט פֿון דער קאָנקורענץ האָט זיך אַלץ מער געלאָזט פֿילען.

כדי, צו באַזייטיגען די קאָנקורענץ, וועניגסטענס, אויף איין באַ־שטימטען מאַרק, פֿאַר די צעך־מייסטערס, גיבען די שטאָט געזע־צען איבער די פּראָדוקציע אין דעם מאָנאָפּאָל פֿון די צעכען. יעדער איינער וואָס וויל זיך פֿארנעמען מיט א געוויסער מלאכה אין שטאָט, מוז פֿריהער אריינטרעטען אין דעם לאָקאַלען צעך, און דערצו איז נויטיג, פֿארשטעהט זיך, די צושטימונג פֿון דעם צעך. פֿאַר דער אויפֿנעמונג פֿון אזעלכע נייע מיטגלידער, זיינען ביי די צעכען געווען געוויסע באַדינגונגען און פֿאָרמאַליטעטען, אין מאַנכע פֿאַלען מער, אין אנדערע, וועניגער אומבאַקוועמע.

אויסער די כללים פֿאַר דער רעגולירונג פֿון דער פּראָדוקציע האָ־בען די צעכען געהאַט אויך געוויסע כללים פֿאַר געגענזייטיגער הילף אין פֿאַל א מיטגליד איז אין נויט. אָט די זייט פֿון דער טעטיגקייט פֿון די צעך־אָרגאַניזאַציעס האָט אויך געהאַט, פֿאַר די קליינע פּראָדוצענטען א גאַנץ גרויסע באַדייטונג.

במעט, פֿון סאַמע אָנהויב אָנטהאַלטען אין זיך די צעך־

פאָליטישע עקאָנאָמיע

אָרגאַניזאַציעס א פונדאַמענטאַלען ווידערשפּרוך, וועלכער אַנטוויקעלט זיך פיל שטאַרקער אין דער שפּעטערער צייט: דאָס זיינען די געגענזאַצען צווישען די אינטערעסען פון די מייסטער פון איין זייט און פון זייערע געזעלען און לערנערס פון דער צווייטער. דערפון נעמען זיך די פילע שוועריגקייטען וואָס פלעגען געמאַכט ווערען פאַר די געזעלען, ווען זיי האָבען געוואָלט אליין ווערען מייסטערס. אזוי לאַנג אָבער ווי יעדער געזעל האָט געהאַט די האָפנונג סוף כל סוף אליין צו ווערען א מייסטער, זיינען די אינערליכע ווידערשפּרוכען פון דער צעך־אָרגאַניזאַציע ניט אַרויסגעטראָטען אין קיין שאַרפער פאָרמע.

מיט דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפטליכער צוטיילונג פון דער אַרבייט, מיט דער אויסברייטונג פון אויסטויש ווייט איבער די גרענעצען פון דער זעלבער שטאָט, ווערט די פריהערדיגע פאָליטישע אָרגאַניזאַציע די גלח׳יש־פעאָדאַלע, די מיליטעריש־פעאָדאַלע און די שטאָטישע ניט אויסרייכענד פאַר דער באַשיצונג פון דעם האַנדעל. די צוברעקלונג פון דער טעריטאָריע אויף טויזענטער קליינינקע דעמפּאָטישע שטאָטען, איז א גוואַלדיגע שוועריגקייט פאַר די נייע באַציהונגען; די איטערעסען פון די סוחרים ווערען אָפט דורך דעם, געשטעלט אין געפאַר, און אָפט הערט דער גאַנצער מסחר אויף צו לוינען זיך. אויסער דעם, קומט אוים דעם סוחר אָפט צו צאָלען גרויסע שטייערען צו פאַרשיידענע לאָקאַלע פעאָדאַלען, און רייזענדיג איבער די שלעכטע וועגען, צווישען פאַראָרימטע און אויסגעהונגערטע פויערים, וואָס זיינען כסדר גרייט צו רויבען, שטעלט ער שטענדיג אין קאָן זיך און זיין פאַרמעגען. דערצו קומט נאָך די פאַרשיידענאַרטיגקייט פון די געזעצען אונטער וועלכע דער סוחר ווערט גע׳משפּט, אין די פאַרשיידענע שטעט און דערפער, די פאַרשיידענקייט פון די מטבעות, וואָס יעדער פעאָדאַל פלעגט מאַכען פאַר זיך. צוליב די אַלע געפאַרען און פּלאָנטערס, איז דער געזעלשאַפטליך נוצליכער מסחר געוואָרען כמעט אוממעגליך.

עס וואַקסט אוים א באַדאַרף אין א ברייטער, פעסטער, צענטראַליזירטער פאָליטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל דורך איהר מילי־

א. באָגדאַנאָוו

טערישער מאכט, איינהאַלטען די צולאָזענקייט פון די פּעאָדאַלען, שאַפן א געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, איינפירען אַן איינהייטליכקייט אין די געזעצען וועגען אויסטויש, איינהייטליכע געלט, מאָס און וואָג, אויסבויען וועגען, אָרגאַניזירען א שוץ פאר די היימישע סוחרים ווען זיי זיינען אין דער פרעמד א. אז. וו.

די קאַטוילישע קירכע איז ניט געווען בכח דאָס אַלץ צו טאָן. איר מאַכט, איר אויטאָריטעט האָט אָנגעהויבען אָפּגעשוואַכט צו ווערען מיט דער אַנטוויקלונג פון אויסטויש. דער כח פון אויסטויש און פון געלט, האָט געשאַפען טיפע ענדערונגען אין דער געזעלשאַפט־ליכער לאַגע פון די גלחים. ווען די קירכליכע ווירטשאַפט איז פאר־וואַנדעלט געוואָרען פון א נאַטירליכער אין א טויש־ווירטשאַפט, איז מיט איר פאָרגעקומען דאָסזעלבע וואָס מיט אנדערע פעאָדאַלען, און טאַקי צוליב דיזעלבע אורזאַכען. דאָס שטרעבען אָנצוקלייבען גרויסע אוצרות האָט באַדייטענד פאַרקלענערט די געזעלשאַפטליכע נוצליכ־קייט פון דער קאַטוילישער קירכע, איר געזעלשאַפטליכע באַדייטונג, און איר מאַכט איבער די מענשליכע מחות האָט אָנגעהויבען צו פאַלען, אויסער דעם האָבען זיך די מענשען אַליין אויך געענדערט, די באַ־ציהונגען מיט אנדערע שטעט און מענשען האָבען אויסגעברייטערט זייער קרייז און אביסעל צושפּרייט די פינסטערניש. דער קאָנסער־וואַטיזם הייבט אָן געבראָכען צו ווערען, דער מח הייבט אָן צו דורשטען נאָך וויסען. דער כח פון די מאַטעריעלע אינטערעסען ריכט דאָס דענקען געגען דעם קאַטאָליציזם, אלס דעם אידעאָלאָגישען שטיץ־פונקט פון עקספּלואַטאַציע.

דורך דער גאַנצער צווייטער העלפט פון מיטעל־אַלטער אַנטוויקעלט זיך כסדר די אפּיקורסות, און דער פּויפּסט מוז פירען כסדר א פאַרביטערטען קאַמף געגען דעם, פאַרלירענדיג דערביי זיין הויפּט כח — די סימפּאַטיע פון די פאָלקס־מאַסען.

די שטאָטישע רעפּובליקען ווידער זיינען ניט געווען בכח צו ווע־רען אַליין די פעסטע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע איז וועלכער מען האָט זיך גענויטיגט. אמת, מאַנכע שטעט האָבען פּרובירט אַליין צו שאַפען אָרגאַניזאַציעס פאר דער פאַרטיידיגונג פון אויסטויש, און פאר דער

נעגענזייטיגער באשיצונג פון אייגענטום (די פאראייניגען פון האנדעלס־שטעט, ווי דער האנזעאטישער פארבאנד) אין זיי האט זיך אבער באלד ארויסגעוויזען א שוואכקייט און א מאנגעל פון אינערליכער איי־ניגקייט. די איינצעלנע שטעט זיינען ניט בכח געווען אויפצוהויבען זיך איבער זייערע לאקאלע אינטערעסען און האבען געזוכט צו עקס־פלואטירען זייערע פארבינדעטע, די אנדערע האבען נאטירליך זיך גע־שטעלט דאגעגען, און געזוכט צו פארהיטען זייער עקאנאמישע און פאליטישע זעלבסטשטענדיגקייט. דערצו איז דער געבוי גופא פון די שטאט ארגאניזאציעס ניט געווען צוגעפאסט פאר דעם צוועק פון שטענדיגער פאראייניגונג; די מאכט איז אין זיי געווען ניט גענוג צענטראליזירט, און דערפאר ניט אזוי שטארק, ווי עס איז נויטיג געווען פאר דעם צוועק.

די אנטוויקלונג האט אויף אזא אופן ארויסגעלעגט אויף דער מי־ליטעריש־פעאדאלער סיסטעם די היסטארישע מיסיע צו אנטוויקלען פון זיך אליין א נייעם כח, וועלכער זאל קענען ברענגען ארדנונג אין די רייכע און גרויסע לענדער. דארט האבען זיך טאקי אויך געפונען די פאסיגע עלעמענטען דערצו.

פאר די גרויסע פעאדאלען, פאר די פרינצען און קעניגען, זיינען די שטענדיגע רייסערייען פון די קליינע פעאדאלען געווען גאנץ נוצליך, ביסלעכווייז האבען זיי אנגעהויבען צונויפצוזאמלען די ערד אין זייערע אייגענע הענט, באזיגענדיג די קליינע פעאדאלען און פאראייניגענדיג די באזירטע לענדער מיט זייערע אייגענע.

די פעאדאלען האבען ענערגיש געקעמפט נעגען אט דער מעטאדע פון פארכאפונג, מצד זייערע הערשער. די לעצטערע האבען אבער פאר זיך געפונען אן ענערגישען און פעהיגען שותף — דעם שטאטישען איינוואוינער, וואס האט דעם פעאדאל פיינט געהאט. דער בונד מיט דער שטאט האט דעם קעניג געגעבען אזא סארט מאטעריעלע שטיצע, וועלכע די קלענערע פעאדאלען האבען בשום אופן ניט געקענט קריי־גען. דער קעניג האט ארגאניזירט א שטענדיגע ארמעע, א דאנק וועלכער ער האט צו יעדער צייט געקענט אנהויבען דעם קאמף, עפעס וואס דער געוויינליכער פעאדאל האט ניט געקענט באוויזען.

א. באַגדאַנאָוו

דער פראַגרעס פון דער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע, האָט גאַנץ שטאַרק געהאָלפען דעם ערפאָלג פון די קעניגען, דערמיט וואָס זייער זיג איז פאַרשנעלערט געוואָרען. די פולוועך האָט פאַר די פעאָדאַלען אינגאַנצען אומנוצליך געמאַכט זייערע באַפעסטיגטע שלעסער און זייערע אייזערנע וואַפען. דער פעאָדאַל האָט אויפגעהערט זיין אומבאַזיגבאַר. אין דער זעלבער צייט האָט ער אויפגעהערט צו זיין געזעלשאַפטליך־נוצליך. די באַזיגטע פעאָדאַלען זיינען איבערגעגאַנגען אין דינסט פון קעניג, אָדער זיינען געוואָרען פשוטע גוטס־באַזיצער.

די קאַטוילישע קירכע האָט, פונקט ווי אַלע אַנדערע פעאָדאַלען, זעהר ניט גערען זיך אונטערגעוואָרפען אונטער דער נייער מאַכט, און האָט איר אָרגאַניזאַטאָרישע ראָליע אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען אָהן א קאַמף ניט אויפגעגעבען. אָפט האָט זיך דער קירכע אפילו איינגעגעבען צו געווינען צייטווייליגע, באַדייטענדע זיגען איבער דער מאָנאַרכיע.

אם ענדע פון מיטעל־אַלטער ווערט יענער קאַמף געענדיגט מיט'ן זיג פון די קעניגען. אויף דעם אופן זיינען לאַנגזאַם אַנטשטאַנען ברייטע אַבסאָלוטיסטישע־מאָנאַרכיעס, וועלכע זיינען געווען בכח צייטווייליג צו פאַרזיכערען א רוהיגען גאַנג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער טויש־געזעלשאַפט.

3) די גרונט שטריכען פון דער געזעלשאַפטליכער פסיכאָלאָגיע פון דער קליין בורזשואַזער צייט.

פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער פערזענליכקייט שטעלט די קליין־בירגערליכע געזעלשאַפט פאַר א פיל ברייטערען פעלד, ווי א וועלכע עס איז נאַטוראַלע געזעלשאַפט. פונדעסטוועגען זיינען די באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג ניט קיין גלייכע פאַר די פאַרשיידענע קלאַסען. פאַר אייניגע זיינען זיי געווען מער און פאַר אַנדערע ווייניגער גינסטיג.

אין דער וועלט פון דער ערד־אַרבייט, וואו די טויש־ווירטשאַפט איז אַרויסגעטראַטען אונטער א פעאָדאַלער הייטעל, איז די אַנטוויק־

לונג פון דער פערזענליכקייט אוועקגעשטעלט געוואָרען אין זעהר ענגע ראַמקעס. דאָס לייב־אייגענטום פון דעם פעאָדאַליזם, וואו דער אויס־טויש האָט זיך שוין אנטוויקעלט, איז אין פילע פונקטען פשוטע שקלאַפעריי; דאָס האָט שטאַרק געדריקט דעם פּראָדוצענט און אַרויס־געדריקט זיין לעבענס־ענערגיע, און האָט ניט איבערגעלאָזען קיין פרייע כחות פאַר דער ווייטערער אנטוויקלונג. וואָס אַנבאַלאַנגט די פעאָ־דאַלען גופא, וועלכע האָבען פון דער אויבען דערמאָנטער אונטער־דריקונג ניט געליטען, איז די מעגליכקייט פאַר אנטוויקלונג ביי זיי פאַרענגט געוואָרען אונטער'ן דרוק פון א גאַנץ אַנדער אורזאַך. פון דער צייט ווען זיי האָבען פאַרלאָרען זייער געזעלשאַפטליך פּראָדוק־טיווע ראָליע און האָבען זיך באַשרענקט מיט דעם פאַרברויך, איז זייער אַנטוויקלונג פאַרגעקומען בהסכם מיט זייערע אומפּראָדוקטיווע און פּאַראַזיטישע ריכטונגען.

אויף דעם אופן האָבען די ערד־ארבייטער ניט געקענט אַרויס־טרעטען אַלס די ערשטע, וואָס זאָלען קענען איבערבויען די אינווע־ניגסטע באַציהונגען פון דער קליין־בורזשואזער אָרגאַניזאַציע.

די פרייע האַנדעלס־קלאַסען אין די שטעט זיינען געווען אין אַ פיל בעסערער לאַגע. די אַפּוועזענהייט פון אויסערען דרוק, די הויך־נוצליכע ראָליע וואָס זיי האָבען געשפּילט אין דער געזעלשאַפטליכער פּראָדוקציע האָט זיי געגעבען א מעגליכקייט פאַר ווייטערדיגע אַנט־וויקלונג. אָבער אויך דאָ דאַרף מען מאַכען אַן אונטערשייד צווישען צוויי גרופּען וואָס זיינען ווייט ניט געווען אין איין און דערזעלבער לאַגע: די בעלי מלאכות און די סוחרים.

פאַר דעם קליינעם בעל מלאכה, וועלכער געהערט צום צעך, איז דאָס פעלד פון טעטיגקייט במילא ענג, און ווערט נאָך ענגער דורך די פאַרשיידענע כללים פון די צעכען. ענג איז זי דערפאַר, ווייל זי איז באַשרענקט אויף איין פאַך און אויף א קליינער הויז־ווירטשאַפט, באַ־שרענקט דורך די צעכען איז עס אין דעם זין וואָס זיין טעטיגקייט ווערט איינגעשלאָסען אין די ראַמען פון איין שטאָט דאָרט וואו דער צעך האָט זיין מאָנאָפּאָל; אויך שטערען שטאַרק דער ווייטערער אַנט־וויקלונג פון דער פּראָדוקציאָנס־טעכניק די צעך־כללים וואָס באַ־

א. באָגדאַנאָוו

שרענקען די פרייע קאָנקורענץ און דערלאָזען ניט דער פערזענליכקייט אויסצוברייטען איר פּראָדוקיצאָנס ראַליע. דער מיטגליד פון צעך איז אויף שריט און טריט געבונדען דורך די צעך־רעגעלען, ער מוז פּראָדוצירען פונקט אויף דעם זעלבען אופן ווי אלע אנדערע און פאָלג־ליך אויך לעבען ווי אלע אַנדערע. ער וואָגט ניט זיך אויפצו־הויבען איבער דער אַלגעמיינער אויבערפלאַך פון זיין סביבה, ער וואָגט ניט איינצופירען וועלכע עס איז באַדייטענדע אויסבעסערונגען אין זיין ארבייט, ער וואָגט ניט פאַרגרעסערען זיין פּראָדוקציע א. אז. וו.

אונטער גאַנץ אנדערע באַדינגונגען לעבט און פירט אָן זיין טע־טיגקייט דער סוחר. זיין ספּעציאַליטעט איז די לעצטע אפּעראַציע אין דער פּראָדוקציע פון די פארשיידענע סחורות, וואָס שליסט אין זיך איין אויך דאָס צושטעלען פון דעם פּראָדוקט צו די פּלעצער וואו ער וועט פארברויכט ווערען. אַט די טעטיגקייט, מאַכט ממילא נויטיג אַ ברייטען פעלד פון טעטיגקייט, דאָס ברענגט דעם סוחר אין באַרירונג מיט פארשיידענע לעבענס פאָרמען, און צווינגט אים זיך צו צופּאַסען צו פארשיידענע סביבות. גלייכצייטיג, איז די טעטיגקייט פון סוחר אַזאַ אַז על פּי איר נאַטור איז זי ניט אונטערוואָרפען צו אונטערדריקונג. זיין טעכניק קען ניט זיין שטרענג רעגולירט, ווי די טעכניק פון דעם בעל מלאכה. אויסער דעם האָט דער סוחר מער ווי אלע אַנדערע צו טאָן מיט געלט, און געלט, ווי עס איז שוין פריהער אָנגעוויזען געוואָרען, רופט ארויס א חשק צו זאַמלען גרויסע אוצרות, פאַר'ן סוחר מיינט דאָס, א חשק אָהן אַ שיעור אויס־צו־ברייטערען זיין טעטיגקייט. אין געגענזאַץ צום סוחר, פלעגט דער בעל מלאכה איבערהויפּט זאָרגען פאַר דער אויפהאַלטונג פון זיין לעבענס אופן ווי ער איז, אַ דאַנק די דאָזיגע אורזאַכען, גע׳הט דער סוחר פאָראויס פאַר'ן בעל מלאכה, אין דער קליין־בורזשואזער געזעלשאַפט, ווי מיר וועלען זעהן טרעט ער ארויס אין דער ראָליע פון דעם אמת'ן איבערבויער פון דער קליין־בירגערליכער געזעלשאַפט.

א גאַנצער געזעלשאַפטליכער קלאַס, אַן ענערגישער און א מעכ־טיגער, האָט שטאַרק אַפגעהיט די איבערבלייבעכץ פון דעם נאַטוראַלען געצענדינסט. ווען די עקספּלואַטאַטאָרישע ראָליע פון דער קאַטוילי־

פּאָליטישע עקאָנאָמיע

שער קירכע האט געקריגען די אויבערהאנט איבער איר אָרגאַניזאַטאָ־ריש־געזעלשאַפטליכער ראָליע, האט דער קאַטאָליציזם דאן אנגעהויבען בייטען זיין באציהונג צו דער וויסענשאַפט. די גלחישע פּעדאַלען. וועלענדיג איינהאלטען פאר זיך זייער אומצוטיילבארע מאכט איבער די מענשליכע מחות, זיינען אלץ פיינדליכער געווארען צו יעדען גע־נויעם וויסען, צו יעדער וויסענשאַפטליכער אויספאָרשונג פון דער ווירקליכקייט. דאן ווערט צווישען די גלחים אפּגעשוואכט יעדער אינ־טערעס צו דער אלט־קלאסישער וויסענשאַפט און פילאָזאָפיע, וועלכע זיי אליין פלעגען ביז דער צייט אויפהאלטען. די וויסענשאַפט און די פילאָזאָפיע זיינען דערקלערט געווארען פאר אינגאַנצען אומנויטיג פאר דער רעליגיע. „ווי עס איז ניט נויטיג קיין טונקעלע לאַמטערנע ווען די זון שיינט." דער קאַטאָליציזם ווערט פאַרוואַנדעלט אין א סיסטעם פון גראבען אבערגלויבען. ער פאַרשרעקט דורך אכזריות די אומאַנטוויקעלטע און שוואכע מחות, און האלט זיי איין פאר זיך. די אומזיניגע גרויזאַמע פאַרפאָלגונגען קעגען די מכשפות און מכשפים כאַראַקטעריזירען אמבעסטען יענעם פּעריאָד אין דער געשיכטע פון קאַטאָליציזם.

עס איז נאַטירליך אז אונטער אזוינע באדינגונגען, זאל דער נאַטוראלער פעטישיזם זעהר לאנגזאם אפּטרעטען זיין פּלאַץ צו דער דערקענטעניש פון די אורזאכען פון ערשיינונגען. אויף ווי ווייט פעסט עס האט זיך געהאלטען די איבערבלייבעכץ פון אלטען פעטי־שיזם, איז קענטיג צ.ב.ש. דערפון, וואס אין יענער צייט האבען אויפ־געבליט אזוינע עכט פעטישיסטישע וויסענשאַפטען ווי די אסטראָלאָ־גיע און אלכעמיע.

דער פעטישיזם געפינט אן אויסדרוק אין די עקאָנאָמישע בא־ציהונגען פון דער טויש־געזעלשאַפט.

אין דעם אויסטויש ווערט אויסגעדריקט די צוטיילונג פון דער ארבייט צווישען מענשען. דאס אבער איז די אומאָרגאַניזירטע צו־טיילונג פון דער ארבייט.

די פּרייזען פון סחורות, ווערען רעגולירט, ווי דאס איז שוין פריהער באַוויזען געוואָרען, דורך דעם געזעץ פון ווערט, ד.ה. אז אין

זייערע שטענדיגע ענדערונגען שטערבען זיי זיך אויסצוגלייכען מיט זייער ווערט. אָבער אין יעדען געגעבענעם מאָמענט ווייכען זיי מער אָדער ווייניגער אָפּ פון זייער ווערט, ווייל דער ווערט־געזעץ ווערט אין לעבען דורכגעפירט ניט דורך ערגעץ א באַוואוסטזיניגען אָרגאַניזאַטארישען ווילען, נאָר דורך דער סטיכיש־מעכאנישער קאָנקורענץ. אין יעדער געגעבענער מינוט ריזיקירט דער פּראָדוצענט צו פארבלייבען ניט צוגעפּאַסט צום מאַרק, זיין ארבייטס־ענערגיע, וועט דאָן טיילווייז אָדער איינגאַנצען, זיין ארויסגעוואָרפען. זיין חלק אין דער געזעלשאַפטליכער צוטיילונג פון די פּראָדוקטען א פארקלענערטער, זיין פאַרברויך — א נידעריגער.

מחמת דעם אַלעם ערשיינט דער מאַרק פאַר דעם פּראָדוצענט ווי א דרויסענדיגער כח, צו וועלכען ער מוז זיך צופּאַסען, וועט זיך דאָס אים איינגעבען? דאָס איז שוין אָפּהענגיג ניט פון אים, פּונקט ווי אַזאָ מאַכט ערשיינט די נאַטור, מיט אירע טויזענטער אונערווארטעטע געפאַרען, פאַר דעם באַוואוסטזיין פון דעם ווילדען. דערפון שטאַמען אָפּ אָט דיביידע פאָרמען פון פעטישיזם.

דער מאַרק מיט זיין קאָנקורענץ, מיט זיין אָפט גאַנץ פארביטערטען קאַמף, פאַרשטעלט פאַר די אויגען פון פּראָדוצענט די געזעלשאַפטליכע פאַרבינדונג, די אַלגעמיינהייט פון דעם געזעלשאַפטליכען קאַמף קעגען דער נאַטור. דער קויפער און פאַרקויפער וועלכע ארבייטען באמת ביידע פאַר דער געזעלשאַפט באַגעגענען זיך אויפ'ן מאַרק, ניט ווי צוויי מיטגלידער פון איין און דערזעלבער געזעלשאַפט, נאָר ווי צוויי שונאים. פאַר'ן פּראָדוצענט איז אוממעגליך צו פאַרשטעהן, אז זיין ארבייט איז פּונקט אַזאָ הוצאה פון דער געזעלשאַפטליכער ארבייט ווי די ארבייט פון די אַנדערע פּראָדוצענטען.

דער סחורה־פּראָדוצענט האָט קיין אהנונג ניט וועגען דעם געזעלשאַפטליכען ווערט פון זיין סחורה, ווייל ער איז ניט צוגעוואוינט צו באַטראַכטען דאס אלס א געזעלשאַפטליכען פּראָדוקט, בעת ער קוקט זיך צו צום אויסטויש, ווערט ביי אים באַשאַפען א באַגריף וועגען ווערט, וואָס ער איז באמת בלויז א באַגריף וועגען דעם גע־

וויינליכען פרייז פון סחורות; פאר אים איז דאס אבער אן אומדערקלערבארע ערשיינונג. צוריקפירען דאס צו דער פארוואנדלונג פון געזעלשאפטליכער ארבייטס־ענערגיע איז פאר אים אוממעגליך, ערשטענס, ווייל ער האט קיין באגריף ניט וועגען דעם געזעלשאפטליכען כאראקטער פון ארבייט, דורך וועלכער דער פראדוקט ווערט געשאפען, און צווייטענס, דערפאר, ווייל דעם פרייז זעהט ער אומפארמיידליך אין דער פארמע פון געלט און ניט אין דער פארמע פון א געוויסען סכום ארבייט. אויב אבער דער באוואוסטזיין פון סחורה־פראדוצענט איז ניט בכח צו פארבינדען די פרייזען מיט שיכות'ן פון דעם מענשענס געזעלשאפטליכע ארבייט, מוז ער עס פארבינדען מיט דער סחורה גופא. אויפ'ן ערשטען בליק איז עס גאנץ נאטירליך; ביי וועמען די סחורה זאל זיך ניט געפינען, ביים פראדוצענט, אדער ביי עמיצען אנדערש, ווערט דאס אלץ איינס פארקויפט פאר **איר** פרייז. דערפון איז לייכט צו קומען צום שלום, אז דער פרייז פון א סחורה — ד. ה. די מעגליכקייט צו ווערען פארקויפט פאר א געוויסער סומע געלט — איז אן איינענשאפט פון דער סחורה גופא, אן איינענשאפט וואס איז ניט אפהענגיג פון מענשען, פון דער געזעלשאפט, — א **נאטירליכע איינגענשאפט פון דער סחורה.** פון וואנען נעמט זיך די דאזיגע איינגענשאפט? ווי אזוי ווערען באשטימט אירע גרענעצען? דאס קען דער סחורה־פראדוצענט ניט וויסען. פאר אים איז דער טויש־ווערט פון א האק צוויי רובעל און ניט מער. אט דער פרייז איז פון גארנישט אפהענגיג, ער געפינט זיך אין דער האק גופא, פונקט ווי פאר דעם נאטוראלען פעטישיסט איז די נשמה פון א האק בלויז די נשמה פון א האק און ניט מער. אין דעם באשטעהט דער עצם פון סחורה־פעטישיזם. ניט האבענדיג קיין מעגליכקייט צו באגרייפען, אז אין דעם פראצעס פון אויסטויש ווערט אויסגעדריקט דאס צוזאמענארבייטען פון מענשען אין זייער קאמף קעגען דער נאטור, ד.ה. די געזעלשאפטליכע שיכות'ן פון דעם מענשען, נעמט דער סחורה־פעטישיזם אן די פעהיגקייט פון סחורות אויסגעטוישט צו ווערען, אלס זייערע א נאטירליכע איינגעבארענע איינגענשאפט. דאס וואס איז באמת א **שיכות צווישען**

א. באָגדאַנאָוו

מ ע נ ש ע ן נעמט ער אָן פאַר א ש י כ ו ת צ ו ו י ש ע ן ז א כ ע ן.

די אנטוויקלונג פאַן די מענשליכע שיכות'ן, קענען באוואוסטזיניג דערפאר ניט פאַרקומען, דארט וואו די מענשליכע שיכות'ן ווערען דערקענט פעטישיסטיש; זיי קענען געהן בלויז סטיכיש, פונקט ווי די אנטוויקלונג פון דער טעכניק געהט אַן בלויז סטיכיש ווען עס הערשט דער נאַטירליכער פעטישיזם. א סטיכישע אנטוויקלונג איז אָבער אימער פארבונדען מיט אסך ליידען, און קומט פאַר זעהר לאַנגזאַם. אזוי איז די אנטוויקלונג פון די שיכות'ן אין דער טויש־געזעלשאַפט.

יעדענפאלס, זיינען די ערפאַרונגען און וויסען, דער מאַטעריאל וועלכען די קליין־בורזשואזע געזעלשאַפט האָט צום האַנט, פאַר איר ווייטערער אנטוויקלונג, פיל רייכער ווי די וועלכע די נאַטוראַלע גע־זעלשאַפט האָט געקענט באַנוצען. דער פראָגרעס פון דער טעכניק און מיט אים דער סטיכישער פּראָגרעס פון די געזעלשאַפטליכע באַ־ציהונגען, קומט פאַר אין דער קליין־בורזשואזער געזעלשאַפט אסך שנעלער.

די עקאָנאָמישע אנשויאונגען פון דער קליין־בורזשואזער געזעל־שאַפט שטעלען מיט זיך פאַר די לאַנגזאַמע אנטוויקלונג פון אויסטויש־פעטישיזם. גלייכצייטיג שפיגלען זיי אבער אויך אָפּ די אינטערעסען און מנהגים פון דער קליין־בורזשואזיע. אין אנהויב נאָך מיט א צו־מיש פון איבערגעלעבטע אידעען פון דער פעאָדאַלער צייט.

די עקאָנאָמישע ליטעראַטור פון דער צייט איז א זעהר אָרימע. ביז ארום דעם 16טען יארהונדערט עקזיסטירט זי כמעט ניט; עס זיינען בלויז דאָ אָפּגעריסענע צופעליגע אנדייטונגען פון פארשיידענע שרייבער בנוגע זייערע אנשויאונגען, אויף איינער אדער א צווייטער, עקאָנאָמישער ערשיינונג. די פאַרהעלטענסמעסיגע אָרימקייט פון די דאָזיגע אַנדייטונגען, קען דערקלערט ווערען דורך דעם שוואַכען אינ־טערעס פון די מער אינטעליגענטע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט צו די עקאָנאָמישע ערשיינונגען. — די שרייבער זיינען מערסטענס געוועזן גלחים, — און טיילווייז אויך דורך דער גרויסער לאַנגזאַמקייט, פון די ענדערונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דעם לעבען פון דער

געזעלשאפט. די אויפמערקזאמקייט פון די פאָרשער ווערט אין אנ־הויב אימער צוגעצויגען בלויז צו די פּראָצעסען וואָס קומען פאָר שנעל, צו שאַרפע ענדערונגען; דאָס דערקלערט אונז ווארום די נאַ־טוראלע געזעלשאפטען, מיט דער גאנץ לאנגזאמער אנטוויקלונג פון זייערע פאָרמען, זיינען איגנאָנצען אומפעהיג צו באשאפען אן עקאָ־נאָמישע וויסענשאפט, אין דער קליין בורזשואזער געזעלשאפט באַ־ווייזען זיך אירע ערשטע שפּראָצונגען, און אין דער שנעל־לעבענדער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט, באקומט זי א גרויסע באדייטונג אין לעבען, און דערגרייכט א פאָרהעלטעניסמעסיג באדייטענדען וואוקס.

אין אנהויב פון דער אנטוויקלונג פון דער טויש־געזעלשאפט, דאַרף מען זוכען אנדייטונגען אויף די הערשענדע עקאָנאָמישע אנ־שויאונגען ביי די שרייבער וואָס זיינען געווען גלחים (ד.ה. ביי די טעאָלאָגען); די נייע געזעלשאפט איז דאָך געבוירען געוואָרען אין דער פעאָדאלער, אין וועלכער די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע הער־שאפט פון דער אָרגאניזאציע פון די גלחים האָט געגעבען דער גאנצער ליטעראטור א טעאָלאָגישען קאָליר. איינע פון די וויכטיגסטע קוואַ־לען פון דעם דאָזיגען סארט, זיינען די שריפטען פון טאָמאס אקווינאס, (13טען יאָרהונדערט).

הגם טאָמאס אקווינאס לעבט שוין אין א געזעלשאפט וואָס איז א האַלבע טויש־געזעלשאפט, גיט ער אבער אָפּ זיינע סימפּאַטיען צו דער פעאָדאלער־נאַטוראלער געזעלשאפט. — זיין אידעאל — איז די נאַטוראלע ווירטשאפט וועלכע נויטיגט זיך ניט אין אויסטויש. פונ־דעסטוועגען, גיט ער שוין צו ניט ווילענדיג א גרויסע וויכטיגקייט צו די אויסטויש־שיכות'ן, וועגען דעם פּרייז פון סחורות, וועגען די פּראָ־פיטען פון סוחר, וועגען די הכנסות פון מלוה, און וועגען די דאָזיגע פראַגען דריקט ער שוין אויס דעם בליק פון די פעאָדאלען, וואָס באַ־שעפטיגען זיך שוין מיט'ן סחורה אויסטויש, און פון די קליינע בעלי־מלאכות.

טאָמאס אקווינאס האלט פאַר דעם איינציגען קוואַל פון רייכטום און הכנסה, — די ארבייט. לויט אים האָט א ווערט, אַן און פאַר זיך, בלויז די ארבייט, און דאָס ווערט איבערגעטראָגען אויף אנדערע זאַ־

א. באָגדאַנאָוו

כען. דער סחורה־פעטישיזם זעהט זיך נאָך דאָ גאַנץ וועניג אָן, פאַר דעם סחורה־פעטישיזם איז דאָך דער פּרייז א נויטיגע, אינערליכע איינענשאַפט פון סחורה.

וואָס אַנבאַלאַנגט דעם פּרייז פון סחורות, דריקט זיך טאַמאַס אוים ווי פאָלגט: ביים פּארקויף טאָר מען זיך ניט לאָזען פאַרפירען דורך דעם חשק ארויסצוקריגען וואָס מער פון קויפער, ווייל יעדע סחורה האָט איר „יושר׳דיגען פּרייז“. דער דאָזיגער פּרייז מוז זיין אַזאַ, אַז ער זאָל באַלוינען די ארבייט, און געבען א מעגליכקייט דעם סחורה־פאַרקויפער צו לעבען אין איינקלאַנג מיט זיין געזעלשאַפטליכער לאַגע. דעם זעלבען שטאַנדפּונקט ווענדעט ער אָן אויפ׳ן פּויער, סיי אויפ׳ן בעל־מלאכה, און סיי אויפ׳ן פּעדאַל. פּונקט אזוי גיט ער זיין הסכמה אויף פּראָפיטען פון מסחר בלויז אויף אזוי פיל אויף וויפיל זיי באַ־לוינען די ארבייט פון טראַנספּאָרטאַציע און גיבען דעם סוחר די נויטיגע מיטלען צום לעבען; פאָלגליך, אונטערשיידט זיך פאַר אים דער סוחר גאָרניט פון דעם בעל־מלאכה, און אלע באַטראַכטונגען וועגען דעם יושר׳דיגען פּרייז, וואָס איז בהסכם מיט די פאָדערונגען פון דעם געזעלשאַפטליכען צושטאַנד פון יענער צייט, ווייזט זיך שטאַרק ארוים די איינטיילונג פון דער געזעלשאַפט אין שטאַנדען, וואָס איז דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער גאַנצער מיטעל־אַלטערליכער וועלט.

צו פּראָצענטניקעס האָט זיך טאַמאַס באַצויגען מיט גרוים שנאה; דער געגענזאַץ צווישען די אינטערעסען פון דעם פּראָצענטניק און זיין בעל־חוב פילט זיך אימער זעהר שטאַרק. די פּויערים און בעלי־מלאכות, אזוי גוט ווי די פּעדאַלען האָבען שטענדיג געפילט א דוחק אין געלט און האָבען דערפאַר שטאַרק געליטען פון די פּראָצענטניקעס. געוויינליך, פלעגען די הלואות געמאַכט ווערען פאַר אומפּראָדוקטיווע צוועקען, פאַר צוועקען פון מאָמענטאַלען געברויך. דער פּראָצענטניק פלעגט אויף דעם אופן באַטראַכט ווערען פון דער געזעלשאַפט אלס עקספּלואַטאַטאָר פון פרעמדען אומגליק. דערצו דאַרף מען נאָך צו־געבען, אַז דער קלאַס פון די פּראָצענטניקעס האָט שוין ניט געהאַט יענעם גרויסען איינפלוס וואָס ער האָט געהאַט אין דער קלאַסישער

וועלט, ווען אין זיינע רייהען פלעגט זיך געפינען א גרויסער טייל פון די רייכסטע און די באַרימטסטע מענשען. אין מיטעלאַלטער פלעגען זיך מיט יענעם סאָרט טעטיגקייט פאַרנעמען בלויז א טייל שטאָטס־לייט (מערסטענס אידען) און א קליינער טייל קאַטוילישע גלחים, דערמיט דערקלערט זיך דער פאַקט וואָס די געזעלשאַפטליכע מיינונג האָט זיך אַזוי פיינטליך באַצויגען צו די פּראָצענטניקעס און האָט זיי א לאַנגע צייט פאַרפאָלגט דורך אירע געזעצען.

די אַנשויאונגען פון טאָמאַס אויף די שיכות׳ן פון דער פּאָליטישער מאַכט צום עקאָנאָמישען לעבען זיינען געווען דער אויסדרוק פון דעםווירקליכען צושטאַנד פון זיין צייט. אין דעם לעבען פון דער פעאָדאַלער אימעניע, אַזוי גוט ווי אין דעם לעבען פון דער שטאָט, זיינען די צווישען־מענשליכע שיכות׳ן געווען שטרענג רעגולירט. עס איז גאַר קיין וואונדער ניט דערפאַר, וואָס טאָמאַס אַקווינאָס גיט דער רעגירונגס־מאַכט די ברייטסטע רעכט זיך אַריינצומישען אין דער עקאָנאָמישער טעטיגקייט פון דעם מענשען.

בכלל זיינען די אַנשויאונגען פון טאָמאַס דער אויסדרוק פון דער קליין־בורזשואזער וועלט אין די גאַר ערשטע שטופען פון איר אַנט־וויקלונג. מען קען דאָס אויך זעהן דערפון וואָס געלט שפּילט ביי אים ווייט ניט אַזא ראָלע, ווי אין דער שפּעטערדיגער, גוט אַנטוויקעלטער קליין־בורזשואזער געזעלשאַפט.

אין דער סיסטעם פון אויסטויש־באַציהונגען איז געלט א פּריווילעגירטע סחורה, וועלכע שרעקט זיך ניט פאַר קיינע ענדערונגען אין אָנבאָט און נאָכפראַגע, ווי עס איז דער פאַל מיט אַלע אַנדערע סחורות. שטרעבען צו רייכטום מיינט אָנקלייבען געלט. נאַטירלי־כערווייזע דעם בליק אויף געלט אַלס דאָס איינציגע אמת׳ע רייכטום ווענדעט אַן די אומאַנטוויקעלטע דערקענטעניש אויף דער געזעלשאַפט אַלס גאַנצע.

אַזוי ווי דער קליין בורזשוא פון יענער צייט, האָט צוליב די פילע כללים, ניט געקענט אויסברייטערען זיין פּראָדוקציע ווי אים וואָלט זיך דאָס וועלען, איז ער אין זיין שטרעבען צו קלייבען געלט געווען געצוואונגען, זיך צו באַנוצען מיט יענע מיטלען, וואָס באַשטעהען אין

דער פאַרקלענערונג פון געלט הוצאות אין זיין ווירטשאַפט, דורך דער פאַרקלענערונג פון דעם געברויך. דאָסזעלבע איז אויך בנוגע צו דער געזעלשאַפטליכער ווירטשאַפט.

ווען דער קעניג ריטשאַרד דער צווייטער, האָט זיך (אַרום דעם יאָר 1400) געווענדעט צו די קאָרפּאָראַציעס פון די בעלי־מלאכות און סוחרים פון לאָנדאָן, מיט דער פראַגע, ווי אַזוי צו פאַרמיידען די רואינע פון פאָלקס־גוטשטאַנד איז דער ענטפער געווען: „מיר מוזען זעהען קויפען ביי אויסלענדער וועניגער ווי מיר פאַרקויפען זיי." אין דער פּאָליטיק זיינען דיזעלבע אנשויאונגען דורכגעפירט געוואָרען אין דער פאָרמע פון קליינליכען אייפערזיכטיגען קאָנטראָל איבער'ן מסחר — עס זאָל חלילה ניט אוועקגעהן קיין אויסלאַנד קיין איבעריג געלט. אַזא „סיסטעם" פון געלט באַלאַנס איז געווען די אַנווענדונג אין דעם שטאַטליך־עקאָנאָמישען לעבען פון דעם פּרינציפּ פון קליין־בורזשואזער שפּאָרזאַמקייט.

אַלס ביישפּיל, ווי אַזוי עס איז דורכגעפירט געוואָרען אין לעבען אַט די סיסטעם, קען דינען דער „געזעץ וועגען הוצאות", וועלכער האָט געפאָדערט אַז דער אויסלענדישער סוחר וואָס קומט אין ענגלאַנד, זאָל דאָס גאַנצע געלט וואָס ער ברענגט מיט זיך, אָדער וואָס ער לייזט איין פאַר זיין סחורה, אויסגעבען אויף ענגלישע סחורות, כדי דורכצו־פירען דעם געזעץ איז איינגעאָרדענט געוואָרען אַ שטרענגע אויפזיכט איבער די אויסלענדישע סוחרים. אַ צווייטער ביישפּיל — זיינען שטרענגע געזעצען קעגען לוקסוס, אַלס איבעריגע פאַרשווענדונג פון געלט.

בכלל, איז די „סיסטעם פון געלט באַלאַנס" אין דער פּראַקטיק און אין דער ליטעראַטור דורך און דורך דורכגעדרונגען מיט'ן גייסט פון רעגלאַמענטאַציע און מאַנאָפּאָלען, וואָס זיינען אַזוי כאַראַקטערים־טיש פאַר דער קליין־בורזשואזער געזעלשאַפט, פון דער צווייטער העלפט פון מיטעל־אַלטער. די פאַרעקשנ'טע קליינליכע אריינמישונג פון שטאַט אין דעם עקאָנאָמישען לעבען איז ענליך צום קאָנטראָל פון דעם פעאָדאַל איבער דעם עקאָנאָמישען לעבען פון זיינע אונטערטאַ־נען, ווי אויך צו די באַגרענעצונגען פון האַנדעל, וועלכע זיינען געשאַ־

פאָליטישע עקאָנאָמיע

פען געוואָרען דורך דער טעטיגקייט פון די צעכען; דער אונטערשייד איז נאָר דער, וואָס דער צוועק פון דער אריינמישונג, זיינען שוין ניט די אינטערעסען פון דעם פעאָדאַלם ווירטשאַפט, אדער פון די שטאָטישע איינוואוינער, נאָר די אינטערעסען פון דער קעניגליכער קאַסע, פון דער ביוראָקראַטישער מלוכה.

דאָס פארקויפען פון מאָנאָפּאָלען, איז ביי דעם שטאָט געווען איינער פון די באַליבטסטע מיטלען כדי אָנצופילען זיין קאַסע. פאַר־קויפענדיג דעם מאָנאָפּאָל אויף א געוויסען טייל פון מסחר אדער פּראָ־דוקציע, צו איינצעלנע מענשען אדער קאָמפּאַניעס, פארגרעסערט דער שטאָט זיינע הכנסות; גלייכצייטיג איז פאַר'ן שטאָט לייכטער אכטונג צו געבען אויף איין מאָנאָפּאָליסט, ווי אויף א גרויסער צאָל זעלבסט־שטענדיגע סוחרים און פּראָדוצענטען.

צו פארקלענערען דעם אימפּאָרט האָט דער שטאָט ארויפגעלעגט גרויסע אָפּצאָלונגען אויף אריינגעפירטע סחורות, און אָפט פלעגט דער אריינפיר פון געוויסע סחורות פּשוט פארווערט ווערען, כדי אינ־גאַנצען צו פארמיידען פאַר די בירגער דעם נסיון אָפּצוגעבען זייער געלט צו די אויסלענדער.

וויליאַם סטאַפאָרד, וואָס האָט געלעבט אין דער צווייטער העלפט פון 16טען יאָרהונדערט, איז געווען אין דער עקאָנאָמישער ליטע־ראַטור דער ערשטער פארטיידיגער פון דער טעאָריע פון „דעם געלט באַלאַנס". אויסער די געוויינליכע אנווענדונגען פון דער דאָזיגער סיסטעם, האָט ער רעקאָמענדירט דעם שטאָט אויך אנדערע מיטלען, פון א פּאָזיטיווערען כאַראַקטער ווי צ.ב.ש., די פארלייכטערונג פון עקספּאָרט, דאָס אריבער ברענגען פון אויסלאַנד געלערנטע בעלי־מלאכות, און ארבייטער, כדי מען זאָל זייערע פּראָדוקטען ניט זיין געצוואונגען צו קויפען אין אויסלאַנד. ער שטעלט זיך ענערגיש געגען די קעניגען, וועלכע פלעגען ארויסגעבען מטבעות פון א נידעריגען ווערט, כדי צו פארגרעסערען די הכנסות פון שטאָט, (ד.ה. אייגענטליך מאַכען פאַלשע געלט). דער ווערט פון געלט איז לויט סטאַפאָרדען „ניט אין נאָמען נאָר אין דעם עצם, אין סכום." לעבענדיג אין דער צייט ווען דער מסחר האָט זיך שוין באַדייטענד אנטוויקעלט, האָט

א. באַגדאַנאָוו

סטאַפאַרד שוין געקענט פאַרשטעהן אז געלט שטעלט מיט זיך פאַר בלויז איינס פון די סחורות, הגם עס שפּילט אַ גאַנץ באַזונדערע ראָליע.

מיט דער ווייטערער אַנטוויקלונג פון מסחר, איז די סיסטעם פון געלט באַלאַנס געוואָרען פאַר איר אַלץ ענגער און אומבאַקוועמער, אַ דאַנק איר שטרעבונג צו פאַרמיידען דעם ארויספיר פון געלט אין אַנדערע לענדער. פאַר די סוחרים וואָס פירען אַן אינטערנאַציאָנאַלען האַנדעל, איז אָפּט דורכאויס נויטיג מיט איין מאָל ארויסצופירען אַ גאַנץ גרויסע סומע געלט, כדי דערנאָך צו באַקומען נאָכמער. צ.ב.ש. אַנקויפען סחורות ביליג אין איין לאַנד, כדי דאָס צו פאַרקויפען טייער אין אַ צווייטער.

די מאַנופאַקטור־ווירטשאַפטען (?) די מאַנאַפאַלען האָבען זיך אויך געלאָזען שטאַרק פילען; פאַר דעם פאַרברויכער זיינען די מאַנאָפּאָלען געווען שלעכט, צוליב זייערע הויכע פרייזען אויף סחורות, און פאַר דעם סוחרים קלאַס, דערמיט, וואָס זיי האָבען באַגרענעצט זיין אונטערנעמונגס־גייסט. ערלויבענדיג בלויז אַ באַגרענעצטע צאָל מענשען צו פאַרנעמען זיך מיט אַ געוויסער ארבייט. דאָס האָט געבראַכט צום אונטערגאַנג פון דער סיסטעם פון געלט באַלאַנס, וועלכע דאַרף שוין צוגערעכענט ווערען, לויט דער צייט, צום האַנדעלס און מאַנופאַקטור קאַפּיטאַליזם.

4) די אַנטוויקלונגס כחות און זייער ריכטונג אין דער קליין־בורזשואזער געזעלשאַפט.

פאַר די נאַטוראַל־ווירטשאַפטליכע געזעלשאַפטען איז די הויפּט באַוועגענדע קראַפט געווען די אבסאָלוטע איבער־באַפעלקערונג, וואָס איז געקומען אַ דאַנק איר פאַרמערונג, וואָס אין איר איז געווען אַ ווידערשפּרוך צווישען דער צאָל פון די געזעלשאַפטס־מיטגלידער און דעם סכום לעבענס־מיטלען, וואָס די געזעלשאַפט קען באַקומען מיט דער טעכניק, וואָס זי פאַרמאָגט. מיט דער אַנטוויקלונג פון די נייע שיכות'ן, אין די ראַמען פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט, מיט דעם

פּאָליטישע עקאָנאָמיע

איבערגאַנג פון דער נאַטוראַל־פּעאָדאַלער אָרדנונג אין א קליין־בור־זשואַזער, טרעט ארויס א נייע קראַפט אלס באַוועגענדער כח פון גע־זעלשאַפטליכען פּראָגרעס — די קאָנקורענץ.

די טויש־געזעלשאַפט איז צוזאַמענגעשטעלט פון אסך קליינע אר־בייטס־געמיינשאַפטען אדער ווירטשאַפטען. יעדע פון זיי האָט איר אָרגאַניזאַטאָר, אבער די געגענזייטיגע באַציהונגען פון אַט די ווירט־שאַפטען, זייער ארבייטס־צוטיילונג, איז ניט אָרגאַניזירט דורך ערגעץ א באַוואוסטזיניגען ווילען, און דערפאַר נעמט אַן די צוטיילונג פון די געזעלשאַפטליכע פּראָדוקטען די פאָרמע פון אומאָרגאַניזירטען אויס־טויש. א דאַנק זייער אומאָרגאַניזירטען כאַראַקטער נעמען אַן די אויסטויש־באַציהונגען די פאָרמע פון שטרייט — א שטרייט צווישען קויפער און פאַרקויפער, דאָס איז א קאַמף פון יעדער ווירטשאַפט קעגען אַלע אַנדערע, וואָס רופט זיך קאָנקורענץ; דאָס ברענגט מיט זיך ליידען אָהן א שיעור, און איז די שווערסטע פאָרמע פון דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ; אָבער מיט דעם פּרייז פון אַט די ליידען ווערט געקויפט די וויטערדיגע אַנטוויקלונג.

איבער די אויסטויש־באַציהונגען הערשט דער געזעץ פון ווערט. אויב ערגעץ א ווירטשאַפט פאַרווענדעט אויף דער שאַפונג פון א גע־וויסען פּראָדוקט מער ארבייטס־ענערגיע ווי עס איז דורכאויס נויטיג אין דער געגעבענער געזעלשאַפט, איז זי ניט צוגעפּאַסט צום געזעל־שאַפטליכען קאַמף, זי קען ניט קאָנקורירען מיט אנדערע, זי געהט אונטער, ווערט רואינירט. אויב אבער פאַרקערט, ערגעץ א ווירט־שאַפט באַזיצט בעסערע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, ווי די אַנדערע ווירט־שאַפטען, און פאַרווענדעט אויף דער שאַפונג פון דעם זעלבען פּראָדוקט ווייניגער ארבייטס־ענערגיע ווי אַנדערע, איז זי אמבעסטען צוגעפּאַסט צום קאַמף, זי וואַקסט דאַן און ברייטערט זיך אויס. אויף דעם אופן לעבען מאַנכע ווירטשאַפטען אין וואוילטאַג, בעת, אַנדערע האָבען ניט די נויטיגע מיטלען אויף דורכצוקומען. דאָס אויספּעלען פון לעבענס־מיטלען איז שוין דאָ ניט דער רעזולטאַט פון איבערבאַפעלקערונג, נאָר פון געזעלשאַפטליכע שיכות'ן, — פון דער קאָנקורענץ. אין דער קאָנקורענץ ווערט אויסגעדריקט ניט קיין אבסאָלוטע איבערבאַפעל־

קערונג, נאַר א פאַרהעלטניסמעסיגע, א „רעלאַטיווע“ : אַז איינצעלנע ווירטשאַפט ווערט איבעריג אין דעם פּראַדוקטיווען לעבען פון דער געזעלשאַפט און געהט אונטער, ניט דערפאַר ווייל עס זיינען בכלל ניטאַ נענוג מיטלען פאַרטצוזעצען איר לעבען, נאַר ווייל זי איז ניט צוגע־פאַסט צו די געגעבענע געזעלשאַפטליכע באַדינגונגען, — צו דער געוויינליכער טעכניק, און דעם געוויינליכען ווערט פון א פּראַדוקט אין דער געגעבענער געזעלשאַפט.

פון די ליידען וועלכע ווערען געבוירען פון דער רעלאַטיווער אי־בערבאַפעלקערונג אַנטשטעהט דאַס שטרעבען פון יעדער באַזונדערער ווירטשאַפט צו פּראַדוצירען וואַס מער מיט וואַס בעסערע פּראַדוקצי־אַנס־מיטלען כדי אויסצוהאַלטען די קאַנקורענץ. אויף דעם אופן איז די קאַנקורענץ א שטענדיגער וועקונגס־מיטעל פאַר דער ווייטערער אַנטוויקלונג פון דער טעכניק ; און די אַנטוויקלונג פון די טעכנישע פאַרמען ברענגט מיט זיך ענדערונגען אין דער עקאַנאָמיק און אידעאַ־לאָגיע — אין די געגענזייטיגע שיכות׳ן פון מענשען און זייערע באַ־גריפען.

די באַדערפענישען פון די מענשען אין דער טויש־געזעלשאַפט קענען ניט צופרידענגעשטעלט ווערען אנדערש ווי דורך דעם אויסטויש; דער אויסטויש אַבער נעמט אַן די פאַרמע פון א שטרייט צווישען קויפער און פאַרקויפער, — א שטרייט וואָס פאַרשאַפט דעם באַזיגטען פיל ליידען און אונטערגאַנג.

די איינציגע מאַכט וואָס קען גאַראַנטירען דעם קויפער א גינס־טיגען אויסגאַנג פון דעם דאַזיגען קאַמף איז געלט. דערפון נעמט זיך דאָס שטרעבען צום אומענדליכען געלט־אַנקלייבען ; דער דאַזיגער פּסי־כאָלאָגישער שטריך פון דער סחורה־וועלט קומט פאָלגליך אויך אלס רעזולטאַט פון די שיכות׳ן פון דער קאַנקורענץ, אין אנדערע ווערטער פון די באַציהונגען צווישען קויפער און פאַרקויפער. דער דורשט צו קלייבען געלט ווערט אַבער אליין א באַוועגונגס כח פאַר דער ווייטערער אַנטוויקלונג, אויפמונטערענדיג די מענשען אלץ מער און מער אויס־צוברייטערען דעם פעלד פון זייער טעטיגקייט.

די קאַנקורענץ צושטערט אויף דעם אופן די מאַכט פון קאָנסער־

פאָליטישע עקאָנאָמיע

וואַטיוועו מנהג — די סטיכיש־פּסיכאָלאָגישע שטערונג פאַר יעדען פּראָגרעס; און די אַנטוויקלונג גייט אַ פּיל שנעלער ווי אין דער נאַטירליכער געזעלשאַפט.

אויף די ערשטע שטופען פון דער אַנטוויקלונג פון דער קליין־בורזשואַזער געזעלשאַפט, שטעלען זיך די קליינע בעלי־מלאכות קעגען דער ווירקונג פון דער קאָנקורענץ. „קעגען דער רעלאַטיווער איבערבאַפעלקערונג", זיך אָרגאַניזירענדיג אין באַזונדערע פאַראיינען און רעגולירענדיג פּלייסיג די פּראָדוקציע. ציטווייליג, הגם בלויז טיילווייז, ווערט די אַנטוויקלונג פאַרהאַלטען, ווייל די קאָנקורענץ ווערט אָפּגעשוואַכט, אָבער ניט באַזייטיגט אינגאַנצען. און אויף וויפּיל די קאָנקורענץ ווערט באַזייטיגט, אויף אַזוי פּיל האַלט נאָך אַ זיין מאַכט דער אַלטער געזעץ פון אַנטוויקלונג וואָס איז דער רעזולטאַט פון דער אַבסאָלוטער איבערבאַפעלקערונג.

פּילוועניגער, פאַרהעלטניסמעסיג, ווערט רעגולירט די טעטיגקייט פון די סוחרים. זייער טעכניק גופא, מאַכט אוממעגליך אַ צו שטרענגע רעגולירונג. דאָרט ווערט די קאָנקורענץ אַמוועניגסטענס באַזייטיגט, און איר איינפלוס פילט זיך אַמשטאַרקסטען. דערפאַר זעהער מיר טאַקי אַ פּיל שנעלערע אַנטוויקלונג פון מסחר און פון דעם סוחרים קלאַס.

אין דער געשיכטע פון מערב אייראָפּאַ דאַרפען דער 12טער און 13טער יאָרהונדערט פאַררעכענט ווערען אַלס די אייגענטליכע צייט פון דער אַנטוויקלונג און הערשאַפט פון די קליין־בורזשואַזע באַציהונגען. אין דער דאָזיגער איבערגאַנגס צייט הויבט זיך ערשט אָן דער אונטערגאַנג פון פעאָדאַליזם; גלייכצייטיג אָבער באַווייזען זיך שוין די שפּראָצונגען פון האַנדעלס־קאַפּיטאַל.

זיבעטער קאפיטעל.

די עפאכע פון האנדעלס קאפיטאל.

1) טעכנישע שיכות'ן פון דער פראדוקציע.

צוויי הויפט פאקטען האבען באשטימט דעם איבערגאנג פון דער קליין־בורזשואזער געזעלשאפט אין די האנדעלס־קאפיטאליסטישע: ערשטענס, דער אלגעמיינער וואוקס פון דער פראדוקציע און, צווייטענס, די שנעלע אנטוויקלונג פון יענע צווייגען וואס באשטעהען אין דעם אריבערפירען פון די פראדוקטען (טראנספארט).

דער אלגעמיינער וואוקס פון דער פראדוקציע איז געווען דער רעזולטאט פון יענע אנטוויקלונגס־כחות, וואס האבען געווירקט אין דער קליין־בורזשואזער געזעלשאפט. דער זעהר שנעלער וואוקס פון דעם טראנספארט און האנדעל, איז באשטימט געווארען איבערהויפט דורך דעם, וואס מיט דעם וואוקס פון דער אלגעמיינער פראדוקציע און מיט דער אויסברייטונג פון דער ארבייטס־צוטיילונג, האט מען געמוזט איבערפירען ניט נאר גרויסע מאסען פראדוקטען, נאר אויך ווייטער ווי פריהער.

די אויסגעברייטערטע פראדוקציע באשרענקט זיך ניט מיט די נאהענטסטע מארקען, נאר טריט נאך טריט טרעט זי אריין אין פארבינדונגען מיט ווייטערע מארקען. אויף ווייטע מארקען מוזען אריבערגעפירט ווערען אלץ א גרעסערע צאל פראדוקטען. דאס אויסנוצען פון אזוינע מארקען און די אנהאלטונג פון די פארבינדונגען מיט זיי ווערט אלץ א טעכניש־שווערערע ארבייט. גלייכצייטיג באקומט דאס אריבערפירען פון די פראדוקטען פון ווערקשטאט צום מארק אלץ א גרעסערע באדייטונג אין דער אלגעמיינער פראדוקציאנס־סיסטעם. אין

פאָליטישע עקאָנאָמיע

איינקלאַנג דערמיט קומען פאַר ענדערונגען אין דער אַלגעמיינער גע־זעלשאַפטליכער רעאַליע, וואָס עס שפּילען די פאַרשיידענע גורפּען אין דער געזעלשאַפט.

2) די געזעלשאַפטליכע שיכות'ן פון האַנדעלס קאַפּיטאַליזם.

א) די אומאָרגאַניזירטע שיכות'ן צווישען ווירטשאַפטען.

וואָס מער דער מאַרק ברייטערט זיך אויס אין שטח, אַלץ שווע־רער ווערט אַנצוהאַלטען מיט אים שטענדיגע דירעקטע באַציהונגען. וואָס איז מערסטענס אוממעגליך פאַר'ן קליינעם סחורה־פּראָדוצענט. עס וואַקסט דורך דעם די עקאָנאָמישע מאַכט און די געזעלשאַפטליכע באַדייטונג פון יענעם קלאַס, ביי וועמען אַט די טעטיגקייט ווערט אַ ספּעציאַליטעט. פּראָדוצירענדיג פאַר'ן ברייטען אומבאַשטימטען און ווייטען מאַרק, פאַרלירט דער קליינער פּראָדוצענט אינגאַנצען די מעג־ליכקייט פּערזענליך צוצושטעלען זיינע פּראָדוקטען אויפ'ן מאַרק, ווי מען פּלעגט דאָס מערסטענס טאָן ווען דער מאַרק איז געווען באַגרע־נעצט, נאָהענט און באַשטימט.

די לעצטע אָפּעראַציע פון דער פּראָדוקציע, — דאָס אַריבערפירען פון דעם פּראָדוקט — ווערט אויף דעם אופן אינגאַנצען אָפּגעטיילט פון די פריהערדיגע אָפּעראַציעס. די פאַרמיטלונג פון דעם סוחר ווערט אומבאַדינגט נויטיג פאַר דעם פּראָדוצענט, — און דערפון קומט אַרויס די מאַטעריעלע אָפּהענגיגקייט פון דעם פּראָדוצענט אַן דעם סוחר. דער פּראָדוצענט מוז פאַרקויפען זיין סחורה צום סוחר, כדי צו קענען פאָרטזעצען זיין אַרבייט, אָבער די באַדינגונגען פון דעם דאָזיגען גע־שעפט הערען אויף צו זיין גלייכע פאַר ביידע צדדים. ערשטענס, ווייס ניט דער פּראָדוצענט די אמת'ע לאַגע פון דעם מאַרק, אויף וועלכען דער סוחר פאַרקויפט זיין סחורה; צווייטענס, קען דער פּראָדוצענט ניט וואַרטען, ווייל זיין קאַפּיטאַל איז אַזוי

א. באָגדאַנאָוו

קליין, אז ער מוז תיכף פארקויפען זיין סחורה, כדי צו קריגען די נויטיגע מיטלען פאר דער ווייטערדיגער פארטזעצונג פון זיין ווירט־שאפט. דער סוחר, פארקערט, באזיצט אלע נויטיגע ידיעות, און האָ־בענדיג פארהעלטניסמעסיג גרעסערע מיטלען, קען ער ווארטען מיט דעם איינקויפען פון סחורה, אויב עס געפעלען אים ניט די פארגע־שלאָגענע באדינגונגען. דעם פראָדוצענט קומט פאלגליך אויס אימער זיך צו אונטערוואַרפען; אָננעמען דעם פרייז, וואס דער סוחר שלאָגט אים פאָר. דאס מיינט נאך ניט, נאטירליך, אז דער סוחר וועט אַרונ־טערדריקען דעם פרייז צו דער נידעריגסטער שטופע: ערשטענס, איז דאָ אַ קאָנקורענץ אויך צווישען די סוחרים, און על פי נויט קען דער פראָדוצענט, אפשר מיט גרויסע שוועריגקייטען, געפינען אַן אַנדער סוחר־פאַרמיטלער; צווייטענס, לוינט זיך פשוט ניט דעם סוחר, צו רואינירען די ווירטשאפט פון דעם קליינעם פראָדוצענט דורך צו שווערע באַדינגונגען, ווייל אויב די דאָזיגע ווירטשאפט וועט רואינירט ווערען, וועט דער סוחר מער ניט קענען ציהען קיין נוצען פון אים, און וועט אונטערברעכען דעם פונדאמענט פון זיין אייגענעם גוטשטאנד. עס ארבייט זיך אויס, פאלגליך, אזא סאָרט עקספּלואַטאַציע, וועלכע לאָזט דאך איבער דעם קליינעם פראָדוצענט כאָטש די נויטיגע מיטלען פאר דער פארטזעצונג פון זיין ארבייט, און דאס איבעריגע באַקומט דער סוחר.

מען דארף האבען אין זינען, אז אָפט טרעט ארויס אלס סוחר־פאַרמיטלער ניט דער ווירקליכער סוחר, נאָר אַ פראָדוצענט, וועלכער פארנעמט זיך גלייכצייטיג אויך מיט צושטעלען סחורות אויפ׳ן מארק. צ. ב. ש. אין דער פראָדוקציע פון זייגערס, וואס איז פון אַנהויב אַן געוועזן צוטיילט צווישען אַ סך קליינע בעלי־מלאכות, וועלכע פלעגען מאכען איינצעלנע טיילען פון דעם פאַדוקט, פלעגען די סוחרים־פאַר־מיטלער זיין געוויינליך די מייסטערס, וועלכע פלעגען זיך פארנעמען מיט דער צוזאמענשטעלונג פון די איינצעלנע טיילען. בעצם, אונטער־שיידעט זיך דער פאַל ניט פון די פריהערדיגע: די הערשאפט פאַר־כאַפּט דער, ווער עס פירט דורך די לעצטע אָפּעראַציע אין דער פּראָ־דוקציע.

פאָליטישע עקאָנאָמיע

דאס פארכאפען פון דער עקאנאמישער הערשאפט ווערט פארלייכטערט פאר'ן אויפקויפער דורך דער אלגעמיינער שוואכקייט פון די קליינע אונטערנעמונגען: יעדע צופעליגע אויפטרייסלונג, יעדער סטיכישער אדער עקאנאמישער אומגליק מיינט פאר'ן קליינעם פראדוצענט די אונטערגאנג פון זיין ווירטשאפט און צווינגט אים צו ווענדען זיך נאך הילף צום סוחר־אויפקויפער. דער סוחר טרעט דאן ארויס אין א נייער ראליע אלס מלוה; לייענדיג דעם פראדוצענט געלט אויף אויפצוהאלטען זיין ווירטשאפט, קויפט ער אין פאראויס אפ די פראדוקטען, וואס זיין בעל־חוב וועט אין דער צוקונפט פראדוצירען, און באצאלט פאר זיי. דערביי פאלען שטארק די פרייזען פון די סחורות, און די אפהענגיגקייט פון דעם פראדוצענט אז דעם סוחר ווערט אלץ שטארקער. אפט פארפליכטעט זיך דער בעל־חוב צו קיינעם ניט צו פארקויפען זיינע פראדוקטען אויסער צו זיין קרעדיטאר.

דער מלוה און דער סוחר זיינען ניט אלע מאל איין און דיזעלבע פערזאן; ניט זעלטען זיינען די ביידע טעטיגקייטען ספעציאליזירט. דער עצם ווערט אבער דערביי ניט געענדערט — די לאגע פון דעם קליינעם פראדוצענט פארבלייבט די זעלבע. ניט זעלטען ווערט דער מלוה פארוואנדעלט אין א סוחר, דערמיט ברייטערט ער אויס זיין עקאנאמישע ראליע. דער סוחר־אויפקויפער אבער ווערט דורך די אומשטאנדען געטריבען כמעט אימער צו שפילען די ראליע פון א מלוה, העלפענדיג די ווירטשאפטען וואס ווערען פארארימט.

הגם דער קליינער פראדוצענט פארבלייבט פארמאל פריי, פארשווינדעט אבער זיין ווירקליכע אומאפהענגיגקייט. שטיצענדיג זיך אויף זיין מאטעריעלען כח, הויבט זיך אן דער אויפקויפער אריינמישען אין דער פראדוקציאנס־טעטיגקייט פון דעם קליינעם פראדוצענט: ער קאנטראלירט אים, און ווערט דער הויפט־ארגאניזאטאר פון דער פראדוקציע. אין איינקלאנג מיט זיינע אייגענע חשבונות, ציינט דער סוחר אז דעם קליינעם פראדוצענט וויפיל און וועלכע סחורה צו פראדוצירען, ווען דאס מוז ווערען פארטיג, און באשטימט אויך זייער פרייז. דער פראדוצענט איז געצוואונגען איינצונעהמען אויף די באדינגונגען, ווייל אויב ניט, קען ער זיין סחורה אינגאנצען ניט פארקויפען. אין איינ־

אַ. באָגדאַנאָוו

קלאַנג מיט זיינע אייגענע חשבונות, צווינגט דער סוחר דעם פּראָדוצענט צו פאַרקלענערן אָדער פאַרגרעסערן זיין פּראָדוקציע. אומדירעקט ווירקט דערביי דער סוחר אויף דער טעכניק פון דער פּראָדוקציע גופא, פאָדערענדיג, אַז די סחורה זאָל זיין פון אַ באַשטימטער קוואַליטעט און ניט פון קיין אַנדערער. אין אַ גאַנץ באַדייטענדער מאָס טרעט שוין דער סוחר אַרויס, אויב ניט אַלס פאָרמאַלער, איז אַלס פאַקטישער אָרגאַניזאַטאָר פון די קליינע ווירטשאַפטען.

אויף דעם אופן אַנטשטעהט די פאַקטישע פאַראייניגונג פון אַ סך קליינע ווירטשאַפטען אונטער דער הערשאַפט פון איין אָרגאַניזאַטאָר. די דאָזיגע פאַראייניגונגען זיינען אָבער בלויז טיילווייזע, דער קליינער פּראָדוצענט פאַרבלייבט דאָך אומאָפּהענגיג אין די אינערליכע באַציהונגען פון זיין אונטערגאַנג. אָט דאָס איז די האַנדעלס־קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע.

די האַנדעלס־קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע קען שוין ניט פאַררעכענט ווערען צווישען די טיפּישע קליינע פּראָדוקציעס. דאָס איז שוין אַ גרויסע פּראָדוקציע פאַר'ן מאַרק, הגם די סחורות ווערען פּראָדוצירט אין קליינע ווערקשטאַטען. *)

וואָס מער דער האַנדעלס־קאַפּיטאַליזם וואַקסט, אַלץ מער וואַקסט אויך זיין מאַכט איבער דער פּראָדוקציע, און אַלץ מער ברייטערט זיך אויס זיין אריינמישונג אין דער אינערליכער אָרגאַניזאַציע פון די ווירטשאַפטען. די איבערבלייבעכצען פון פעאָדאַליזם שטערען אויף אַ האָר ניט דעם האַנדעלס־קאַפּיטאַל צו פאַרכאַפּען פאַר זיך די אָרגאַניזאַטאָרישע און צוזאַמען מיט איר די עקספּלואַטאַטאָרישע מאַכט איבער די ווירטשאַפטען פון די פּויערים, אונטערגראָבענדיג דערמיט זייער

---

*)דעם אידיש־אַמעריקאַנער לעזער איז דער דאָזיגער סיסטעם גוט באַקאַנט אין דער שניידעריי, אין די ערשטע יאָרען פון דער אידישער איינוואַנדערונג זיינען אין אמעריקע געווען א סך פירמעס, וואָס פלעגען זייער גאַנצע ארבייט אויסטיילען צו „קאָנטראַקטאָרס“, וואָס פלעגען מאַכען די ארבייט אין קליינע שעפּער (וואַרקשטאַטען) מיט עטליכע בעלי מלאכות. דער קאַפּיטאַליסט איז געווען אייגענטליך ניט מעהר ווי א סוחר. עס זיינען נאָך היינט אויך פאראַן אזעלכע פירמעס.

(רעדאַקטאָר).

וואוילטאג. דער פעדאל שוואכט בלויז אפ דעם פויער'ס ווידער־שטאנדס־כח צום האנדעלס־קאפיטאל, נעמענדיג פון די פויערים א געלט־צינז, צווינגט ער זיי צו פארקויפען זייערע פראדוקטען; ד. ה., ער שטופט זיי אליין אין די הענט פון דעם האנדעלס־קאפיטאליסט. אפטמאל טרעט דער פעדאל אליין ארויס אין דער ראליע פון דעם סוחר אדער מלוה.

גאנץ אפט נעמט זיך דער סוחר צושטעלען פראדוקציאנס־מאטעריאלען פאר דעם קליינעם פראדוצענט. אזוי ווי דער פראדוצענט איז גאנץ אפט געצוואונגען צו נעמען די דאזיגע מאטעריאלען אויף קרעדיט, ווערט מיט דער צייט די זאך פאראיינפאכט; דער סוחר הויבט אן צו געבען דעם קליינעם פראדוצענט מאטעריאלען, פון וועלכע דער פראדוצענט ארבייט אויס פאר אים סחורות לויט צו א באשטימטען פרייז. דערביי פארלירט דער קליינער פראדוצענט נאך מער זיין זעלבסטשטענדיגקייט. פאקטיש קען מען שוין ניט זאגען, אז ער פארקויפט זיין סחורה צום סוחר, באמת קריגט ער בלויז באצאלט פאר זיין ארבייט און פאר דער באנוצונג פון זיין **געצייג**. ווען מיר וועלען אראפרעכענען דעם צווייטען טייל פון דער **באצאלונג**, האבען מיר פאר זיך א לוין־ארבייטער. דאס איז דער **סיסטעם** פון היים־ארבייט פון דער גרויס־קאפיטאליסטישער פראדוקציע, די צווייטע שטופע אין דער אנטוויקלונג פון האנדעלס־קאפיטאליזם.

דער גרויסער מאסשטאב פון דער היימישער קאפיטאליסטישער פראדוקציע ווייזט זיך ארויס קלאר אין דעם וואס די פארטיגע פראדוקטען ווערען געבראכט אויפ'ן מארק אין גרויסע מאסען; און אויך אין דעם וואס די רויהע מאטעריאלען ווערען געבראכט אין גרויסע מאסען און ווערען נאכהער צוטיילט צווישען די קליינע פראדוצענטען.

פארשטעהט זיך, וואס מער דער קליינער פראדוצענט איז אפהענגיג פון סוחר־אויפקויפער, אלץ לייכטער פארלירט ער אינגאנצען זיין זעלבסטשטענדיגקייט: אלץ וועניגער כחות האט ער זיך אנטקעגענצושטעלען די וויטערע אוזורפאציעס פון האנדעלס־קאפיטאליסט.

אפט, נאכדעם ווי דער סחורה־פראדוצענט איז אינגאנצען רואי־

א. באַנדראַנאָוו

נירט, לוינט זיך פאַר'ן קאַפּיטאַליסט צו געבען אים די נויטיגע מאַטע־ריאַלען און געצייג כדי ער זאָל ווייטער קענען פאַרטזעצען זיין אַרבייט. דערביי פאַרלירט דער פּראָדוצענט שוין אפילו דעם לעצטען סמן פון זעלבסטשטענדיגקייט. דאָס איז דער העכסטער אַנטוויקלונגס־פּונקט פון האַנדעלס־קאַפּיטאַליזם, ער שטעהט שוין דאָ ביים גרענעץ פון מאַ־נופאַקטור־קאַפּיטאַליזם.

ב) די אינווענינגסטע שיכות'ן אין דער עפּאָכע פון האַנדעלס־קאַפּיטאַל.

אויסערליך ענדערט דער האַנדעלס־קאַפּיטאַל גאַנץ ווייניג די אָר־גאַניזאַציע פון דער איינצעלנער קליין־בורזשואַזער ווירטשאַפט. דער־פאַר אָבער קומען פאָר גאַנץ באַדייטענדע ענדערונגען אין דעם עצם, און אין די געגענזייטיגע שיכות'ן פון די מיטגלידער פון די גרופּען.

דאָס אַריינרייסען זיך פון האַנדעלס־קאַפּיטאַל אין דעם לעבען פון דער קליינער ווירטשאַפט איז אין אָנהויב גינסטיג פאַר'ן פּראָדוצענט: דער אויפקויפער, זייענדיג געצוואונגען צו קאָנקורירען מיט אַנדערע, צאָלט גאַנץ גוטע פּרייזען, און מאַכט גאַנץ גרויסע באַשטעלונגען פאַר ווייטע מאַרקען. די לאַגע ענדערט זיך אָבער, וואָס מער עס וואַקסט די מאַטעריעלע אָפּהענגיגקייט פון דעם פּראָדוצענט אַן דעם אויפקוי־פער. דער יאָך פון האַנדעלס־קאַפּיטאַל דריקט אַלץ מיט אַ שטאַרקע־רער מאַכט. ביסלעכווייז פאַלט דער גוטשטאַנד פון דער ווירטשאַפט ביז צו דעם פּונקט, ווען דער האַנדעלס־קאַפּיטאַל האָט שוין ניט וואָס צו נעמען. דער קליינער פּראָדוצענט מאַטערט זיך איבער די כחות כדי צוריק אויפצושטעלען זיין ווירטשאַפט, אָדער אַמווענינגסטען ניט צו פאַלען נאָך נידעריגער. אויף דער דאָזיגער אָנשטרענגונג געהט אַוועק זיין גאַנצע ענערגיע. ער צווינגט זיין פרוי און קינדער צו אַרבייטען שווער; די קינדער ווערען אַריינגעצויגען אין דער פּראָדוקציע אַזוי יונג, וואָס מען האָט פריהער דערפון ניט געוואוסט. די פרויען־אַרבייט ווערט שוין ניט באַשרענקט בלויז אויף דער הויז־ווירטשאַפט; זיי ווע־

פאָליטישע עקאָנאָמיע

רען אויך אריינגעצויגענע אין דער אַלגעמיינער פּראָדוקציע פאַר׳ן מאַרק, אויף וויפיל די טעכניק ערלויבט דאָס.

איבערהויפּט טרעט דאָס קלאָר ארויס אין דעם דאָרפישען קליינ־געווערב ביי די דאָרפישע האנטווערקער, וואָס פאַראייניגען זייער מלאכה מיט דער ערד־ארבייט. זיי האָבען ניט פאַר זייער פאַרטיידי־גונג אזוינע שטאַרקע אָרגאַניזאַציעס, ווי די שטאָטישע צעכען פון בעלי־מלאכות, און דערפאַר גיבען זיי זיך שנעלער אונטער צום האנדעלס־קאַפּיטאַליסט. ווען דער אויפקויפער באַשטימט די פּרייזען פאַר די סחורות פון דער דאָרף־פּראָדוקציע, האָט ער אין זינען די הכנסה, וואָס דער דאָרפישער בעל־מלאכה ציהט פון דער ערד־ארבייט, ער דריקט דערפאַר אַרונטער די פּרייזען אַזוי נידעריג, אַז די ביידע באַשעפטי־גונגען, האנטווערק און ערד־ארבייט, גיבען דעם דאָרפישען בעל־מלאכה קוים גענוג מיטלען צום לעבען. די עקספּלואַטאַציע פון די ארבייטס־כחות פון דעם דאָרפישען האנטווערקער און זיין משפחה ברענגט ניט זעלטען צו זייער פאָלשטענדיגען אונטערגאַנג.

שוין אויף די ערשטע שטופען פון זיין אנטוויקלונג שטרעבט דער קאַפּיטאַל, אין דער פאָרמע פון האנדעלס־קאַפּיטאַל, צו צושטערען די פּאַטריאַרכאַלע משפחה־אָרדנונג אין וועלכער דער פאָטער איז דער פולער הערשער. די פרוי הויבט אָן שפּילען אַ גרעסערע ראָליע אין דעם עקאָנאָמישען לעבען פון דער משפחה, וואָס מער זי באַטייליגט זיך אין דער סחורה־פּראָדוקציע פאַר׳ן מאַרק; דאָס צושטערט דעם מאַטעריעלען פונדאַמענט פאַר דער פרוי׳ס אונטערטעניגקייט. די קראַפט פון די אָפּגעלעבטע מנהגים איז אָבער אַזוי שטאַרק, אַז עס גע־העט אַוועק יאָרען איידער די דאָזיגע ווירקונג פון האנדעלס־קאַפּיטאַל אויף דער משפחה הויבט זיך אָן קלאָר צו מערקען.

די ווירטשאַפטען פון די שטאָטישע בעלי־מלאכות קענען פיל לענ־גער באַשטעהן דעם דרוק פון האנדעלס־קאַפּיטאַל, אַ דאַנק זייערע צע־כען, ביסלעכווייז אָבער גיבען זיי זיך אים אויך אונטער. דערביי ענ־דערען זיך, נאַטירליך, די אינערליכסטע שיכות׳ן פון דער משפחה אין דער זעלבער ריכטונג ווי אין די דאָרפישע ווירטשאַפטען, הגם אין אַ

א. באָנדראַנאָן

קלענערער מאָס. דערפאַר ווייזט זיך אָבער זעהר בולט ארויס די ענ־דערונג אין די באַציהונגען צווישען באַלעבאָס און ארבייטער.

דער גענענזאַץ צווישען די אינטערעסען פון דעם באַלעבאָס און זיין אַרבייטער, וואָס האָט זיך ניט ארויסגעוויזען כל זמן זיי האָבען געאַרבייט צוזאַמען, צוליב די פאַמיליאַרע און חבר'שע באַציהונגען צווישען זיי, טרעט איצט ארויס העלער און שאַרפער. כדי אויפצו־האַלטען זיין וואַקלענדע לאַגע, איז דער באַלעבאָס געצוואונגען וואָס מער צו אונטערדריקען זיינע ארבייטער און לערנערס, פאָדערען פון זיי מער און אינטענסיווערע אַרבייט פאַר קלענערע שכירות. די אַר־בייטער און לערנערס שטעלען זיך געגען דעם. די אינערליכע גאַנצ־קייט פון דעם בעל־מלאכה'ס ווירטשאַפט פאַרשווינדט, דעם פּלאַץ פון אייניגקייט פאַרנעמט דער קאַמף.

אונטערפירענדיג דעם סך־הכל, קען מען זאָגען, אַז די מאַכט פון דעם האַנדעלס־קאַפּיטאַל פאַרענדערט די אינערליכע שיכות'ן פון דער קליין־בורזשואַזער ווירטשאַפט, אריינטראָגענדיג אין איר דעם גייסט פון עקספּלואַטאַציע. דער הויפּט פון דער משפחה טרעט ניט ווילענ־דיג ארויס אַלס עקספּלואַטאַטאָר פון די איבעריגע מיטגלידער פון דער משפחה, און דער באַלעבאָס אַלס עקספּלואַטאַטאָר פון זיינע אַרבייטער.

ג) די אָרגאַניזירטע באַציהונגען צווישען די ווירטשאַפטען.

אין איינקלאַנג מיט די ענדערונגען פון די באַציהונגען צווישען דעם צעך מייסטער און זיינע ארבייטער, האָט זיך אויך געענדערט דער כאַראַקטער פון די צעך אָרגאַניזאַציעס גופא: אַלץ מער און מער זיינען זיי פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין קאַמפּס־אָרגאַניזאַציעס, פון איין זייט פון די מייסטערס געגען דעם האַנדעלס־קאַפּיטאַל, און פון דער צווייטער זייט פון די מייסטערס קעגען די אַרבייטער.

אין קאַמף מיט'ן האַנדעלס־קאַפּיטאַל ווערען אויסגעברייטערט יענע פּונקטען פון די צעך קאָנסטיטוציעס, וואָס זיינען געווענדעט קעגען דער קאָנקורענץ און דעם רעדוצירען פון די פּרייזען; אויסער

פּאָליטישע עקאָנאָמיע

דעם, זיינען די צעכען געווען געצוואונגען שטאַרק צו פאַרטיידיגען קעגען דער רעגירונג זייער מאָנאָפּאָליסטיש רעכט אויף דער פּראָדוקציע און האַנדעל אין די שטעט. בעת דער האַנדעלס־קאַפּיטאַל, פאַרקערט, האָט מיט אַלע כחות געזוכט צו פאַרמיידען און צו שטערען די דאָזיגע מאָנאָפּאָליע.

אָבער דער האַנדעלס־קאַפּיטאַל איז אַריינגעדרונגען אין די צעכען גופא. די רייכערע מייסטערס זיינען אַליין געוואָרען אויפקויפער און פּראָצענטניקעס ; נאַטירליך, אין די גרענעצען, וואָס זיינען ערלויבט געווען פון די צעכען. דער חשק אַנצוקלייבען וואָס מער געלט האָט באַוואויגען די מייסטערס צו געהן נאָך ווייטער ; פאַר זיי זיינען אומאַנגענעם און אומגינסטיג געווען די באַגרעניצונגען פון די צעכען, סיי יענע וואָס האָבען ניט דערלאָזען די אויסברייטונג פון זייער אייגענער פּראָדוקציע, און סיי יענע וואָס האָבען זיי ניט דערלאָזען צו באַלעבאַטעווען איבער די אָרימע מייסטערס. עס אַנטשטעהט אַ שטרעבונג אויסצומיידען און ברעכען די כללים פון די צעכען. אַזוי, צום ביישפּיל, איז פאַר די מייסטערס, וואָס האָבען געהאַט אַ דירעקטע פאַרבינדונג מיט׳ן מאַרק, געווען זעהר ניט באַקוועם וואָס די צעכען האָבען ניט ערלויבט צו קויפען פּראָדוקטען ביליגער ווי פאַר אַ באַשטימטען פּרייז.

אין דער פּראַקטיקע האָט מען אָפט ניט אויסגעפאָלגט אפילו די צעך־באַשרענקונגען פון דער צאָל געדונגענע אַרבייטער, וואָס איין מייסטער האָט געקענט באַשעפטיגען ; ווייל דאָס האָט געשטערט דער אויסברייטונג פון דער פּראָדוקציע.

בכלל זיינען אין דעם קאַמף מיט׳ן האַנדעלס־קאַפּיטאַל די צעך־אָרגאַניזאַציעס צוטרייסעלט געוואָרען, עס האָט זיך קלאָר אַרויסגעוויזען, ווי ווענינג אינערליכע אחדות זיי האָבען געהאַט.

דערפאַר אָבער זיינען די צעכען פאַרבליבען פעסט אין זייער קאַמף קעגען די געזעלען. עס ווערען אָנגענומען די שטרענגסטע מיטלען שווערער צו מאַכען פאַר׳ן געזעל צו ווערען אַ באַלעבאָס, ווייל דער גרויסער וואוקס פון דעם מייסטער־קלאַס הויבט אָן צו ווערען אַ געפאַר. עס ווערען באַשטימט לאַנגע טערמינען פאַר לערנער און פאַר

א באגדאנאוו

געזעלען. עס ווערען באשטימט שווערע עקזאמענעס, עס ווערט געפאָדערט פון דעם געזעל, ער זאָל ארויסווייזען אויסערגעוועהנליכע קענטעניסען פון זיין פאך. עס ווערען באשטימט הויכע ערבות ביים אריינטרעטען אין צעך, און עס ווערט פארלענגערט די ארבייטס־צייט פון די געזעלען. מען פאדערט פון יעדען געזעל ער זאל א געוויסע צייט וואנדערען איבער פרעמדע שטעט, כדי צו פארפאלקאמענען זיין קונסט — א באדינגונג וואס איז אין יענער צייט געווען זעהר שווער נאכצוקומען, און וועלכע האט, ווי מיר וועלען עס שפּעטער זעהן, שטארק געשאדט די צעכען גופא. אזוינע ענדערונגען אין דעם געבוי פון די צעכען זיינען פארגעקומען אנהויבענדיג פון 14טען יארהונדערט.

די נייע כללים פון די צעכען ווערען אין לעבען דורכגעפירט ניט פאר אלעמען גלייך; פאר די זין פון די מייסטערס ווערען געמאכט פארשיידענע פארלייכטערונגען, וואס מאכען פון די אלע שוועריגקייטען פוסטע פארמאליטעטען. פאר אלע אנדערע אבער ווערט כמעט אוממעגליך אריינצוקומען אין די צעכען. די צעך־פריווילעגיעס באקומען אן ענגען קאסטען־כאראקטער — זיי ווערען פארבונדען שוין ניט אזוי פיל מיט קונסט און וויסען, ווי מיט אפשטאמונג.

די אלע נייע איינפירונגען באגעגענען אן ענערגישען ווידערשטאנד מצד די געזעלען. וואס ווייניגער מעגליכקייטען עס בלייבען פאר'ן געזעל ארויסצורייסען זיך פון זיין געגענווארטיגער לאגע, און וואס שווערער זי ווערט, אלץ מער טרעט אויף אויפ'ן פלאץ פון די חבר'שע באציהונגען צווישען דעם געזעל און דעם מייסטער די אחדות פון די ארבייטער, אן אחדות וועלכע איז דורכגעדרונגען מיט האס צו די מייסטערס. עס אנטשטעהען באזונדערע ארגאניזאציעס פון געזעלען— מערסטענטייל אין דער פארמע פון רעליגיעזע פאראיינען — אין אנהויב בלויז פאר מאטעריעלער געגענזייטיגער שטיצע, מיט דער צייט אבער ווערען זיי פארוואנדעלט אין קאמפס־ארגאניזאציעס פאר זייערע געמיינשאפטליכע אינטערעסען קעגען זייער אלגעמיינעם שונא.

יעדער פאראיין ברענגט צוזאמען בלויז די געזעלען פון איין פאך, אין אנהויב בלויז די וואס וואוינען אין איין שטאט; אבער שוין אין גאר די ערשטע צייטען זיינען זיי געצוואונגען דורך דער אלגעמיינהייט

פון זייערע אינטערעסען, איבערהויפּט די נויט אין שטיצע, אין דער צייט פון דעם געזעל'ס וואנדערונגען, אויסצובּרייטערען די פאראיינען איבער די גרענעצען פון די איינצעלנע שטעט. עס ווערען געשאפען צווישען־שטאטיגע און אפילו צווישען־פעלקערליכע ארגאניזאציעס פון געזעלען פון איין און דעמזעלבען פאך. ווייטער ווי דאס זיינען די פאראיינען קיינמאל ניט געגאנגען; די געזעלען פון פארשיידענע פאכען האבען ניט נאר זיך קיינמאל ניט פאראייניגט, נאר אפט זיך געקריגט צווישען זיך.

א דאנק דעם גרויסען כח פון זייערע ארגאניזאציעס, האט זיך די געזעלן ניט זעלטען איינגעגעבען צו צווינגען די באלעבאטים צו מאכען געוויסע הנחות. די מייסטערס האבען מיט אלע כחות געזוכט די ארגאניזאציעס צו צוברעכען און עס איז זיי אפט געלונגען אויסצופירען, אז עס זאלען פאר דעם צוועק ארויסגעגעבען ווערען געזעצען. דאן פלעגען די ארגאניזאציעס פון די געזעלען ווערען געהיימע, אבער זייער קאמף פלעגען זיי ניט אויפגעבען. מיט מער אדער ווייניגער ערפאלג זיינען די דאזיגע קאמפען אנגעפירט געווארען אין אלע מערב־לענדער דורך דער גאנצער צייט פון דעם האנדעלס־קאפיטאליזם. די הויפּט געווער פאר ביידע צדדים איז געוועזן דער סטרייק און דער חרם (באיקאט *).

אזוי האט זיך אויף דעם אופן אונטער דער ווירקונג פון דעם האנדעלס־קאפיטאל אינגאנצען פארענדערט דער כאראקטער פון די ארגאניזאציעס פון די בעלי־מלאכות.

וואס אנבאלאנגט די ריין־פּאָליטישע ארגאניזאציעס, איז די עפּאכע פון האנדעלס־קאפיטאל געוועזן די בליהונגס־צייט פון דער אומבאשרענקטער מאנארכיע. די פעסטע עקאנאמישע פארבינדונגען צווישען די פארשיידענע טיילען פון שטאט, וואס איז געקומען אלס רעזול־

---

*) דער וואָרט „באָיקאָט" שטאַמט פון דעם יאָהר 1880. קאַפּיטאַן באָיקאָט, דער פאַרוואַלטער ביי אַן ענגלישען לענדלאָרד אין אירלאַנד, האָט אַזוי אונטערדריקט די אַרענדאַטאָרס, אז זיי האָבען אים אַרויסגעלעגט אין חרם, — מען האָט אים ניט פאַרקויפט קיין שפּייז, קיינער האָט פאַר אים קיין שום ארבייט ניט געטאָן, ביז וואַנען ער איז געצוואונגען געוועזן צו פאַרלאָזען דעם פּלאַץ.

(רעדאַקטאָר).

א. באַנדאַנאָוו

טאַט פון די אויסגעבעסערטע פּאַרקערס־מיטלען, זיינען געוואָרען דער פונדאַמענט פאַר אַ פעסטער פאַראייניגונג פון דאָס גאַנצע לאַנד. די אַבסאָלוטע מאָנאַרכיע האָט געדאַרפט אויספירען אַ סך וויכטיגע היס־טאָרישע אויפגאַבען, און דאָס האָט פאַרשטאַרקט איר מאַכט און גע־וואונען פאַר איר די סימפּאַטיע און דעם צוטרויען פון דעם האַנדעלס־קאַפּיטאַליסטישען קלאַס.

די ערשטע פון די דאָזיגע אויפגאַבען איז געווען די צושטערונג פון די רעשטלאַך פון אַלטען פעאָדאַליזם, וועלכע האָבען זיך ניט געקענט צופּאַסען צו די נייע פאַרענדערטע היסטאָרישע באַדינגונגען און האָבען אָנגעהויבען אַ פאַרצווייפעלטען קאַמף פאַר זייער עקזיסטענץ געגען דער גאַנצער טויש־געזעלשאַפט. בלויז דער עקאָנאָמיש שטאַר־קערער און פּראָגרעסיווערער עלעמענט פון די פעאָדאַלען איז געווען בכח, אין דעם שטורעם פון די אויסטויש־באַציהונגען, אויפצוהאַלטען זייער פריהערדיגע לאַגע. די שוואַכערע עלעמענטען זיינען אויף דעם רייז־עקאָנאָמישען פעלד געווען פיל שוואַכער, און האָבען אָנגעהויבען שנעל אונטערצוגעהן אונטער די קלעפּ פון דעם האַנדעלס־קאַפּיטאַל און דעם מלוה־קאַפּיטאַל; די עקזיסטענץ פון אַזוינע פעאָדאַלען האָט זיך נאָך געקענט האַלטען אַ געוויסע צייט, בלויז אַ דאַנק דער נאַטוראַלער ווירטשאַפט, וואָס האָט נאָך עקזיסטירט אין זייערע אימעניעס. די שנעלע אַרויסשטופּונג פון די דאָזיגע רעשטלאַך, דורך די געלט־באַצי־הונגען, האָט טראָץ נאָך טראַט פאַרניכטעט יעדע מעגליכקייט פאַר די פעאָדאַלען ווייטער צו עקזיסטירען. זיי האָבען זיך אָבער ניט געוואָלט צופרידענשטעלען מיט דער דאָזיגער לאַגע. באַנוצענדיג זיך מיט זיי־ערע אַלטע רעכט צו נעמען אַן אָפּצאָל פון דורכפאָרענדע סוחרים, פלע־גען זיי אַרויסקומען מיט באַנדעס אויף די וועגען און רויבען די דורכ־געהענדע האַנדעלס־קאַראַוואַנען, באַקומענדיג דערמיט פאַר זיך לע־בענס־מיטלען, שטערענדיג אָבער דערמיט גאַנץ שטאַרק דער אַנטוויק־לונג פון דער געזעלשאַפטליכער פּראָדוקציע. דער שטאַט האָט דורך זיין מיליטערישער מאַכט באַזיגט די דאָזיגע פעאָדאַלען, האָט צושטערט זייערע שלעסער, און האָט געשאַפען אַ זיכערהייט פאַר׳ן פאַרקער, וואָס איז דורכאויס נויטיג פאַר דעם האַנדעל.

פאָליטישע עקאָנאָמיע

די צווייטע אויפגאַבע פון שטאַט איז געווען די אונטערדריקונג פון די פויערים־אויפשטאַנדען. דער איבערגאַנג פון די פעאָדאַלע באַציהונגען צו לייב־אייגענטום האָט פאַר די פויערים געשאַפען אַזוינע שווערע לעבענס־באַדינגונגען, אַז וואָס מער עס האָט זיך אַנטוויקעלט דער אויסטויש־פעאָדאַליזם, אַלץ אָפטער זיינען געוואָרען די עמפּערונג און בונטען פון די פויערים. אין אָנהויב, אַזוי לאַנג ווי די אויסטויש־פאַרבינדונגען זיינען פאַרבליבען פאַרהעלטניסמעסיג ענג, און יעדע געגענט האָט געלעבט איר באַזונדערען אָפּגעשלאָסענעם לעבען, האָבען די פויערים־אויפשטאַנדען געטראָגען אַ לאָקאַלען כאַראַקטער, און זיינען גאַנץ לייכט אונטערדריקט געוואָרען. דער האַנדעלס־קאַפּיטאַל שאַפענדיג פעסטע און ברייטע פאַרבינדונגען צווישען פאַרשיידענע געגענדען, האָט אויך געשאַפען אַ באָדען פאַר ברייטע נאַציאָנאַלע פויערים־אויפשטאַנדען, וואָס האָבען אַרומגעכאַפּט גאַנצע לענדער; און אַזוי ווי די לאַגע פון די לייב־אייגענטום פויערים איז פיל ערגער געוואָרען, פלעגען די דאָזיגע בונטען זיך אויסצייכענען מיט זייער גרויזאַמקייט. אין איטאַליע אין דרייצענטען יאָרהונדערט, אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך אַם ענדע פון פערצענטען, אין באָהעמיע אין פופצענטען, און אין דייטשלאַנד אין אָנהויב פון זעכצענטען, זיינען פאָרגעקומען פויערים־מלחמות. צו אונטערדריקען זיי איז נויטיג געווען די פולע אָנשטרענגונג פון די כחות פון שטאַט.

די וויכטיגסטע פון די דאָזיגע מלחמות זיינען געווען די דייטשישע. זיי האָבען נאָך זיך איבערגעלאָזען, צווישען אַנדערע זאַכען, אַ היסטאָרישען דאָקומענט, אין וועלכען עס זיינען אין אַ קלאָרער ליטעראַרישער פאָרמע אויסגעדריקט די הויפּט־פאָדערונגען און שטרעבונגען פון דעם דאַמאָלסטדיגען פויערטום. דאָס איז אַ מאַניפעסט פון צוועלף פּונקטען, וואָס שטאַמט פון דעם יאָר 1525. אין אים שטעלען די פויערים די פאָלגענדע פאָדערונגען: די אָפּשאַפונג פון לייב־אייגענטום; די פאַרניכטונג פון די אומגעזעצליכע אָפּצאָלונגען צו די גלחים און די פּריצים; אומפּאַרטייאישקייט אין די געריכטען; רעליגיאָנס־פרייהייט; די פרייהייט צו באַנוצען זיך מיט די וועלדער פאַר געיעג און מיט די טייכען פאַר כאַפּען פיש; הזיקות פאַר פאַרשיידענע עולות, וואָס

א. באַגדאַנאָוו

די פּריצים האָבען באַגאַנגען געגען די פּויערים, א. אז. וו. כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פּויערשער פּסיכאָלאָגיע, און בכלל פאַר דער פּסיכאָלאָגיע פון יענער צייט, איז דאָס וואָס די דאָזיגע אַלע ריין־קלאַסען און ריין־פּראַקטישע פאָדערונגען זיינען באַפעסטיגט געוואָרען דורך רעליגיעזע באַווייזען — שטיצענדיג זיך אויף פּסוקים פון די הייליגע שריפטען.

די פּויערים־מלחמות האָבען אומפאַרמיידליך געמוזט זיך ענדיגען מיט א נידערלאַגע פאַר די פּויערים. בלויז צייטענווייז האָט דער קאַמף געקענט פאַראייניגען די פּויערים־מאַסען; וואָס ווייטער אַלץ מער האָט זיך ארויסגעוויזען, אז עס האָט זיי געפעלט אחדות. דאָ האָט זיך קלאָר ארויסגעוויזען דער אמת'ער כאַראַקטער פון דער פּויערשער פּסיכאָלאָגיע אין דער טויש־געזעלשאַפט — א ריין ענג־אינדיווידואַליסטישער. און באמת, אין דער פּויערשער ווירטשאַפט איז ניטאָ קיין ברייטע, מיטאַרבייטערשאַפט, זי האָט ניט קיין באַשטענדיגע און פעסטע אַרבייטס־פאַרבינדונגען מיט אַנדערע ווירטשאַפטען; פאָלגליך פעלט איר אויך דער באָדען פאַר דער סאָלידאַריטעט אין דעם געזעלשאַפטליכען קאַמף.

די דריטע אויפגאַבע פון דעם אבסאָלוטען שטאַט אין דער דאָזיגער צייט איז געווען צו באַפרייען די פּויערים פון לייב־אייגענטום.

ניט נאָר די אויפשטאַנדען אליין פון די פּויערים האָבען אונטערבראָכען דעם פונדאַמענט פון לייב־אייגענטום, אויפדעקענדיג אויך זייער געפאַר פאַר דער געזעלשאַפט און פאַר די פעאָדאַלען גופא. פאַר דעם האַנדעלס־קאַפּיטאַליסטישען קלאַס איז דאָס לייב־אייגענטום געווען א שטערונג אויף דעם וועג פון זיין אַנטוויקלונג, שטערענדיג אין א באַדייטענדער מאָס דעם האַנדעלס־קאַפּיטאַל צו פאַרכאַפּען אין גאַנצען אין זיינע הענט די אָרגאַניזאַטאָרישע מאַכט איבער דער פּויערשער ווירטשאַפט. אויסער דעם, זייענדיג געצוואונגען אוועקצוגעבען א גרויסען טייל פון זייערע פּראָדוקטען דעם פעאָדאַל, און זייענדיג צוגעבונדען צו א באַשטימטען פּלאַץ, זיינען די פּויערים געווען א גאַנץ שוואַכער קוואַל פון הכנסה פאַר'ן שטאַט, וועלכער האָט זיך אַפּט אליין גענויטיגט אין געלט. א טייל פון די פעאָדאַלען גופא האָבען בעסער

פּאָליטישע עקאָנאָמיע

געוואלט עקספּלואַטירען זייערע אימעניעס דורך אַרענדאַטאַרס, איידער האָבען צו טאָן מיט דער געצוואונגענער אומפּראָדוקטיווער אַרבייט פון די פּויערים; די דאָזיגע פעאָדאַלען האָבען אַליין באַפרייט זייערע פּויערים, פאַרטרייבענדיג זיי פון זייער ערד.

אין מאַנכע לענדער איז די באַפרייאונג פון די פּויערים פאָרגעקו־מען שטופּענווייז כמעט ווי פון זיך אַליין, צום ביישפּיל אין ענגלאַנד; אין אַנדערע פאַלען איז דאָס געשעהן דורך ספּעציעלע געזעצען. אין די מערסטע אייראָפּעאישע לענדער איז די דאָזיגע ענדערונג שוין גע־ווען פאַרענדיגט אין אָנפאַנג פון דער האַנדעלס־קאַפּיטאַליסטישער צייט. די כחות אָבער, דורך וועלכע דאָס איז צו שטאַנד געקומען, זיינען אויס־געוואַקסען איבערהויפּט אויפ׳ן באָדען פון האַנדעלס־קאַפּיטאַל.

די פאַקטישע שיכות׳ן פון די געזעלשאַפטליכע כחות האָבען זיך אַרויסגעוויזען ביי דער באַפרייאונג פון די פּויערים דורך דעם, וואָס די פּויערים האָבען פאַרלאָרען זייער גאַנצע ערד, מיט וועלכער זיי האָ־בען זיך ביז יענער צייט באַנוצט, — אָפט איז פאַר די פּויערים פאַר־בליבען אַ טייל פון זייער ערד, זיי האָבען אָבער געדאַרפט דערפאַר באַ־צאָלען. אַזוי איז דאָס געשעהן אין רוסלאַנד דורך דער רעפאָרמע פון דעם 1861 יאָר.

צוזאַמען מיט דער אויפבליהונג פון דער אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע האָט אָנגעהויבען שטאַרק פאַלען די פריערדיגע אָרגאַניזאַציע פון פעאָ־דאַליזם — די קאַטוילישע קירכע.

פאַרלירענדיג, ווי עס איז שוין פריער אָנגעצייגט געוואָרען, דעם גרעסטען טייל פון איר באַדייטונג אין דער געזעלשאַפטליכער פּראָדוק־ציע, האָט די קאַטוילישע קירכע פאַר אַ לאַנגע צייט אָנגעהאַלטען, און אַפילו געפּרואווט פאַרגרעסערען, איר חלק אין דער פונאַנדערטיילונג פון די געזעלשאַפטליכע פּראָדוקטען, פאַרשטאַרקענדיג דערמיט די עקספּ־לואַטאַציע פון פאָלק. דאָס האָט געשאַפען פאַר דער קירכע אַ סך מעכטיגע שונאים צווישען די אַנדערע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט. פיינדליך האָבען זיך אויך פאַרהאַלטען צו איר די פּויערים, ווייל זיי האָבען זעהר שטאַרק געליטען פון דעם מעשר און אַנדערע אָפּצאָלונגען צום קלויסטער. די אינדוסטריעלע און האַנדעלס־גרופּען, זייענדיג

א. באַנדראַנאָוו

פיינדליך צו אַלע פּעאַדאַלען, האָבען פאַר דעם קלויסטער ניט געמאַכט קיין אויסנאַם; אפילו די וועלטליכע פּעאַדאַלען און קעניגען האָבען חשק געהאַט צוצונעמען פאַר זיך דאָס לאַנד פון דער קירכע.

אַלע אידעען, וואָס זיינען געווען פיינדליך צו דער קירכע, האָבען פאַר זיך געפונען אַ גינסטיגען באָדען אין דער שטימונג פון יענער געזעלשאַפט. אפיקורסות האָט זיך אַנטוויקעלט מיט אַ גוואַלטיגער שנעלקייט. די גלחים האָבען פאַרביטערט געקעמפט קעגען זיי, זוכענדיג מיט אַלע כחות צו דערשטיקען דעם קריטישען גדאַנק, דאָך איז דער האַס צום קאַטאָליציזם געוואַקסען. דער זיג פון די אפיקורסים איז געווען אומפאַרמיידליך, — עס איז געקומען די צייט פאַר דער רעליגיעזער רעפאָרמאַציע.

עס אַנטשטעהען סעקטען אָהן אַ צאָל. עס באַווייזען זיך אָהן אַ שיעור רעליגיעזע לערען, וואָס שטיצען זיך אויף פאַרשיידענע פסוקים פון די הייליגע שריפטען. דער עצם פון דער גאַנצער זאַך האָט אָבער געקאָנט אויסגעדריקט ווערען אין איין זאַץ: „נידער מיט די גלח'שע פּעאָדאַלען“. די פסוקים זיינען אויסגעטייטשט געוואָרען אין דער לענג און אין דער ברייט, דער עקר אָבער איז געבליבען דער זעלבער.

דער קאַמף פאַר דאָס רעכט צו עקספּלואַטירען דאָס פאָלק איז פון די קאַטוילישע גלחים אָנגעפירט געוואָרען מיט אַן אומגעהערטער גרויזאַמקייט. אין דעם דאָזיגען קאַמף האָבען די גלחים געשאַפען אַן אָרגאַניזאַציע פון מערקווירדיגער קראַפט און פעסטקייט, — דעם אָרדען פון די יעזואיטען. דער טעראָר האָט דערגרייכט דעם העכסטען פונקט אין דער טעטיגקייט פון דער אינקוויזיציע.

די אַלע אָנשטרענגונגען אָבער האָבען געקענט פאַרהאַלטען דעם גאַנג פון דער זיגרייכער רעפאָרמאַציע בלויז אויף אַ ווייל. אין דעם אומגלייכען קאַמף זיינען די ערשטע פירער פון דער רעפאָרמאַציע געפאַלען, אָבער לוטער און קאַלווין זיינען שוין אַרוים די זיגער.

דער קאַטאָליציזם האָט פאַרהיט זיין פריערדיגע מאַכט אין איטאַליע און אויף דעם פירענעאישען האַלב־אינזעל: פאַר איטאַליע האָט זיך עס געלוינט, ווייל דאָס פויפּסטום האָט עקספּלואַטירט די גאַנצע וועלט פ א ר א י ר; אין שפּאַניען און פּאָרטוגאַל האָט ער זיך

אויפגעהאַלטען דערפאר, ווייל די עקאנאמישע אנטוויקלונג פון יענע לענדער איז צווישען דעם 16־טען און 18־טען יאָרהונדערט, צוליב גע־וויסע אורזאכען, פאַרהאַלטען געוואָרען און זאגאר צוריקגעגאנגען.

דער שטאַט האט קאנפיסקירט די לענדערייען פון די קלויסטערס, און צוזאמען דערמיט האט ער אוועקגענומען די ערד אויך פון א גרויסען טייל פויערים; די קאנפיסקאציע האט מען בארעכטיגט דערמיט, וואס דאס איז א נויטיגער מיטעל אין קאמף מיט'ן אבערגלויבען, וועלכען די קאטאָלישע קירכע האלט אויף. (דאס איז א ביישפיל אויף ווי ווייט די אידעען פון די מענשען זיינען אפהענגיג פון זייערע אינטערעסען, הגם דאס ווערט קיין מאל אפען ניט צוגעגעבען.)

די צופאלונג און דער אונטערגאנג פון די צעך־קארפאראציעס אונטער'ן איינפלוס פון האנדעלס־קאפּיטאל, האבען איז פיל פאלען גע־פירט דערצו, אז דער שטאַט האט קאנפיסקירט זייער אייגענטום.

די באפרייאונג פון די פויערים, ביי וועלכער מען האט מיילוויין אדער אינגאנצען צוגענומען די ערד, די קאנפיסקאציע פון די קלויסטערשע לענדער דורך די פירסטען און קעניגען, איבערלאזענדיג שוצלאז פיל פון די ארימע, וועלכע האבען פריהער געצויגען זייער חיונה פון יענע אינסטיטוציעס — דאס אלץ האט געשאפען א מאסע אייגענטומסלאזע מענשען, וואס האבען ניט געשפּילט קיין ראליע אין דער געזעלשאפטליכער פּראדוקציע; א מאסע פון דעם אזוי גערופענעם „פאראזיטישען פּראלעטאריאט", וועלכער איז געווען א שטענדיגע גע־פאר פאר דער געזעלשאפטליכער רוהיגקייט.

3) די געזעלשאפטליכע פּסיכאלאגיע און די אנטוויקלונגס־כחות פון האנדעלס־קאפּיטאל.

דער האנדעלס־קאפּיטאל שטעלט מיט זיך פאר די צווייטע אנט־וויקלונגס־שטופע פון דער טויש־געזעלשאפט, א שטופע וואס איז ענג צוזאמענגעבונדען מיט דער ערשטער, און מיר באטראכטען זיי באזונ־דער בלויז צוליב באקוועמליכקייט. אין אלע וויכטיגסטע שטריכען

א. באגדאנאוו

אנטוויקעלט זיך די געזעלשאפטליכע פסיכאלאגיע אין דערזעלבער ריכטונג, וועלכע איז נאך אנגעמערקט געווארען אין דער איבערגאנגסצייט פון דער נאטוראלער געזעלשאפט צו דער קליין־בורזשואזער; דער הערשענדער פסיכאלאגישער טיפ אבער איז נאך אלץ א קליין־בורזשואזער.

אין די פעסטע אינדוסטריעלע קארפאראציעס און אין די שיכות'ן פון פעאדאלען לייב־אייגענטום, האט די קליין־בורזשואזע געזעלשאפט נאך אויפגעהאלטען עטליכע צייכענס פון דער פריערדיגער פאטריארכאלער פארשקלאפונג פון דעם יחיד, וואס דאס האט ניט דערלאזען דעם יחיד זיך צו אנטוויקלען. דער האנדעלס־קאפיטאל צושטערט די דאזיגע פארשקלאפונג, און העלפט דער ווייטערדיגער באפרייאונג פון דעם יחיד. די פאטריארכאלע שיכות'ן פארבלייבען אין זייער אמאליגער שטארקייט אויף צוויי פאליוסען פון געזעלשאפטליכע פאראייניגונגען: אין דער פאליטישער פארמע פון דער אבסאלוטער מאנארכיע, און אין דער משפחה, וואס איז געבויט אויף דער פריוואטער ווירטשאפט. דא אבער קען מען אויך באמערקען מאנכע ענדערונגען. אין דער אבסאלוטער מאנארכיע איז שוין אינגאנצען פארשוואונדען יענע נאהענטקייט צווישען די הערשענדע און באהערשטע, וואס צייכענט אויס די פאטריארכאלע פארמען, אפילו אין זייער פעאדאלער אנטוויקלונג; אויף דער סצענע טרעט ארויס דער טרוקענער און קאלטער פארמאליזם פון דער ביוראקראטיע. פארקערט איז דאס אין דער משפחה, דארט ווערען די באציהונגען ווייכער, די מאכט פון דעם הויפט פון דער משפחה און די שקלאפעריי פון די איבעריגע מיטגלידער, זעהען זיך אן ניט אזוי שארף.

דער גייסטיגער האריזאנט פון די מענשען ווערט אלץ מער אויסגעברייטערט, וואס פעסטער עס ווערען די פארבינדונגען צווישען פארשיידענע ווייטע געגענדען און לענדער. די נויטווענדיגקייט פאר דער אנטוויקלונג פון וויסען פילט זיך אלץ שטארקער; דער אויסטויש רופט ארויס די נויטווענדיגקייט צו פירען געזעלשאפטס־ביכער, אויסגעפינען די בעסטע מארקען פאר'ן קויף און פארקויף פון סחורות, אויסצופארשען די עקאנאמישע און געזעצליכע לאגע פון אנדערע לענדער,

אזוי גוט ווי זייערע אינסטיטוציעס, און דאָס ברענגט דערצו, אז מען לערענט פרעמדע שפּראַכען, א. אז. וו. די פריערדיגע שולען, וואָס פלע־גען אויפגעהאלטען ווערען פון די קלויסטערס ווייזען זיך איצט ארויס פאר ניט גענוג און נים צופרידענשטעלענד; עס אנטשטעהען נייע שולען, אין אנהויב בלויז אין די שטעט. די וועלטליכע פעדאַלען, וועלכע זעהען אין דער וויסענשאפט, פונקט ווי די שטאָט׳ס־לייט, א קאַמפּס־מיטעל קעגען דעם גלחישען פעאדאליזם, העלפען אויפהאלטען די נייע שולען. אבער אויך אין די נידעריגערע שיכטען פון די פאָלקס־מאסען פארשפּרייט זיך א שטרעבען צו בילדונג.

גלייכצייטיג ווערען באַזייטיגט מאַנכע ערנסטע שטערונגען, וואָס זיינען געשטאַנען אין וועג פון דער אנטוויקלונג פון פאָלקס־בילדונג. זעהר וויכטיג איז אין דעם די אָפּשאפונג פון לייב אייגענטום. אונ־טער דער סיסטעם פון לייב־אייגענטום, פונקט ווי פריהער אונטער׳ן פעאדאליזם, איז אפילו די געלעגענהייט אויסצולערנען זיך לייענען און אביסעל שרייבען, געווען פארשלאָסען פאר דעם פויער, פון דעם שטאַנדפּונקט פון פעאדאל איז דאָס איננאַנצען איבעריג געווען פאר׳ן פויער, דאָס איז זאָגאר שעדליך פאר זייער „מאראל.“

דער הויפּט אנטוויקלונגס־כח אין דער האנדעלס־קאפּיטאליסטי־שער געזעלשאפט איז פונקט ווי פריהער די קאָנקורענץ. איר ווירקונג טרעט ארויס אלץ קלארער און שארפער, די אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט געהט אלץ שנעלער, וואָס שוואַכער עס ווערען די אַלטע שטערונגען אויף איר וועג, — די פעאדאלע און צעך־פארמען, און די צושטאַרקע רעגולירונג פון דער פּראָדוקציע און האנדעל דורכ׳ן שטאָט, א. אז. וו.

דער האנדעלס־קלאַס געהט פאראויס אין דער דאזיגער אנטוויק־לונג און ציט מיט זיך מיט די אנדערע געזעלשאפטליכע כחות, און פריהער פון אלץ דעם שטאט. זיין יאָגען זיך נאָך נייע מארקען, זיין שטרעבען אויסצובּרייטערען דעם פעלד פון זיין אויסטויש טעטיגקייט, צווינגט אים צו פארפאָלקאָמענען די טעכניק פון ים־רייזען: מען הויבט אָן צו בויען גרויסע און שטאַרקע שיפען: דער פּראָגרעס פון

א. באַגדאַנאָוו

דער אַסטראָנאָמיע און די אַנווענדונג פון קאָמפּאַס פאַרזיכערען דעם גאַנג פון די דאָזיגע שיפען.

ענג פאַרבונדען מיט דער אַנטוויקלונג פון גאָהענטע באַציהונגען צווישען פאַרשיידענע לענדער, איז די אַנטשטעהונג פון נייע אַפּטיילונגען פון דער פּראָדוקציע, וועלכע האָבען אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פון דעם עקאָנאָמישען לעבען; די פּראָדוקציע פון שרייב פּאַפּיר און בוך דרוקעריי, איז אַ מעכטיגער פאַקטאָר אין דער פאַרשפּרייטונג פון וויסען. די דאָזיגע נייע פּראָדוקציעס פאַרשנעלערען שטאַרק די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט בכלל.

דער אַלגעמיינער פּראָגרעס פון לעבען זעהט זיך אָן אויף אַלע פעלדער פון דער פּראָדוקציע. זי וואַקסט שטאַרק אויס, עס ענדערט זיך די טעכניק, בכלל איז דאָס די צייט וועלכע ווערט באַצייכענט פון היסטאָריקער, אַלס „די צייט פון די גרויסע ערפינדונגען און אַנטדעקונגען."

דאָס איז אויך די צייט פון דער „אויפלעבונג פון די וויסענשאַפטען און פון דער קונסט" וואָס קומט פאָר מיט דער הילף פון די רעשטלאך פון די אַלט־קלאַסישע, יורידישע, ליטעראַרישע און קונסט פאָרמען. די דאָזיגע ירושה איז געלעגען אומבאַנוצט ביז דער צייט ווען די געזעלשאַפט האָט דערגרייכט יענע שטופע פון אויסטויש, אויף וועלכער עס איז געשטאַנען די קלאַסישע וועלט אין דער צייט פון איר בליהונג, ווען אָבער יענע שטופע איז דערגרייכט געוואָרען, איז די דאָזיגע ירושה גוט אויסגענוצט געוואָרען און האָט פאַרשנעלערט און פאַרלייכטערט די אַנטוויקלונג פון די נייע פאָרמען פון דענקען און האַנדלען.

אין דרום מערב אייראָפּע דאַרף פאַר'ן אָנהויב פון האַנדעלס־קאַפּיטאַל גערעכענט ווערען דער דרייצענטער יאָרהונדערט, פאַר די צפון לענדער דאַרף גערעכענט ווערען — דער פערצענטער יאָרהונדערט. בעצם איז די אַנטוויקלונג פון האַנדעלס־קאַפּיטאַל פאַרבונדען מיט דער אַנטוויקלונג פון די אויסטויש באַציהונגען גופא. די האַנדעלס־קאַפּיטאַליסטישע עפּאָכע ענדיגט זיך אַרום דעם אָנהויב פון

פּאָליטישע עקאָנאָמיע

16טען יאָרהונדערט, ווען עס הויבט זיך אָן צו אַנטוויקלען די מאַנו־פאַקטור. די אַנטוויקלונג פון האַנדעלס־קאַפּיטאַליזם געהט אָבער אויך ווייטער אין גלייכצייטיג מיט דער אַנטוויקלונג פון דעם אינדוסט־ריעלען קאַפּיטאַליזם.

אין די איטאַליענישע רעפּובּליקען (ווענעציע, גענואַ און אַנד.) איז דער רעזולטאַט פון זייער מעקלערשער טעטיגקייט אין דעם האַנדעל צווישען מערב אייראָפּע און די אַזיאַטישע לענדער געווען דער אָנהויב פון אַנטוויקלונג פון האַנדעלס־קאַפּיטאַל. די דאָזיגע מעקלעריי וואָס איז געווען דער רעזולטאַט פון דער געאָגראַ־פישער לאַגע פון די איטאַליענישע רעפּובּליקען, האָט זיי געגעבען אַ מעגליכקייט רייך צו ווערען דורך דער עקספּלואַטאַציע פוןביידע צדדים.

די ווייטערדיגע אַנטוויקלונג פון האַנדעלס־קאַפּיטאַל, מיט זיין יאָגען זיך נאָך נייע מאַרקען, ברענגט די אַנטדעקונג פון נייע לענדער: אַמעריקע און די אַפריקאַנישע ברעגען; עס ווערען אויסגעפונען ים־וועגען קיין אָסט־אינדיע און כינע. דער האַנדעלס־קאַפּיטאַל האָט זיך אַנטוויקעלט שנעלער אין די לענדער וועלכע האָבען, אַ דאַנק זייער נאָהענטקייט צום ים, אַמבעסטען געקענט אויסנוצען די נייע מאַרקען; פריהער פון אַלע זיינען דאָס געווען פּאָרטוגאַל און שפּאַניע, דער אַלטער האַנדעל איבער דער יבשה מיט מזרח אַזיע הערט כמעט אינ־גאַנצען אויף, און די פאַרמיטלער פון דעם דאָזיגען האַנדעל, די אי־טאַליענישע רעפּובּליקען, — פאַלען.

שפּאַניע וואָס האָט נאָכער פאַרכאַפּט די נייע לענדער אין איר מאָנאָפּאָל, דערגרייכט גאַנץ שנעל דעם העכסטען פּונקט פון רייכטום און מאַכט. די איידעלע מעטאַלען פון אַמעריקע האָבען אין דעם גע־שפּילט אַ גרויסע ראָליע. אונטער דעם איינפלוס פון דעם דאָזיגען נייעם שטראָם, הויבט זיך אָן דער גאַנצער אייראָפּעאישער האַנדעל שנעל צו אַנטוויקלען.

אָבער אויך דער האַנדעלס־קאַפּיטאַל פון שפּאַניען האָט זיך אַרויס־געוויזען פאַר ניט פעסט גענוג, ווייל ער האָט זיך ניט געשטיצט אויף דער אַנטוויקלונג פון דער אינערליכער פּראָדוקציע פון שפּאַניען, וואָס

א. באַגדאַנאָוו

איז געוועזן גאַנץ שוואַך. די עקאָנאָמישע אויפבליהונג וואָס שטיצט זיך אויף רויב און מאַנאָפּאָל, איז קיין מאָל ניט קיין פעסטע. זי פאַרשטאַרקט צופיל דעם פּאַראַזיטישען עלעמענט אין דער געזעלשאַפט, און שטערט דערמיט דעם פּראָגרעס. דער האַנדעל און די עקאָנאָמישע הערשאַפט געהען איבער צו האָלאַנד, וועלכע האָט זיך אינדוסטריעל פיל שנעלער אַנטוויקעלט. (האָלאַנדס פּלאַץ ווערט שפּעטער פאַרנומען פון ענגלאַנד.)

גלייכצייטיג מיט דעם איבערגאַנג פון דעם האַנדעל פון איין לאַנד אין א צווייטער קומט פאָר די אויסברייטערונג פון דער אָרגאַניזאַטארישער ראָליע פון האַנדעלס־קאַפּיטאַל אין דער פּראָדוקציע; דער האַנדעלס־קאַפּיטאַל, אויסברייטערענדיג זיין איינפלוס אויף דער פּראָדוקציע, נעמט אַלץ מער און מער אָן די פאָרמע פון דעם אינדוסטריעלען קאַפּיטאַליזם.